Kehila Dr. Herzl
DE
LOMAS DE ZAMORA

60° ANIVERSARIO
1910 - 1970



אַלמאַנאַך

אַרויסגעגעבן
צום
60-יאָריקן יובילעאום

1910 28-VIII 1970

לאָמאַס דע סאַמאָראַ

Digitized by Project Zikaron
Touro University-NY Libraries
www.zikaron.tourolib.org
2024

מ. פייגנבלום

אַלמאַנאַך

פון דער קהילה „ד״ר הערצל״

אין

לאַמאַס דע סאַמאַרא

אין איר 60סטן אַניווערסאַר

1910 - 1970

רעדאקטאר: בצלאל באלער

לאמאס דע סאמארא, פראווינץ בוענאָס־איירעס
ארגענטינע

Digitized by Project Zikaron
Touro University-NY Libraries
www.zikaron.tourolib.org
2024

אַלמאַנאַך־קאָמיסיע

זלמן טערעביזשניק
אברהם טשאַרני ע״ה
לייבל באָקלער
משה קאַגאַרליצקי
חיים קאַשטעלאַן (פּרעזידענט)
מלך דאָרויק (סעקרעטאַר)

☆

געזאַמלט דעם מאַטעריאַל:
זלמן טערעביזשניק

אינהאַלט:

זייט

פאַרוואָרט — — — — — — — — — — — — — — 9
די געשיכטע פון דער קהילה „ד״ר הערצל״ אין לאָמאַס — — 17
די אינטעגראַל שולע „ד״ר הערצל״ — — — — — — — — 59
דער קולטור־צענטער „אַטענעאָ״ — — — — — — — — — 67
די ציוניסטישע אַגודה „ד״ר משלענאָוו״ — — — — — — 69
וויצ״א־קאָמיטעט „עמאַ לאַזאַרוס״ אין לאָמאַס — — — 72
„פריינט פון העברעאישן אוניווערזיטעט״ — לאָמאַס — — 74
וויצ״א־קאָמיטעט „תל־אביב״ אין לאַוואַזשאַל — — — — 75
סוב־קאָמיטעט פאַר קרן קימת אין לאָמאַס — — — — — — 77
קרעדיט־קאָאָפּעראַטיווע „ישראל שטרעכער״ — — — — — 79
קרעדיט־קאָאָפּעראַטיווע „25 דע מאַזשאָ״ — — — — — — 81
קלוב פון זילבערנעם עלטער — — — — — — — — — 82

זכרונות און אַרטיקלען פון עסקנים און לערער

זכרונות — פון סאלאָמאָן קאַגאַרליצקי — — — — — — — 85
די גרינדונג פון פאַריין „ד״ר הערצל״ — פון אייזיק סלאָפּאַק 87
זכרונות פון הערמאַן ווײַנער (אינטערוויו) ב. ב. — — — 88
אַן איבערבליק איבער יידישע אינסטיטוציעס אין לאָמאַס —
זלמן טערעביזשניק — — — — — — — — — 89
די קהילה און די קולטור־אַרבעט אין לאָמאַס — צבי קודלאַטש 92
אַ קאַפּיטל זכרונות פון דער ערשטער מאָדערנער יידישער שולע
אין לאָמאַס — מיכל גריוווער (תל־אביב) — — — 94
זכרונות פון אַ געוועזענעם לערער אין לאָמאַס —
ד״ר מאַרקאָס מאָנטשאָר — — — — — — — 97
יידישע נאַציאָנאַלע דערציאונג (שול־דירעקטאָר) — יחיאל קעניג 100
אַביסל זכרונות און אַ התנצלות — בצלאל באַלער — — 102

אינהאַלט

יידישע אינסטיטוציעס אין די ישובים אין דער סביבה פון לאָמאַס

זייט

רעמעדיאָס דע עסקאַלאַדאַ — ב. ב. 107

דער יידישער ישוב אין לאַנוס און זיינע אינסטיטוציעס — איסר קאַמינסקי 111

מאָנטע־גראַנדע — לויט דאַטן, געגעבן פון אברהם פייערשטיין 124

אַדראָגע — דאַטן צוגעשטעלט פון יוסף נוסנבוים 127

בילדער פון פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער און עסקנים אין לאָמאַס 129

אַרטיקלען פון שרייבער און זשורנאַליסטן

דער אָנהייב פון די יידישע קהילות אין מזרח־אייראָפּע — בנציון ברוקער 141

עסקנים און מנהיגים — פּיניע ניעמאָי 144

אַ דור וואָס האָט נישט געהאַט קיין המשך — פּאַליק לערנער 147

פּראָווינציעלע יידן — זלמן וואַסערצוג 150

געסט אין יידישן ישוב פון לאָמאַס 155

חלוצים און עולים פון לאָמאַס 156

די צאָל מיטגלידער און זייערע וווינערטער 157

בילדער פון פאַרשטאָרבענע פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער און עסקנים 161

נאָכוואָרט

פאָרוואָרט

צום 60־יעריקן יובל פון אונזער קהילה „ד״ר הרצל״ אין לאָמאַס דע סאַמאָראַ, האָבן מיר גענומען אויף זיך די אויפגאַבע, לויט דעם באַשלוס פון דער פאָריקער פאַרוואַלטונג, אונטער דער פרעזידענץ פון פאַרמאַצעווט יצחק שטרעכער און סעקרעטאַר זלמן טערעביזשניק, אַרויסצוגעבן אַן אַלמאַנאַך, אין וועלכן עס זאָל דערציילט ווערן, דער געשיכטלעכער גאַנג פון אונזער אינסטיטוציע, פון איר אָנפאַנג ביז הײַנטיקן יאָר.

מיר ווילן דערציילן פון דעם אַלעמען, וואָס דער לאָמאַסער יידישער ישוב שטעלט מיט זיך פאָר, פון די יידיש־נאַציאָנאַלע און געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס און בעיקר די טעטיקייט פון דער קהילה „ד״ר הרצל״, כדי דערמיט באַקענט צו מאַכן אונזערע מיטגלידער און דער יידישער געזעלשאַפט אין אַרגענטינע און גלײַכצײַטיק, זאָל עס דינען פאַר מאַטעריאַל דעם קומענדיקן היסטאָריקער, וועלכער וועט וועלן שרײַבן די געשיכטע פון די יידישע ישובים אין אַרגענטינע, אונזער לאָמאַסער יידישן ישוב בתוכם.

די ראשונים, די גרינדער און די שפּעטערדיקע עסקנים פון אונזער אינסטיטוציע האָבן באַלד אין אָנפאַנג און אין משך פון זייער שפּעטערדיקער אַקטואַציע, געזאָרגט און געלייגט אַכט אויף דעם יידיש־נאַציאָנאַלן גײַסט אין אונזער ישוב און אין זײַנע אינסטיטוציעס. זיי האָבן אויך געזאָרגט דערפאַר, אַז די קינדער זייערע, וואָס וועלן אין זייער צײַט, איבערנעמען די אָנפירונג פון דעם יידיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן אין לאָמאַס, זאָלן גיין אין די זעלבע יידיש־נאַציאָנאַלע וועגן, אויף וועלכע זיי, די ראשונים, זײַנען געגאַנגען.

און אַז די זאָרג און מי זייערע איז ניט געגאַנגען לאיבוד, איז צו זען דערפון, וואָס הײַנט צו טאָג, ווען אונזער קהילה ציילט 60 יאָר עקזיסטענץ, ווערט אונזער קהילה און אַלע אַנדערע יידישע אינסטיטוציעס אין לאָמאַס, אָנגעפירט פון יונגע און עלטערע עסקנים אין זעלבן יידיש־נאַציאָנאַלן גייסט ווי זייערע פאָרגייער.

* * *

גוט האָט געטון די פאַרוואַלטונג פון דער כנסת ישראל „ד״ר הרצל״ אין יאָר 1945, וואָס זי האָט צו איר 35־יעריקער עקזיסטענץ, אַרויסגעגעבן אַן אַלמאַנאַך, ווו עס ווערט דערציילט די געשיכטע פון דער גרינדונג פון אונזער אינסטיטוציע, די ערשטע שוועריקייטן מיט וועלכע די עסקנים האָבן זיך אָנגעטראָפן, זייערע טעטיקייטן אא״וו. ווייל איצט, ווען מיר שרייבן די געשיכטע פון אונזער

קהילה, שעפן מיר פון אים, פון אַלמאַנאַך, די ידיעות וואָס מיר וואָלטן זיי היינט ווען די גרינדער און ערשטע עסקנים (אויסער איינער, דער ה׳ סאַפיר, עד מאה ועשרים) זיינען שוין, ליידער נישטאָ צווישן די לעבעדיקע — נישט געהאַט.

מיר האָבן זיך געמיט און געזאָרגט דערפאַר, אַז אין דער געשיכטע פון אונזער קהילה אין לאַמאַס, וואָס ווערט געשריבן אין דאָזיקן אַלמאַנאַך, זאָלן פאַרפיקסירט ווערן, ווען נאָר אַפילו אין קורצע שטריכן, די טעטיקייט פון די גרינדער, עסקנים און געזעלשאַפטלעכע טוער, וועלכע האָבן די אינסטיטוציע אונזערע געבויט, געלייגט ציגל נאָך ציגל און וואָס אַ דאַנק זייער אַקטואַציע, איז זי געקומען צו דער מדרגה פון אַ מוטער־אינסטיטוציע פון לאַמאַסער יידישן ישוב און אומגעגנט, היינט צו טאָג.

מיר האָבן אויך פאַרצייכנט אין דאָזיקן אַלמאַנאַך, אַלע אינסטיטוציעס די יידישע, וועלכע עקזיסטירן אין לאַמאַס און די נאָענט צו לאַמאַס יידישע ישובים, לויט די דאַטן וואָס זיינען אונז צוגעשטעלט געוואָרן און פון די וואָס מיר האָבן אין אונזער באַזיץ.

פון דעם אַלעם פריער געזאָגטן, איז, אויב אונזער אָנגעשטרענגטע אַרבעט, וועט אונז, ווען נאָר אַפילו טיילווייז, געלונגען, וועלן מיר זיין צופרידן, צו האָבן דערפילט אַ חוב לגבי דער געשיכטע, לגבי אונזערע מיטגלידער און דער גאַנצער יידישער געזעלשאַפט.

די פאַרוואַלטונג, רעדאַקטאָר און אַלמאַנאַך־קאָמיסיע

גרינדער פון דער כנסת ישראל „ד״ר הרצל״
אין לאָמאַס דע סאַמאָראַ

*

יעקב גראַבאיס ע״ה
מאַניש טשערניצער ע״ה
כוליאָ געפנער ע״ה
גרשון ראַפּאָפּאָרט ע״ה
שלמה קאַגאַרליצקי ע״ה
נח זילבער ע״ה
משה שוואַרצמאַן ע״ה
אליהו קראַוז ע״ה
מאיר יונה סלאַפּאַק ע״ה
דוד באָקסער ע״ה
אייזיק ראַכמילעוויטש ע״ה
יעקב געפנער ע״ה
יעקב סטאָליאַר ע״ה

מאַוריסיאָ קאָהן ע״ה
יצחק באָיאַנזשו ע״ה
אברהם טרעבאַלקין ע״ה
אליעזר לאַופער ע״ה
אַבוש סמוט ע״ה
שלמה וואָסקאָבאָיניקאָף ע״ה
בערל געלפאַנד ע״ה
משה טאָלמאַטש ע״ה
בנימין לאָדיזשינסקי ע״ה
שאול סאַפיר
משה סיקולער ע״ה
לייב אקאָפניק ע״ה

ערשטע פאַרוואַלטונג פון דער כנסת ישראל ,,ד״ר הרצל״

אין לאַמאַס דע סאַמאַראַ געוויילט אויף דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג
דעם 28טן אויגוסט 1910

*

פרעזידענט	יעקב גראַבאָים ע״ה
וויצע־פרעזידענט	מאָניש טשערניצער ע״ה
סעקרעטאַר	כוליאָ געפנער ע״ה
פראָ־סעקרעטאר	גרשון ראַפּאַפּאָרט ע״ה
קאַסיר	שלמה קאַגאַרליצקי ע״ה
וואָקאַל	נח זילבער ע״ה
״	משה שוואַרצמאַן ע״ה
רעכענונג־איבערזעער	אליהו קראַוז ע״ה
ערשטער גבאי פון שיל	מאיר יונה סלאַפּאַק ע״ה
צווייטער גבאי פון שיל	דוד באָקסער ע״ה

די פֿאַרוואַלטונג פֿון דער קהילה „ד״ר הרצל״

אין לאָמאַס דע סאַמאָרא — אין יאָר 1970

*

פּרעזידענט	קאָנטאַדאָר חיים קאַסטעלאַן
וויצע־פּרעזידענט	בערל גאַללער
סעקרעטאַר	אינזשעניער מלך האַדיוק
פּראָ־סעקרעטאַר	לואיס סמוד
אַקטן־סעקרעטאַר	מאַוריסיאָ וויינער
קאַסיר	ד״ר ישראל סימקין
פּראָ־קאַסיר	משה שטרעכער
וואָקאַל	משה קאַגאַרליצקי
״	ראובן ברויטמאַן
״	גרעגאָריאָ גאַלאַנטע
״	אַברהם טשאַרני
״	קאָנטאַדאָר משה פּענדויק
״	שמואל מינדעל
וואָקאַל פּאָרטרעטער	יעקב שאַפּאָשניק
״ ״	לואיס וויינבערג
״ ״	יעקב האַלוב
״ ״	משה זאַלצמאַן

רעכענונגס־איבערזעער:

ד״ר איסאַק גוטניצקי, אברהם זאַמערפלעק, אינזש. לואיס ביטשוטע

אַרביטראַזש־קאָמיסיע:

חיים בראָדהיים, לעאָן נאַדעל, לעאָן צוגמאַן

די פֿאַרוואַלטונג פֿון דער קהילה אין לאָמאַס דע סאַמאָרא אין יאָר 1970



עס זיצן פֿון רעכטס צו לינקס: גרעגאָריאָ גאַלאַנטע, מאַוריסיאָ ווײַנער (אַקטן-סעקרעטאַר),אינזש. מלך דאַדיוק (סעקרעטאַר), חיים קאַסטעלאַן (פּרעזידענט), בערל גאַללער (וויצע-פּרעזידענט), ד״ר ישראל סימקין (קאַסיר), לואיס סמוד (פּראָ-סעקרעטאַר), משה שטרעכער (פּראָ-קאַסיר). עס שטייען פֿון רעכטס צו לינקס: פּאַלאָמאָן קיסלגאָף, סאַמועל מינדעל, משה קאַגאַרליצקי, יעקב האָלוב, אברהם טשאַרני ע״ה, ראובן ברויטמאַן, משה פּענדזיק (וואָקאַלן)

די געשיכטע פון דער קהילה „ד״ר הרצל״
אין לאָמאַס דע סאַמאָראַ

דער בראשית פון יידישן ישוב
אין לאָמאַס דע סאַמאָראַ

עס איז געווען אין יאָר 1900, ווען די ערשטע יידישע אימיגראַנטן, געקומענע פון רוסלאַנד, פוילן און אַנדערע מקומות, האָבן זיך אָנגעהויבן באַזעצן אין לאָמאַס דע סאַמאָראַ און אומגעגנט. ווער עס האָט באַקומען אַרבעט אין די „טאַזשערן" פון דער ענגלישער אײַזנבאַן־עמפּרעסע אין נאָענט־ליגענדן שטעטל רעמעדיאָס דע עסקאַלאַדאַ, ווער עס האָט זיך אײַנגעשטעלט מיט אַן אייגן פּרימיטיוון וואַרשטאַטל פון זײַן פאַך און ווער מיט אַ קלייטל אָדער גאָר אַלס „קלאַפּער" ד"ה גאַסן־הענדלער מיטן פּעקל סחורה אויפן אַקסל. און ווען עס האָבן זיך שוין געפונען אין לאָמאַס דע סאַמאָראַ, עסקאַלאַדאַ, באַנפיעלד, אַדראָגע און אַנדערע נאָענט ליגענדע ישובים, אַ פּאָר צענדליק יידישע משפּחות, ווער זיך באַזעצט פריער, ווער שפּעטער, אָבער אַלע „גרינע" אַזוי צו זאָגן, האָט זיך בײַ די דאָזיקע יידן אָנגעהויבן פילן די פאַרשטענדלעכע נויטווענדיקייט זיך צו אָרגאַניזירן אין אַ יידישן פאַריין. מיר שטרײַכן אונטער: „יידישער פאַריין", מחמת זיי האָבן זיך געפונען אין אַ פרעמדן נישט־יידישן אַמביענט, און האָבן געבענקט צו אויסלעבן זיך אין אַ יידישער סביבה, איבערהויפּט ווען עס איז געקומען די ימים נוראים און אַנדערע יידישע ימים טובים, דאַן האָט זיך די בענקשאַפט נאָך אַ ביסל יידישקייט און בכלל יידיש־געזעלשאַפטלעך לעבן, ווי זיי זיינען עס געוווינט געווען צו פּראַקטיצירן אין זייערע אַלטע היימען, געפילט נאָך שטאַרקער.

ווי עס האָבן דערציילט די ערשטע תושבים אין לאָמאַס און אומגעגנט: הערמאַן ווײַנער, סאַלאָמאָן קאַגאַרליצקי, שלמה וואָסקאָבויניקאָף, אײַזיק סלאָפּאַק א"אַ, פלעגן אַ פּאָר מנינים יידן זיך צונויפקומען צום „מנין" ווי זיי האָבן עס גערופן, אין אַ פּריוואַטער דירה, אַמאָל בײַ איינעם, אַמאָל בײַ אַ צווייטן יידן, צו דאַווענען אין די ימים טובים און שבתים. זיי האָבן געקויפט אַ ספר תורה און אַנדערע תשמישי קודש און עס איז בעת די צוזאַמענקומען צום „מנין" אַרומגערעדט געוואָרן, ווי אַזוי צו פאַרווירקלעכן דעם געדאַנק פון זיך אָרגאַניזירן אין אַ פּערמאַנענטן יידיש־געזעלשאַפטלעכן פאַרײַן, וואָס זאָל זיך פאַרנעמען בעיקר מיט רעליגיעזע און יידיש־טראַדיציאָנעלע הצטרכותן. מ'האָט שוין אַפילו אָנגעהויבן זאַמלען געלט, מיטן צוועק צו קויפן אַ פּלאַץ פאַר אַ בית עולם, אָבער צוליב פאַרשידענע סיבות און בעיקר צוליב דעם פעלן די אָרגאַניזיר־פעאיקייט, איז דער ווילן זייערער, דאַן, נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן.

עס זיינען אַזוי אַריבער עטלעכע יאָר און די געלעגנהייט פון גרינדן אַ ווירקלעכע יידישע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציע, איז געקומען צופעליק און אומדערוואַרט, אַדאַנק אַ יידן פון בוענאָס־אײַרעס, נחום גינזבורג איז געווען זײַן נאָמען. די השגחה אַליין, ממש, האָט אים צוגעשיקט צו די דאָזיקע אומבאַהאָלפענע, אין אָרגאַניזאַציאָנעלן זינען, יידן אין לאָמאַס. ס'האָט אים קיינער אין לאָמאַס ביז דאַן, ניט געקענט. אַן צו רופן אים, איז

ער ספּעציעל פון בוענאָס-אײַרעס, געקומען עטלעכע מאָל קיין לאָמאַס און צוזאַמען מיט די אָרטיקע תושבים אַרומגערעדט און צוגעגרייט די פּלענער, געגעבן עצות, ווי אַזוי די יידן פון לאָמאַס און אַרומיקע ישובים, דאַרפן זיך אָרגאַניזירן.

נחום גינזבורג, אַ עכט נאַציאָנאַלער ייד, ציוניסטישער עסקן און זאָרגער פאַר כלל-ישראל-אינטערעסן, ווי מען האָט אים שפּעטער דערקענט, האָט זיך דאָ אין לאָמאַס דע סאַמאָראַ אָנגעטראָפן מיט יידן, מיט וועלכע ער האָט קיין סך ניט געדאַרפט אײַנקנעלן און זיי צורעדן, אַז זיי זאָלן זיך אָרגאַניזירן ווי געהעריק: וויילן אַ פאַרוואַלטונג, פירן אַקטן אויף זיצונגען אאַ״וו, ווי אַ אינסטיטוציע דאַרף זיך פירן, און בעיקר זאָרגן פאַר אַ אייגענעם בית עלמין, אַז מען זאָל ניט דאַרפן מקבר זײַן קיין יידן אויף אַ קריסטלעכן בית-הקברות, ווי עס האָט שוין פּאַסירט פריער אין אייניקע פאַלן, און עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו פאַררופן אַ פאַרזאַמלונג צו גרינדן דעם געגאַרטן פאַריין, וואָס זאָל זיך אָפּגעבן צו דער טעטיקייט פון די יידישע רעליגיעזע און אַנדערע געזעלשאַפטלעכע הצטרכותן פון די יידן אין לאָמאַס דע סאַמאָראַ און אומגעגנט.



די ערשטע פּאַרוואַלטונג פון דער כנסת ישראל „ד״ר הרצל״ און א טייל מתפּללים אין
בית הכנסת אין יאָר 1910. אין צענטער (מיטן ספר) מאיר יונה סלאָפּאַק ע״ה

די געשיכטע פון דער כנסת ישראל „ד״ר הרצל”
(הײַנט — קהילה „ד״ר הרצל”)

אין לאָמאַס דע סאַמאָראַ

דעם 28-טן אויגוסט פון יאָר 1910, איז פאָרגעקומען אַ פאַרזאַמלונג אין הויז פון מאַניש טשערניצער, אויף גאַס אַסאַראַ 139 אין לאָמאַס דע סאַמאָראַ, מיט דער אָנוועזנהייט פון פאָלגנדע 25 פערזאָן: יעקב גראַבאַים, מאַניש טשערניצער, כוליאַ געפנער, גרשון ראַפאַפּאָרט, סאַלאָמאָן קאַגאַרליצקי, נח זילבער, משה שוואַרצמאַן, אליהו קראַוז, מאיר סלאַפאַק, דוד באָקסער, אײַזיק ראַכמילעוויטש, יעקב געפנער, יעקב סטאָלאַר, מאַוריסיאַ קאָהן, יצחק באָיאַנזשו, אַברהם טערבאַלקין, אליעזר לאַופער, אַביש סמוד, שלמה וואָסקאָבויניקאָף, בערל געלפאַנד, משה טאָלמאַטש, בנימין לאַדיזשינסקי, שאול סאַפיר, משה סיקולער און לייב אָקאָפניק.

נאָך אַ קורצן מיינונגס-אויסטויש איז באַשלאָסן געוואָרן צו גרינדן דעם פאַריין, (אויף דעם פאָרשלאַג פון נחום גינזבורג) מיט דעם נאָמען, כנסת ישראל „ד״ר הרצל” אין לאַמאַס דע סאַמאָראַ.

עס זיינען באַלד אויסגעטיילט געוואָרן פאָלגנדע קאָמיסיעס: שאַפן מיטגלידער — הערמאַן וויינער, נפתלי רעצעפטער, יעקב סטאָליאַר, משה שוואַרצמאַן, וועלכע זיינען געגאַנגען צו יידן אין די פאַרשידנסטע ערטער ווו זיי האָבן געוואוינט און זיי אַגיטירט צו ווערן מיטגלידער אין נײַ-געגרינדעטן פאַריין. מיט זאַמלען געלט צו קויפן אַ פלאַץ פאַר אַ בית עולם האָבן זיך אָפגעגעבן — כוליאָ געפנער, ס. קאַגאַרליצקי און ש. וואָסקאָבויניקאָף. אַ סוב-קאָמיסיע פון כוליאָ געפנער, יעקב גראַבאָים, לייב איצקאָוויטש און דוד באָקסער האָט זיך אָפגעגעבן צו אויסאַרבעטן סטאַטוטן פאַרן נײַ-געשאַפענעם פאַריין. און דעם 2-טן אַפּריל פון יאָר 1911, ד״ה מיט 7 חדשים שפעטער נאָך דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג, איז פאָרגעקומען די ערשטע גענעראַל-פאַרזאַמלונג, אויף וועלכער עס זיינען באַשטעטיקט געוואָרן די צוגעשטעלטע סטאַטוטן און עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו בעטן ביי דער רעגירונג יורידישע אָנערקענונג („פערסאָנעריאַ כורידיקאַ”). אין דער נײַער פאַרוואַלטונג זיינען געוויילט געוואָרן יעקב גראַבאָים אַלס פרעזידענט כוליאָ געפנער — סעקרעטאַר און סאַלאָמאָן קאַגאַרליצקי — קאַסיר. דער נאָמען פון פאַריין, איז ווי געזאָגט פריער, באַשטימט געוואָרן זאָל זײַן אויף יידיש „כנסת ישראל „ד״ר הרצל” און אויף שפאַניש: „סאָסיעדאַד איזראַעליטאַ דע בענעפיסענסיאַ אי סאָקאָרראָס מוטואָס, „ד״ר הערצל”.

אין פאַרלויף פון די ערשטע עטלעכע חדשים, נאָך דער גרינדונג, איז אַדאַנק דער אָנגעשטרענגטער אַרבעט פון די געטרײַע עסקנים, צוגעקומען אַ צאָל מיטגלידער, אויך אַביסל געלט איז געזאַמלט געוואָרן, אָבער ניט גענוג אַז מען זאָל פאַר דעם געלט קענען קויפן אַ פלאַץ פאַר אַ בית עולם, וועגן וועלכן עס איז געווען די הויפט-זאָרג, איז באַשלאָסן געוואָרן צו לײַען אין אַ באַנק 500 פעזעס, מיט דער גאַראַנטיע פון דרײַ פריוואַטע פערזאָנען, זיי זיינען: לייב איצקאָוויטש, דוד באָקסער און סאַלאָמאָן קאַ-

גאַרליצקי ע״ה, (דער לעצטער אַלס קאַסיר פון פאַריין, האָט געמוזט אײַנלייגן אין באַנק די „טיטולאָס” פון זײַן שטוב, אַלס גאַראַנטיע פאַרן חוב).

באַקומענדיק די דאָזיקע הלואה, איז אין יאָר 1912, ווען דער פאַריין האָט שוין געציילט מיט 56 מיטגלידער, געקויפט געוואָרן דאָס פלאַץ פאַרן ערשטן בית עולם אין לאָמאַס דע סאַמאָראַ. (מיר ווילן דאָ באַמערקן, אַגב אורחא, אַז דאָס איז פאָרגעקומען, נישט מער ווי מיט 2 יאָר שפעטער, ווען די חברה קדישא אין בוענאָס־אײַרעס, האָט געקויפט, אין יאָר 1910, דאָס ערשטע פלאַץ פאַר אַ בית עולם אין ליניערס).

אין זעלביקן יאָר 1912 דעם 31־טן יולי, איז באַקומען געוואָרן די באַשטעטיקונג פון דער רעגירונג אויף „פערסאָנעריאַ כורידיקאַ” און אין יאָר 1914, ווען מען האָט געענדיקט אויסצאָלן די 500 פעזעס, וואָס מען האָט געליען אין באַנק, האָט מען ווידער אַמאָל געמאַכט אַ הלואה פון 900 פעזעס, מיט דער גאַראַנטיע פון דרײַ פריוואַטע נעמען: לייב איצקאָוויטש, מאיר אייזיק סלאַפאַק און איסאַק נאַפטאַלי און מען האָט פאַר דעם געלט געמאַכט אַ צוים אַרום דעם בית עולם. ביים פאַרענדיקן די אַרבעט פון אַרומצוימען, איז דורכגעפירט געוואָרן אַן אַקט אויפן בית עולם גופא. עס זיינען דאַן פאַרקויפט געוואָרן, סימבאָליש, ציגל צו די אָנוועזנדע מיטגלידער אויפן אַקט און עס איז געזאַמלט געוואָרן אַ געוויסע סומע געלט פאַר די אַלגעמיינע פאַריינס־צוועקן. עס איז אויך אין דעם יאָר, מיט דער מיטהילף פון די מיטגלידער: טאָוואַראָווסקי, טראַכטנבערג, רעצעפטער, הערמאַן גלוך א״אַ אויסגעבויט געוואָרן דאָס טהרה־שטיבל אויפן בית עולם.

דעם ערשטן נפטר, וועמען מען האָט מקבר געווען אויפן לאָמאַסער יידישן בית עולם, איז פאָרגעקומען אין יאָר 1915 און אין דער זעלבער צייט, זיינען אַריבערגעפירט געוואָרן 2 פון די פריער פאַרשטאָרבענע יידישע קינדער, וועלכע זיינען באַערדיקט געוואָרן אויף אַ קריסטלעכן בית הקברות און זיינען געבראַכט געוואָרן צו קבר ישראל אויפן בית עולם אין לאָמאַס דע סאַמאָראַ.

אויסער דער ספעציעלער פונקציע פון פאַריין „ד״ר הערצל”, שוין אַלס אַ חברה קדישא, האָבן די פאַרוואַלטונגען, פון די ערשטע פעריאָדן אָן, אויך זיך אָפגעגעבן מיט אַלגעמיין־יידישע אינטערעסן, ווי: אויסהאַלטן אַ שיל, אַ שולע און בכלל מיט כלל־ישראל ענינים. עס פלעגן שוין, אין יענער צייט, אַראָפקומען קיין לאָמאַס, פאַרשידענע שליחים, רעדנער, קאָנפערענציסטן און פראָפאַגאַנדיסטן פאַר ציוניסטישע און אַנדערע יידיש־געזעלשאַפטלעכע הצטרכותן און דאָס אָרט פאַר זייער אַקטואַציע, איז שטענדיק געווען דער פאַריין „ד״ר הערצל”, וואו זיי האָבן געפונען די פאַרשטענדעניש און מיטהילף אין זייערע טעטיקייטן און קאַמפיינען, מצד די פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער און עסקנים.

מען האָט, באַלד אין די ערשטע יאָרן, אָנגעהויבן זאָרגן פאַר אַ תלמוד תורה פאַר די קינדער אין שול־עלטער, עס איז אַפילו געווען אַ שטיקל צייט (אַ פאָר יאָר בערך), ווען עס האָבן עקזיסטירט 2 תלמוד תורה׳ס. איינע אַ אָפיציעלע, אַזוי צו זאָגן, אונטער דער אָנפירונג פון פאַריין „ד״ר הערצל” און אַ צווייטע אַ זעלבסטשטענדיקע, אָנגעפירט פון אַ גרופע בעלי בתים, וואָס איז געווען געשטיצט פון דער יי״קאַ. אָבער די ביידע תלמוד תורה׳ס, האָבן זיך לסוף פאַראייניקט אין איין שולע, אונטער דער אָנפירונג פון דער פאַרוואַלטונג פון דער „ד״ר הערצל”־אינסטיטוציע. דער ערשטער יידישער לערער אין לאָמאַס, איז געווען דער גוט־באַקאַנטער ציוניסטישער עסקן, היינט אין ישראל, מיכל גריייוער *)

ווי מיר האָבן פריער דערמאָנט, האָט מען נאָך פאַרן גרינדן דעם פאַריין „ד״ר הערצל” און אין די ערשטע יאָרן נאָך דעם, איינגעאָרדנט אַ „מנין” בעת ימים נוראים, ימים טובים, שבתים א״אַ אין אַ פריוואַטע דירה, מיט היימישע בעלי תפילה, די ערשטע פון זיי, זיינען געווען: נח זילבער, פנחס

---

*) וועגן דער שולע, מער ובאריכות שרייבן מיר באַזונדער.



די פאַרוואַלטונג פון „כנסת ישראל” אין לאָמאַס און אַ טייל פון עולם יידן, וואָס האָבן געפייערט דאָס געבן די באַלפור־דעקלאַראַציע אין יאָר 1917

סיקולער, מאיר סלאַפּאַק, פּנחס שיפּמאַן, מענדל מאפּלאַן און פאַרשטייט זיך, אַז שלא על מנת לקבל פּרס און מיט דעם געלט פון די נדרים ביי עליות און נדבות אין די קערות און אַנדערע באַשטייערונגען ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן, איז אויסגעהאַלטן געוואָרן די שולע.

אויך איז מצד די לאָמאַסער יידן און פון די אַרומיקע יידישע ישובים, אונטער דער השפּעה און אָנפירונג פון דער פאַרוואַלטונג פון דער „כנסת ישראל „ד”ר הרצל”, נישט דורכגעלאָזן געוואָרן אָנטיילצונעמען אין די פאַרשידענע נאַציאָנאַל-יידישע פייערונגען און צו אינטערעסירן זיך מיט אַלגעמיין יידיש-געזעלשאַפטלעכע ענינים. אַזוי צ. ב. האָט מען געפייערט, מיט גרויס פרייד, דאָס אַרויסגעבן אין יאָר 1917, די באַלפור-דעקלאַראַציע. עס איז אין דעם טאָג דורכגעפירט געוואָרן אַ מאַניפעסטאַציע אויף דער לאָמאַסער שטאָטישער פּלאַסע, מען האָט געטראָגן יידישע פענער און פּלאַקאַטן, עס האָבן גערעדט כוליאָ געפנער און אַנדערע פאַרוו. מיטגלידער בשייכות דער פריידיקער געשעעניש, וואָס גיט האָפענונג אַז עס וועט ווידער אויפגעבויט ווערן דאָס יידישע אַלט-ניילאַנד, ארץ ישראל.

אַזוי איז מען אָנגעגאַנגען מיט דער טעטיקייט, אויף די אויבן אָנגעוויזענע רעליגיעזע, נאַציאָנאַלע און געזעלשאַפטלעכע געביטן, מיט קליינע ענדערונגען אין די הויפּטאַמטן פון אַ רייע עסקנים, ווי: לייב איצקאָוויטש, דוד באָקסער, מאיר סלאַפּאַק, כוליאָ געפנער, סאַלאָמאָן קאַגאַרליצקי, יוסף שטרעכער, יוסף אַבראַמאָוויטש, אייזיק ראַכמילעוויטש, הערמאַן גלוך, משה שוואַרצמאַן און אַ רייע אַנדערע, בעת די אינסטיטוציע גופא שיל און די שולע, האָבן זיך געפונען אין געדונגענע לאָקאַלן און דירות, ביי אַ רעדוצירטער צאָל מיטגלידער (ביי די הונדערט), ביז דעם יאָר 1929, ווען עס איז אויף אַ עקסטראַ גענעראַל-פאַרזאַמלונג באַשלאָסן געוואָרן צו קויפן אַן אייגן הויז פאַרן פאַריין און עס איז אין דעם זעלביקן יאָר געקויפט געוואָרן אַ הויז אויף דער גאַס קאַלאָמברעס 589 אין לאָמאַס דע סאַמאָראַ.

1930 — 1949

צוויי יאָר, בערך, איז די כנסת ישראל „ד״ר הרצל״, די שיל, די שולע און אַנדערע אינסטיטוציעס ווי: אַגודת הציונים „ד״ר טשלענאוו״ (געגרינדעט אין יאָר 1918), די קרעדיט־קאַסע נומ׳ 1, היינט — ישראל שטרעכער (געגרינדעט אין יאָר 1917), דער „יידישער יוגנט־פאַריין״ (געגרינדעט אין יאָר 1924), וועלכער האָט זיך פאַראייניקט מיט דעם יוגנט־צענטער „אַטענעאָ״ (געגרינדעט אין יאָר 1930), האָבן זיך געפונען און דורכגעפירט זייערע רעספּעקטיווע טעטיקייטן אין דעם הויז אויף קאַלאָמברעס, אָבער צוליב אומבאַקוועמלעכקייטן און אַנדערע סיבות, האָט מען דאָס דאָזיקע הויז פאַרקויפט אין יאָר 1931 און געקויפט אַ הויז אויף דער גאַס סאַרמיענטאָ 19 אויף די פריוואַטע נעמען פון ישראל שטרעכער און משה סיקולער.

אָבער אויך אין דעם ניי־געקויפטן בנין, האָט מען געוואוינט נישט מער ווי 2 יאָר און אין יאָר 1933, דאָס הויז פאַרקויפט און דאָס געלט דעפּאָזיטירט אין אַ באַנק אויף די נעמען פון ישראל שטרעכער, משה סיקולער און נחמן גאַראָכאָווסקי.

אין זעלביקן יאָר 1933, אונטער דער פּרעזידענץ פון כוליאָ געפּנער און סעקרעטאַר אַברהם עפּשטיין, איז געקויפט געוואָרן דאָס הויז אויף גאָריטי 333. די פולע סומע געלט צו באַצאָלן פאַר דעם נייעם אייגנטום איז נישט געווען, אָבער דער ווילן און די נויטווענדיקייט צו האָבן ענדליך אַ באַקוועמע מקום מנוחה, פאַר אַלע הצטרכותן פון דער אינסטיטוציע, האָט באַוואויגן דער פאַרוואַלטונג און סתם מיטגלידער, זיך אָנצושטרענגען כדי צו שאַפן די נויטיקע סומע געלט פון 8.250 פּעזעס, וואָס דאָס איז געווען אַ העלפט פון דעם באַטרעף פון הויז, וואָס מען האָט געדאַרפט איינצאָלן אין מזומן און אויף דער צווייטער העלפט, איז געמאַכט געוואָרן אַ היפּאָטעקע, אויסצוצאָלן ראַטעס־

פראָנט פון קהילה־בנין אויף גאָריטי 333 אין יאָר 1941

וויז. דער באַטרעף פון הויז, איז הייסט עס, געווען פון 16.500 פעזעס.

כדי צו שאַפן די נויטיקע סומע געלט, וואָס די פאַריינס־קאַסע, ווי געזאָגט פריער, האָט נישט פאַרמאָגט, זיינען געשאַפן געוואָרן סוב־קאָמיסיעס, דורכצופירן זאַמלונגען צווישן די מיטגלידער, עס זיינען געמאַכט געוואָרן אונטערנעמונגען, פאַרקויפט געוואָרן ריפעס און עס איז אַזוי אַרום, געשאַפן געוואָרן, שוין צוזאַמען מיט דעם געלט פון דעם פריער פאַרקויפטן הויז די נויטיקע סומע, איינצוצאָלן די העלפט פון באַטרעף פון בנין אויף גאָרריטי 333, וואָס איז ביז היינט צו טאָג, דאָס אייגנטום פון דער איצטיקער קהילה אין לאָמאַס.

ביים דורכפירן די געלט־זאַמלונגען, אונטערנעמונגען, פאַרקויפן ריפעס אאַ״וו האָבן אַקטואירט: כוליאָ געפנער, ישראל שטרעכער, נחמן גאָראַכאָווסקי, הערמאַן גלוך, פ. וואָלף, יוסף שטרעכער, נחמן שאַמעס, מענדל מאַפלמאַן, דוד פעללער, מאַרקאָס קערזשנער, יוסף צווייג, משה גאָלדמאַן און אַ רייע אַנדערע.

דער חנוכת הבית פון ניי־געקויפטן הויז אויף גאָרריטי, איז פאָרגעקומען דעם 26טן אויגוסט פון יאָר 1934 אין אַ פייערלעכער שטימונג, מיט דער אָנוועזנהייט פון פאָרשטייער פון דער לאָמאַסער מוניציפּאַליטעט און פאָרשטייער פון אַ רייע יידישע אינסטיטוציעס, מיט אַ גרויסער צאָל מיטגלידער און זייערע פאַמיליעס, אַ חזן פון בוענאָס איירעס האָט געזונגען די געהעריקע תפילות און מזמורים. עס איז סערווירט געוואָרן אַ לונטש מיט אַ לחיים און עס זיינען פון אייניקע פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער און מוניציפּאַלע פאָרשטייער געהאַלטן געוואָרן באַגריסונגס־ווערטער צו דער דאָזיקער געלעגנהייט פון חנוכת הבית, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ באַילע פון דער יוגנט, מיט דער באַגלייטונג פון מוזיק־אָרקעסטער פון בית יתומים אין בוענאָס איירעס.

אין יאָר 1935, דעם 25טן אויגוסט איז פאָרגעקומען אַ גען. פאַרזאַמלונג און עס איז געוויילט געוואָרן אַ נייע פאַרוואַלטונג מיט יעקב שמעון ליאַכאָוויצקי אַלס פרעזידענט און חיים קופערשמיד — סעקרעטאַר. יעקב שמעון ליאַכאָוויצקי, וועלכער איז געווען פון די ערשטע יידישע אימיגראַנטן אין אַרגענטינע (געקומען אין יאָר 1891), אָבער אַ נייער תושב אין לאָמאַס, האָט ער, אַ דאַנק זיין אינטעליגענץ, יידישער און אַלגעמיינער בילדונג און קולטור וואָס ער האָט פאַר־

אויפן יום־טוב פון חנוכת הבית פון בנין אויף גאָרריטי 333. אין צענטער: דער מוניציפּאַלער אינטענדענט און ה׳ כוליאָ געפנער

מאָגט, זיין אַקטיווער טעטיקייט אין ציוניסטישע און יידיש-געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס אין בוענאָס איירעס, וואו ער האָט פריער געוואוינט און געזעלשאַפטלעך אַקטואירט (וואָס דאָס איז אַ באַזונדער קאַפיטל פאַר זיך), האָט ער אויך דאָ אין לאָמאַס, באַלד געוואונען די סימפאַטיע און צוטרוי פון כמעט אַלע יידן פון לאָמאַס און אַרומיקע ישובים, וועלכע האָבן אים אונטערשטיצט אין אַלע זיינע איניציאַטיוועס און רעפאָרמעס, וועלכע ער האָט געוואָלט און אָנגעהויבן זיי איינצופירן אין אונדזער אינסטיטוציע. ער, ליאַכאָוויצקי ע״ה, האָט באַוויזן דורכצופירן אין פאַרלויף פון זיינע קנאַפע 2 יאָר אַקטואַציע אין לאָמאַסער יידישן ישוב אַ אינטענסיווע טעטיקייט. (אָבער, ליידער איז ער פלוצלינג געשטאָרבן ערב שבועות, דעם 14טן מאַי 1937 אין עלטער פון 63 יאָר).

מיר וועלן דאָ דערמאָנען אַ טייל פון די טעטיקייטן וואָס זיינען דורכגעפירט געוואָרן במשך אין זיין קורצן פעריאָד: עס זיינען געמאַכט געוואָרן אויסבעסערונגען און אייניקע נויטיקע איינריכטונגען אויפן בית עולם, אַ דאַנק דער מיטאַרבעט פון יוסף שטרעכער, זשאַק גאָרדאָן, דוד גורפינקל, וועלכע האָבן אויפן רוף פון דער פאַרוואַלטונג, פאַר דעם צוועק געזאַמלט אַ סומע פון 895 פעזעס. עס איז איינגעפירט געוואָרן דורכצופירן סעודת-פורים פייערונגען און פורים-באַילעס (די ערשטע פורים-באַילע, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן, האָט אַריינגעבראַכט אַ ריינע הכנסה פון ביי די 2 טויזנט פעזעס). עס זיינען רעפאָרמירט געוואָרן די סטאַטוטן מיט אייניקע אויסבעסערונגס-פונקטן און אַנדערע אַקטיוויטעטן פון באַדייטנדן געזעלשאַפטלעכן ווערט. (ביים רעפאָרמירן די סטאַטוטן, איז דער יידישער נאָמען פון דער אינסטיטוציע געענדערט געוואָרן, אויף „כנסת עברי עדת ישראל ד״ר הרצל״).

אין יאָר 1936, איז אויף דער איניציאַטיוו פון מיטגליד שמעון טשייקין, דורכגעפירט געוואָרן אַ געלט-זאַמלונג און עס איז געקויפט געוואָרן אַ צווייטע ספר תורה, ווייל צוליב דער פאַרגרעסערטער צאָל מיטגלידער און מתפללים אין שיל, איז דאָס באַנוצן זיך מיט דעם איינעם ספר, וואָס איז בשעתו, געשאָנקען געוואָרן פון די יידן פון דעם ערשטן „מנין״, וואָס האָט עקזיסטירט נאָך פאַרן גרינדן פון דער אינסטיטוציע, געוואָרן, ממש, אַ אומעגלעכקייט. עס איז, ווי עס פירט זיך ביי יידן, געמאַכט געוואָרן אַ סיום הספר, מיט דער געהעריקער רעליגיעז-טראַדיציאָנעלער צערעמאָניע און אויפן זעלביקן אַקט פון סיום הספר האָבן יוסף שטרעכער, לעאָן טעפליצקי, שמואל דופיין, בערנאַרדאָ געלפאַנד, משה סיקולער און אַברהם שטרעכער, געשאָנקען דער שיל אַ דריטע ספר תורה און עס איז ווידער, אין אַ שפעטערדיקער דאַטע, געמאַכט געוואָרן אַ סיום הספר-אַקט, ביי דער אָנוועזנהייט פון אַ גרויסן עולם יידן פון לאָמאַס און אומגעגנט.

אין זעלביקן יאָר 1936, האָבן די 39 אַקציאָנערן פון דער דעמאָלט גערופענער, קרעדיט-קאַסע נומ׳ 1 — „ישראל שטרעכער״, געשאָנקען זייערע דיווידענדן פון לויפנדיקן יאָר, אַ סומע פון טויזנט פעזעס, כדי מיט דעם געלט איינצאָלן אַ טייל פון דער היפאָטעקע, וואָס איז געמאַכט געוואָרן בעת דעם קויפן דאָס הויז אויף גאַרריטי, וואָס האָט באַשווערט דעם ביודזשעט פון דער אינסטיטוציע.

נאָך דער פריצייטיקער פטירה פון י. ש. ליאַכאָוועצקי, ע״ה, האָט אים פאַרטראָטן דער וויצע-פרעזידענט יוסף שטרעכער, אַלס פרעזידענט אין אַמט. צוליב דער פאַראַנטוואָרטלעכער אַרבעט פון איינפירן און אין אָרדענונג ברענגען די אַלע איניציאַטיוועס און רעפאָרמען וואָס ליאַכאָוויצקי האָט אָנגעהויבן דורכצופירן און אָנגעצייכנט אין זיין פראָגראַם, אין ראשי פרקים, האָט זיך דער פעריאָד פאַרלענגערט אויף 7-8 חדשים. און אין משך פון אָט דער צייט, האָט יוסף שטרעכער צוזאַמען מיט דער פאַרוואַלטונג געזאָרגט אַז די אָנגעהויבענע און איינגעפירטע טעטיקייטן זאָלן פאָרגעזעצט ווערן אין זעלביקן גייסט און מיט דעם זעלביקן ריטם ווי פריער און מען קען זאָגן אַז זייער מי איז נישט געגאַנגען לאיבוד.

די טעטיקייטן פון דער אינסטיטוציע, זײַנען וואָס ווײַטער, אַלץ מער אָנגעגאַנגען מיט אַ שטײַגנדיקן פראָגרעס. פיל מיטגלידער האָבן אָנגעהויבן אָפט זיך צוזאַמענקומען אין די פרײַע אָוונט-שעהן און אין די זונטיק-פרימאָרגנס און בײַ אַנדערע געלעגנהייטן, וואו מען האָט געמיטלעך און חברלעך פאַרבראַכט, בײַ אַ דאָמינאָ-שפיל, און ווער סתם זיך צו טרעפן מיט חברים און פרײַנט.

דער פאַרשריט און אַנטוויקלונג האָט שוין אַזוי אָנגעהאַלטן, אויך אין קומענדיקן פעריאָד פון די יאָרן 1938 - 1939, ווען עס איז געוויילט געוואָרן אַ נײַע פאַרוואַלטונג מיט יוסף אַבראַמאָוויטש אַלס פרעזידענט, יואל ווערפעל — סעקרעטאַר אין ערשטן יאָר און זיגמונד דענקער — סעקרעטאַר אין צווייטן יאָר. ס'האָבן אָנגעהויבן אַרײַנקומען יידישע און שפאַנישע צײַטונגען און זשורנאַלן צום לייענען פאַר די מיטגלידער. ס'איז געלייגט געוואָרן אַ נײַע פאַל, געביטן טירן און פענצטער, וועלכע זיינען געווען אין אַ שלעכטן צושטאַנד און אַ ריי אויסבעסערונגען זיינען געמאַכט געוואָרן אין די צימערן פון בנין פאַר דער באַקוועמלעכקייט פון די באַזוכער. אין זעלביקן פעריאָד, איז וויכטיק צו דערמאָנען, איז אײַנגעפירט געוואָרן אַ אינערלעכער רעגלאַמענט, וואָס האָט געגעבן די מיטגלידער די פריווילעגיע, זיך צו היילן אין אַ קראַנקן-פאַל בײַ די דאָקטוירים אַווערבאַטש און ראַשקאָוואַן און בײַם ציין-דאָקטאָר ראָזנבערג, פרײַ פון אָפצאָל. עס איז אויך געגעבן געוואָרן די מעגלעכקייט פאַר די מיטגלידער, צו באַקומען אומזיסט יורידישע עצות, בײַם עסקריבאַנאָ חיים שטרעכער.

פון דעם דאָזיקן פעריאָד אָן, האָט מען אָנגעהויבן אײַנצופירן אין דער פראַקטיק, לויט די נײַע, רעפאָרמירטע סטאַטוטן האָבן עס פאַרפליכטעט, דאָס פײַערן מיט אַ עפנטלעכן אַקט די אַרגענטינער פאַטריאָטישע נאַציאָנאַלע יום-טובים: דער 25-טער מאַי און 9-טער יולי. אויך די יידישע רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע יום-טובים און געדענק-טעג זיינען אין אַ פאַרגרעסערטער און פאַרשענערטער פאָרם און פאַרנעם אָנגעהויבן געוואָרן דורכגעפירט צו ווערן.

גלײַכצײַטיק איז געשטיגן די הכנסה אויף אַ צופרידנשטעלנדן אופן און מען האָט געקענט נאָכקומען אַלע אויף זיך גענומענע התחייבותן, ווי שטיצן דער שולע און אַנדערע הוצאות און אויך זיך באַפרײַען פון דער סאַלדאָ פון דער היפאָטעקע אויפן הויז, מיטן אײַנצאָלן די לעצטע 2 טויזנט פעזעס, וואָס מען איז געווען שולדיק.

אין זעלביקן פעריאָד, האָט זיך געשאָפן אַ ערנסט פראָבלעם, וואָס האָט גערופן די אויפמערקזאַמקייט און זאָרג פון דער פאַרוואַלטונג, אַ פראָבלעם, וואָס האָט געפאָדערט אַ דרינגנדע לייזונג. עס האָט זיך געהאַנדלט אין דעם, וואָס דער בית עלמין האָט אָנגעהויבן פאַרפולט ווערן און עס איז אַנטשטאַנען די געפאַר, אַז במשך אַ קורצער צײַט, וועט ניט זײַן מער קיין פלאַץ פאַר נפטרים און פונקט איז אונטערגעקומען אַ גוטע געלעגנהייט, וואָס מען האָט ניט געטאָרט פאַרנאַכלעסיקן, דהיינו: עס איז געקומען אַ פאָרשלאַג פון אַ אייגנטימער פון אַ פלאַץ נעבן בית עולם, אַז ער וויל דאָס דאָזיקע פלאַץ פאַרקויפן פאַרן פרײַז פון 7 טויזנט פעזעס.

די לוינבאַרקייט צו קויפן דאָס דאָזיקע שטיק פעלד איז געווען אַ אויסערגעוויינלעך גוטע, ווײַל עס טיילט זיך אָפ, נישט מער ווי מיט אַ שמאָלן וועג פון דעם ערשטן, שוין כמעט פאַרפולטן בית החיים, און דערפאַר וועט דאָס באַקומען די מוניציפאַלע דערלויבעניש, צו נוצן דאָס פלאַץ פאַר אַ בית עולם, זײַן לײַכטער.

אָן צײַט-פאַרלוסט, איז באַשטימט געוואָרן דאָס פלאַץ צו קויפן. עס איז אײַנגעצאָלט געוואָרן 3 טויזנט פעזעס מזומן און 4 טויזנט פעזעס אויף אויסצאָלן אין עטלעכע ראַטעס. אין די אונטערהאַנדלונגען ביים קויפן דאָס פלאַץ און דאָס דורכפירן בײַ די מוניציפאַלע באַהערדן אַלע נויטיקע פאָרמאַליטעטן, וואָס איז אַגב, נישט אָנגעקומען לײַכט, האָבן אינטערוועניערט, צוזאַמען מיטן פרעזידענט יוסף אַבראַמאָוויטש — אַברהם איצקאָוויטש, יוסף שטרעכער, דוד קאָטליאַר און דוד באָקסער. פיל צײַט, מי און טרחה האָבן די דאָזיקע יידן-עסקנים אַוועקגעגעבן, ביז זיי האָבן פאַרענדיקט זייער אַרבעט, מיט דערפאָלג.

⁂

אַ באַערונגס־אַקט פאַרן געזעלשאַפטלעכן עסקן זלמן טערעביזשניק, אין יאָר 1941

אין די יאָרן 1940 - 1941, אונטער דער פּרעזידענץ פון איסאַק קוילע ע"ה און יבדלו לחיים, סעקרעטאַר פאַביאַ דיק אין ערשטן יאָר און זלמן טערעביזשניק — אין צווייטן יאָר, איז צווישן אַנדערע אַקטיוויטעטן וואָס זיינען דורכגעפירט געוואָרן, געווען צו פאַרצייכנען, נאָך אַ געלונגענעם קויף פון אַ פּלאַץ, וואָס געפינט זיך בשכנות פון דעם בנין אויף גאַררעטי 333, פאַר וועלכן עס איז באַצאָלט געוואָרן 7 טויזנט פּעזעס. די צאָל מיטגלידער איז דאַן געווען שוין אַריבער 500 און וואָס ווײַטער אַלץ מער האָט מען זיך גענויטיקט אין מער פּלאַץ און באַקוועמלעכקייט פאַר די צוזאַמענקומען אויף אַקטן, אונטערנעמונגען, וואָס זײַנען דורכגעפירט געוואָרן, בעיקר פאַר דער שולע, וואָס, הגם די צאָל קינדער וואָס האָבן באַזוכט די שולע, איז געווען ניט מער ווי ביי די 40, דאָך איז נוי-

דיכטער נתן ביסטריצקי (שליח פון ישראל) פּראָקלאַמירט דעם „כפר אַרגענטינה" אין יאָר 1942. עס זיצן פון רעכטס: פרוי סאַבינאַ פייערשטיין (דריטע), יצחק שטרעכער, זלמי טערעביזשניק, יצחק הרכבי (איצט ישראל־אַמבאַסאַדאָר אין בראַזיל) נתן ביסטריצקי (אין צענטער) פרוי ראָזאַ דע טשערווינסקי ע"ה, אײַזיק סלאַפּאַק ע"ה, יוסף בורשטיין און כוליאַ גענער ע"ה



א טייל פאַרוואַלטונגס-מיטגלידער פון „כנסת ישראל״ אין יאָר 1940. עס זיצן פון רעכטס: יוסף פישער ע״ה, יוסף שטרעכער ע״ה, נאַטאַליאַ גורעוויטש (סעקרעטאַר) און יעקב סטאָליאַר ע״ה. שטייען פון רעכטס: אליעזר פייגעלים, יצחק רובינשטיין, אברהם פייערשטיין, חזן יוסף בורשטיין, משה סאַנטימער און יוסף בערנשטיין ע״ה.

טיק געווען אַ פרייַ פּלאַץ פאַר די קינדער בעת די הפסקות און פאַר אַנדערע צוועקן, און די פאַרוואַלטונג האָט אָן צייַט-פאַרלוסט די קניה פון פּלאַץ קאָנקרעטיזירט. די ערשטע בייַשטייַערונג פון טויזנט פּעזעס, האָט געגעבן דער פרעזידענט איסאַק קוילע, נאָך וועמען עס זייַנען נאָכגעקומען מיט גרעסערע און קלענערע באַשטייַערונגען, לויט זייערע מעגלעכקייטן, אַ צאָל יחידים און אינסטיטוציעס.

אין דעם יאָר, איז באַשטימט געוואָרן אַלס אַ ערן-מיטגליד, דער מיטגרינדער און עקס-פרעזידענט אין 2 פעריאָדן: משה שוואַרצ-



פראָקלאַמירונגס-אַקט פאַרן קרן היסוד (1942). פון רעכטס: משה סאַנטימער, יצחק שטרעכער, אברהם פייערשטיין, נאַטאַליאַ גורעוויטש, יוסף פישער ע״ה, יצחק רובינשטיין, שלום וואַקס ע״ה, ה׳ לערמאַן, כוליאַ געפּנער ע״ה, מרדכי קויפמאַן, יעקב בן אורן (שליח), יוסף שטרעכער ע״ה, מ. ברומער, וואָלף זאַמערפלעק, ישראל שטרעכער ע״ה, אהרן קלינאַיז, זלמן טערעביזשניק, יצחק קוילע ע״ה, יוסף אַבראַמאָוויטש ע״ה

מאַן, פאַר זייַנע פאַרדינסטן לטובת דער אינסטיטוציע.

* * *

אין די יאָרן 1942 - 1943, איז געווען פרעזידענט כוליאַ קוילע און סעקרעטאַרן אין ערשטן יאָר כוליאַ געפנער און אין צווייטן יאָר נאַטאַליאַ גורעוויטש. אויסער די רעגולערע נאָרמאַלע טעטיקייטן, וואָס זיינען איינגעשטעלט און געפירט געוואָרן פון זייערע פאָרגייער אין די פריערדיקע פעריאָדן און זיינען אין דאָזיקן פעריאָד פאָרגעזעצט געוואָרן מיט אַחריות און פאַרשטענדניש, איז אויך געלייגט געוואָרן אַכט פאַר אויסערלעכע, אין שייכות צו דער אינסטיטוציע, ענינים. צום בייַשפיל: עס איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ געמויערטע וואַנט אין פראָנט פון נייַ-געקויפטן פלאַץ, עס איז געלייגט געוואָרן אַ געפלאַסטערטער דיל אין דעם זעלבן און אַנדערע איינריכטונגען, ווי: סאַניטאַרע, אַ שפילפלאַץ פאַר די קינדער פון שולע בעת די הפסקות, פאַר פינג-פאָנג-שפיל פאַר דער יוגנט פון קולטור-צענטער „אטענעאַ" א"אַ.

* * *

אין יאָר 1944 איז געוויילט געוואָרן אַלס פרעזידענט יוסף אַבראַמאָוויטש ע"ה און יבדל לחיים, נאַטאַליאַ גורעוויטש — סעקרעטאַר. צווישן אַלע אַנדערע טעטיקייטן פון דער פאַרוואַלטונג אונטער דער אינטעליגענטער און דינאַמישער אַנפירונג פון פרעזידענט, האָט די פאַרוואַלטונג געפונען פאַר דרינגענד נויטיק אַרומצוצוימען דעם נייַעם בית עולם, וואָס איז צוריק מיט 5 יאָר געקויפט געוואָרן, מאַכן צעמענטירטע וועגן און אַנדערע איינריכטונגען אין דעם זעלבן.

אויף צו דעקן די סומע פון 60 טויזנט פעזעס, וואָס די אויבנדערמאָנטע אַרבעטן דאַרפן קאָסטן, איז באַשטימט געוואָרן אַ בוי- און זאַמל-קאָמיסיע אין באַשטאַנד פון די עסקנים ישראל שטרעכער, יוסף פישער, כוליאַ געפנער, יצחק קוילע, מענדעל מאַפלאַן, הערמאַן וויינער, זיגמונד דענקער, בערל גאַלער, דוד סמוד, משה סאַנטימער, יצחק רובינשטיין, הירש מלך האָרניק, יוסף זלאָטניק און יוסף בערנשטיין. אַט די אַלע דערמאָנטע, זיינען אַנגעגאַנגען מיט זאַמלונגען צווישן די מיטגלידער און מיטגעאַרבעט מיטן בוי-מייַסטער בנימין געפנער, אונטער וועמענס פרייַוויליקער פאַכמענישער דירעקציע, די אַרבעט איז דורכגעפירט געוואָרן.

די פאַרוואַלטונג, ווידער, האָט פאַרופן אַ עקסטראַ גענעראַל-פאַרזאַמלונג פון מיטגלידער, וועגן העכערן דעם מיטגליד-אָפּצאָל מיט 1 פעזע חודשלעך אויף אַ צייַט פון 18 חדשים, אַלס ספעציעלע באַשטייַערונג פון יעדן מיטגליד, אָן אויסנאַם, פאַרן בוי-פאָנד. די אַנוועזנדע מיטגלידער, האָבן מיט אַ גרויסער מערהייט שטימען דעם פאָרשלאַג פון דער

פאַרוואַלטונגס-מיטגלידער און בוי-קאָמיטעט פאַרן נייַעם בית עולם אין יאָר 1944

פאַרוואַלטונג באַשטעטיקט. אויף דער ווענדונג צו דער חברה קדישא אין בוענאָס אײַרעס, האָט זי באַוויליקט אַ הלואה פון 5 טויזנט פעזעס. מען האָט זיך אויך געווענדעט צו אינסטיטוציעס און יחידים פון בוענאָס אײַרעס און אַנדערע ערטער און עס האָבן זיך אָפגערופן אייניקע מיט גרעסערע און קלענערע באַשטײַערונגען.

זונטיק דעם 5טן נאָוועמבער 1944, איז פאַרגעקומען דער אַקט פון לייגן דעם גרונטשטיין אויפן נײַעם בית עולם. עס זײַנען בײַגעווען אַ גרויסע צאָל מיטגלידער, געסט, פאַרשטייער פון אינסטיטוציעס פון בוענאָס אײַרעס, פון לאָמאַס און די אַרומיקע ישובים. די תפילות, פאַסיקע פאַר אַזאַ אַקט, זײַנען אָפגעריכט געוואָרן פון חזן פנחס באָרנשטיין ע"ה, עס האָבן גערעדט הרב ערליך, דער פרעזידענט יוסף אַבראַמאָוויטש ע"ה און יבדל לחיים, דער פאַרוואַלטונגס-מיטגליד בצלאל באַלער. עס זײַנען פאַרקויפט געוואָרן (סימבאָליש) צו די אַנוועזנדע 3 מאָל צו 18 ציגל, וועלכע זײַנען אײַנגעמויערט געוואָרן צוזאַמען מיט אַ „פערגאַמין", אין וועלכן עס ווערט פאַראייביקט, אין שריפט, די באַדײַטונג פון דאָזיקן אַקט פון לייגן דעם גרונטשטיין. כמעט קיינער האָט נישט אויסגעמיטן פון צו נעמען אַ אָנטייל מיט אַ באַשטײַערונג. די חברה קדישא פון בוענאָס אײַרעס, האָט זיך באַשטײַערט מיט 2 טויזנט פעזעס און די יידישע האַנדלס-קאָאָפעראַטיוועס פון דער גאַס וויקטאָריאַ און פון גאַס קאַנגאַזשאָ אין בוענאָס אײַרעס, האָבן זיך באַשטײַערט צו 500 פעזעס יעדע איינע.

קוואַטערס אַראָפצולאָזן דעם אַקט אויפן באָדן פון גרונטשטיין זײַנען געווען וואָלף וואַרשאַווסקי און פרוי, וועלכע האָבן פאַר דעם צוגעטיילטן כבוד, זיך באַשטײַערט מיט 2 טויזנט פעזעס. אין אָוונט פון זעלבן טאָג, איז סערווירט געוואָרן אַ לונטש אין סאַלאָן פון גאָרריטי, פאַר מיטגלידער, געסט און פאָרשטייער פון אינסטיטוציעס, מיטן אָנטייל פון חזן פנחס באָרנשטיין און עס איז ווידער דורכגעפירט געוואָרן אַ זאַמלונג, מיט אַ באַדײַטנדן דערפאָלג.

אין דעם יאָר האָט די פאַרוואַלטונג, צוזאַמען מיט דער אגודת הציונים „ד"ר טשלענאָוו", קרעדיט-קאַסע נומ. 1, קרעדיט-קאַסע נומ. 2, „וויצאָ"-לאָמאַס, ליגע פאַרן אַרבעטנדן ישראל און יוגנט-צענטער „אַטענעאָ", אָרגאַניזירט אַ סוב-קאָמיטעט פאַר הילף די יידישע מלחמה-געליטענע, אין פאָלגנדן באַשטאַנד: פרעזידענט, יוסף אַבראַמאָוויטש, וויצע — זלמן טערעביזשניק; סעקרעטאַר אין יידיש — בצלאל באַלער; סעקרעטאַר אין שפאַניש — הערמאַן געפנער; קאַסיר — אַברהם פײַערשטיין, פראָ-קאַסיר — חיים טשערטקאָוו. וואָקאַלן: יוסף שטרעכער, יוסף בורשטיין, נאַטאַליאָ גורעוויטש, בערל גאַללער, איסאַק שטרעכער. רעווידיר-קאָמיסיע: פרויען — פאַולינאַ אַבראַמאָוויטש און פאַני פײַערשטיין. די דאָזיקע סוב-קאָמיסיע האָט זיך אינטענסיוו אָפגעגעבן מיט דורכפירן זאַמלונגען צווישן דער יידישער באַפעלקערונג פון לאָמאַס און אומגעגנט און אויפגענומען באַשטײַערונגען בײַ אַ ריי אינסטיטוציעס און דאָס געזאַמלטע געלט איבערגעגעבן אין צענטראַל-קאָמיסיע פאַר די מלחמה-געליטענע אין בוענאָס-אײַרעס.

⁂

אין יאָר 1945, ווען די כנסת ישראל, „ד"ר הערצל", האָט געציילט מיט 35 יאָר עקזיסטענץ, האָט די פאַרוואַלטונג מיט פרעזידענט יוסף אַבראַמאָוויטש און סעקרעטאַר יצחק רובינשטיין בראש, באַשלאָסן אָפצומערקן די דאָזיקע היסטאָרישע דאַטע פאַרן לאָמאַסער יידישן ישוב מיט אַ ריי עפנטלעכע אַקטן און פײַערונגען און אַרויסגעבן אַן אַלמאַנאַך, אין וועלכן עס זאָל אָפגעשפיגלט ווערן דער געשיכטלעכער גאַנג פון דער אינסטיטוציע במשך די 35 יאָר עקזיסטענץ.

עס איז אויסגעוויילט געוואָרן אַ סוב-קאָמיסיע וואָס זאָל צוגרייטן די פײַערונגען, אין באַשטאַנד פון פאָלגנדע פערזאָנען: פעסט-פאַרוואַלטער יצחק סמוד און די פאַרוואַלטונגס-מיטגלידער און עסקנים: יוסף שטרעכער, אברהם פײַערשטיין, משה גאָלדמאַן, יוסף זלאָטניק, זיגמונד דענקער, בערל גאַללער, יצחק רובינשטיין און בצלאל באַלער.

צו שרײַבן און רעדאַגירן דעם דאָזיקן „אַלמאַנאַך", איז אָנפאַרטרויט געוואָרן דעם פאַרוואַלטונגס-מיטגליד בצלאל באַלער, וועלכער



די פאַרוואַלטונג אין יאָר 1945

זיצן פון רעכטס: הערמאַן גלוד ע״ה, לייב שיפמאַן ע״ה, מאַוריסיאָ וויינער, יוסף אַבראַמאָוויטש ע״ה (פּרעזידענט), יצחק רובינשטיין (סעקרעטאַר) וואָלף וואַרשאַווסקי (קאַסיר), זלמן טערעביזשניק, יצחק סמוד און אייזיק סלאָפּאַק ע״ה. שטייען פון רעכטס: בערל גאַללער, לייבל באָקלער, הערמאַן פרישוואַסער, בצלאל באַלער, ירמיהו סווירינסקי, יעקב איצקאָוויטש ע״ה און משה גאָלדמאַן



רעדאַקציע־קאָמיסיע פון ערשטן אַלמאַנאַך, אַרויסגעגעבן אין יאָר 1945

זיצן פון רעכטס: מאַוריסיאָ וויינער, בצלאל באַלער (רעדאַקטאָר פון אַלמאַנאַך), זלמן טערעביזשניק, הערמאַן גלוד ע״ה, יצחק רובינשטיין און יוסף אַבראַמאָוויטש ע״ה

האָט אויף זיך גענומען (פרייַוויליק) די דאָזיקע אחריות-פולע אַרבעט דורכצופירן, מיט דער מיטהילף פון אַ רעדאַקציע-קאָמיסיע: מאַוריסיאָ וויינער, זלמן טערעביזשניק, הערמאַן גלוך, יצחק רובינשטיין און יוסף אַבראַמאָוויטש.

די פייַערונגס-אַקטן זיינען דורכגעפירט געוואָרן אויף פאָלגנדן אופן: דעם 28-טן אויגוסט, איז אויפן בית עולם דורכגעפירט געוואָרן אַן אַזכרה נאָך די פאַרשטאָרבענע גרינדער און אַלע מיטגלידער במשך דער צייַט. די חזנים מענדל מאַפלמאַן און יוסף בורשטיין האָבן דורכגעפירט די רעליגיעזע טייל פון דער אַזכרה און עס האָבן מיט רירנדע ווערטער גערעדט און מספּיד געווען די פאַרשטאָרבענע גרינדער און בויער פון יידישן ישוב אין לאָמאַס, (וועלכע האָבן, ליידער, נישט דערלעבט דעם דאָזיקן מאָמענט), כוליאָ געפנער און דער פרעזידענט יוסף אַבראַמאָוויטש.

דעם 2-טן אָקטאָבער פון זעלביקן יאָר, איז פאָרגעקומען אין סאַלאָן פון „סירקולאָ איטאַליאַנאָ" אויף גאַס עספאַניאַ 37 די הויפט-פייַערונג. אין אַ יום-טובדיקער שטימונג, מיטן אָנטייל פון אַ גרויסער צאָל מיטגלידער מיט זייערע פאַמיליעס, דעלעגאַטן פון דער חברה קדישא אין בוענאָס אַיירעס, פון קרן קימת און פון אַ ריי לאָקאַלע אינסטיטוציעס. אונטער די קלאַנגען פון אַ מוזיקאַלישן אָרקעסטער און מיט אַ פייַן סערווירטן מיטיק, איז געקומען צום אויסדרוק די פרייד פון פייַערן די 35 יאָר עקזיסטענץ. עס האָבן גערעדט וועגן דער באַדייַטונג פון דאָזיקן יום טוב פאַר לאָמאַסער יידישן ישוב דער פרעזידענט יוסף אַבראַמאָוויטש, דער געוועזענער פרעזידענט יוסף שטרעכער, וועלכער האָט געמאַכט די ברכה „שהחיינו" און דער פאַרוואַלטונגס מיטגליד בצלאל באַלער.

עס האָבן באַגריסט, דער גרינדער און ערשטער סעקרעטאַר כוליאָ געפנער, יוסף פיין פון דער חברה קדישא אין ב.-אַיירעס און יעקב פאַלאַטיצקי פון קרן קימת צענטראַלע א"אַ. אַ באַזונדער אויפמערקזאַמקייט האָט אַרויסגערופן דאָס פרעזענטירן פאַר די אָנוועזנדע דער נאָר-וואָס דערשינענער „אַלמאַנאַך".

עס איז דורכגעפירט געוואָרן אַ רעמאַטע אויפן ערשטן עקזעמפליאַר פון „אַלמאַנאַך" און איז אָפגעקויפט געוואָרן פון מיטגרינדער סאַול סאַפיר פאַר דער סומע פון 1.380 פעזעס. דער צווייטער „אַלמאַנאַך" איז געשאָנקען געוואָרן, לזכרון, דעם ערשטן סעקרעטאַר כוליאָ געפנער און אַ דריטער — דעם ער-

באַערונגס-אַקט פאַרן פאַרוואַלטונגס-מיטגליד, רעדאַקטאָר פון אַלמאַנאַך
בצלאל באַלער און פרוי, אין יאָר 1945

שטן קאַסיר סאַלאָמאָן קאַגאַרליצקי. די פײַערונג האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ באַלע פון יונג און אַלט, ביז אין די שפעטע אָוונטשעהן.

אַ באַזונדער אַקט, איז פאָרגעקומען דעם 3־טן נאָוועמבער פון זעלביקן יאָר, אין באַערונג פאַר דעם רעדאַקטאָר פון „אַלמאַנאַך" בצלאל באַלער, פאַר זײַן פרײַוויליקן אָנשטרענג, צו שרײַבן די געשיכטע פון לאָמאַסער יידישן ישוב מיט אירע אינסטיטוציעס. אונטערן פאָרזיץ פון פרעזידענט יוסף אַבראַמאָוויטש און בײַ געגרייטע טישן, זיינען געקומען צום וואָרט פאָרשטייער פון אינסטיטוציעס און מיטגלידער, אונטערשטרײַכנדיק אויף וויפל עס איז געלונגען דעם באַערטן צו פאַרפיקסירן אין קורצע שטריכן, כמעט אַלץ וואָס עס איז במשך אין די 35 יאָר געזעלשאַפטלעכער אַקטואַציע אין לאָמאַס געטון געוואָרן. עס איז דעם באַערטן איבערגעגעבן געוואָרן אַ אָנדענקס־פערגאַמין מיט אונטערשריפטן פון אַלע אָנוועזנדע און דער פרוי באַלער — אַ בוקעט בלומען.

אין דעם יאָר, איז פאָרגעקומען אין בוענאָס־אײַרעס אַ קאָנגרעס פון חברה קדישאס אין אַרגענטינע, אויף וועלכן עס זיינען געווען דעלעגירט די פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער: יוסף אַבראַמאָוויטש, יצחק רובינשטיין און בצלאל באַלער.

⁂

אין יאָר 1946, איז געוויילט געוואָרן אַלס פרעזידענט יוסף שטרעכער און סעקרעטאַר יצחק רובינשטיין. אין דעם פעריאָד, איז אַ באַזונדער אַכט געלייגט געוואָרן, מיטצואַרבעטן מיט דער שול־פאַרוואַלטונג, כדי צו שטאַרקן און פאַרגרעסערן איר טעטיקייט. עס איז פאַרגרעסערט געוואָרן די סובסידיע פאַר דער שולע, אין וועלכער עס האָט אין לעצטן יאָר זיך פאַרגרעסערט די צאָל קינדער (45).

דעם 11טן דעצעמבער פון דעם יאָר, איז פאָרגעקומען אַן אַטענטאַט אויפן קהילה־בנין. אַ גרופע יוגנטלעכע כוליגאַנעס האָבן אין אָוונט, אַרײַנגעשאָסן אין פענצטער פון סעקרעטאַריע. צום גליק, איז קיינער פון די קוילן ניט געטראָפן געוואָרן.

עס האָבן זיך דאַן אָרגאַניזירט אַ גרופע יידישע יוגנטלעכע, וועלכע האָבן געהאַלטן וואַך אין און אַרום דעם הויז, ספעציעל אין די נעכט און דעם 14־טן פון זעלביקן חודש דעצעמבער האָבן זיך ווידער באַוויזן עטלעכע יונגען, וואָס האָבן געהאַט בדעה נאָך אַמאָל צו שיסן אין די פענצטער פון דער סעקרעטאַריע. זיי זיינען אָבער געכאַפט געוואָרן פון אייניקע בחורים, וואָס זיינען געשטאַנען אויף דער וואַך, זיי גוט „מקיים פסק" געווען און איבערגעגעבן דער פאָליציי.

אין דעם „מעמאָריאַל", וואָס איז צוגעשטעלט געוואָרן צו דער גענעראַל פאַרזאַמלונג, איז צו זען אַ פאַרגרעסערטער אַקטיוו און אַ העכערונג פון די אײַנקונפטן און אויסגאַבן אין אַלע אַנדערע רובריקן, וואָס ווײַזט אָן אויף אַ פאַרשטאַרקטער טעטיקייט אין דעם לויפנדן יאָר.

⁂

די אַקטיוויטעט אין דער אינסטיטוציע, אויף אַלע געביטן פון יידיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן, האָט וואָס ווײַטער, אַלץ מער אָנגענומען אַ קהילה־מעסיקן כאַראַקטער. עס האָט זיך פעריאָדנווײַז, פאַרגרעסערט די צאָל אָנגעשלאָסענע מיטגלידער. אויך פון קילמעס, לאַנוס, וועלכע זיינען, אַגב, געווען פאַרטראָטן מיט זייערע פאָרשטייער אין דער פאַרוואַלטונג, כמעט אין אַלע פעריאָדן.

די שולעס, שילן און אַנדערע אינסטיטוציעס, וואָס עקזיסטירן אין די נאָענטע ישובים צו לאָמאַס, ווערן סובסידירט און געשטיצט בײַ פאַרשידענע געלעגנהייטן, לויט די מעגלעכקייטן.

די צוזאַמענאַרבעט און קעגנזײַטיקע פרײַנטלעכע באַציאונגען צווישן די עסקנים און אינסטיטוציעס אין לאָמאַסער ראַיאָן, האָט געבראַכט צו דעם, אַז אויף יעדן אַקט פון אַ פײַערונג, פון וועלכן כאַראַקטער עס איז, ווי נאַציאָנאַלע אָדער רעליגיעזע יידישע יום־טובים א"אַ וואָס עס ווערן דורכגעפירט, ווערן זיי גוט באַזוכט פון דער מיטגלידערשאַפט.

אָט פון דעם פריער געזאָגטן, איז פאַרשטענדלעך, אַז ווען עס איז דעם 29־טן נאָוועמבער פון יאָר 1947, אָנגענומען געוואָרן אין דער „און" אַ באַשלוס, אַז דאָס יידישע פאָלק האָט די רעכט אויפצושטעלן אַ יידישע

מדינה אויפן היסטאָרישן יידישן באָדן, אין ארץ ישראל און די פאַרוואַלטונג מיטן אָנשלוס פון אַלע יידישע אינסטיטוציעס אין לאָמאַס, האָט דעם 14-טן דעצעמבער פון דאָזיקן יאָר, דורכגעפירט אַן אַקט צו פייַערן דעם דאָזיקן פריידיקן באַשלוס פון דער פעלקער-אָרגאַניזאַציע, פאַר אונז יידן, איז דער סאַלאָן מיט אַלע נעבן-צימערן, געווען צו קליין, דעם גרויסן עולם יידן, אַרייַנצונעמען. עס איז, ממש, געווען אַ פאָלקס-מאַניפעסטאַציע פון אַ ענטוזיאַסטישן עולם יידן, יונג און אַלט. מען האָט געטרונקען לחיים און וועגן דער באַדייַטונג פון דעם דאָזיקן „און"-באַשלוס, וואָס גיט אַ האָפנונג דעם יידישן פאָלק, צו פאַרווירקלעכן דעם חלום פון אויפבויען די יידישע מדינה, האָבן גערעדט זלמן טערעביזשניק, יצחק שטרעכער א"אַ. אין זייערע ווערטער האָבן זיי צוו. אַנד. אונטערגעשטראָכן, אַז ניט אין רייד גייט עס איצט, נאָר אין מעשים, און זייערע רייד האָבן באַקומען דעם געהעריקן ענטפער פון די אַנוועזנדע: עס איז געזאַמלט געוואָרן אויפן דאָזיקן אַקט, פאַרן עמערגענץ-קאַמפּיין, די סומע פון 15 טויזנט פעזעס.

⁂

אין די יאָרן 1948 - 1949, איז די פאַרוואַלטונג אָנגעפירט געוואָרן פון פרעזידענט יצחק רובינשטיין און סעקרעטאַר סאַמועל מירענסקי.

ווידער אַמאָל דאַרפן מיר דאָ אונטערשטרייַכן, אַז נישט פאַרנאַכלעסנדיק די רוטינערע שוין פון פריער אייַנגעשטעלטע אַקטיוויטעטן בנוגע די יידישע און אַלגעמיין-אינסטיטוציאָנעלע ענינים, איז געגעבן געוואָרן אַ באַזונדער אויפמערקזאַמקייט און צוזאַמענאַרבעט מיט דער שול-פאַרוואַלטונג, אָנגעפירט פון איר פרעזידענט, דעם יונגן ציוניסטישן עסקן, פאַרמאַצעווט איסאַק שטרעכער, זון פון פיל-מאָליקן פרעזידענט פון דער כנסת ישראל „ד"ר הרצל", ציוני ותיק יוסף שטרעכער, האָבנדיק די מיטהילף אין זייַן שול-טעטיקייט, דעם געזעלשאַפטלעכן און ציוניסטישן עסקן, לאַנג-יאָריקער קאָרעספּאָנדענט פון „די יידישע צייַטונג" זלמן טערעביזשניק און אַ ריי עסקנים און אַ גרופּע פרויען שול-טוערנס, האָט די שולע אין לאָמאַס פיל-פאַכיק פראָגרעסירט. (וועגן דער שולע און אירע עסקנים, שרייַבן מיר אויספירלעך אין דער געשיכטע פון דער יידישער שולע אין לאָמאַס).

אין דעם יאָר 1948, אַ יאָר וואָס איז אַרייַן אין דער געשיכטע פון יידישן פאָלק, מיט דעם, וואָס ה' אייר — 15 טעג אין חודש מאַי, איז דורך די מנהיגים אין ארץ-ישראל, פראָקלאַמירט געוואָרן די יידישע מדינה, מדינת ישראל, איז אין יידישן ישוב פון לאָמאַס דע סאַמאָראַ, פונקט ווי אין אַלע יידישע ישובים אין דער גאַנצער וועלט, געווען די פרייד ביי יונג און אַלט אין לשער.

אויסער די „לחיימס" וואָס זייַנען דורכגעפירט געוואָרן דורך יעדע אינסטיטוציע באַזונדער, אין טאָג פון דער פראָקלאַמירונג, האָט די פאַרוואַלטונג פון דער כנסת ישראל „ד"ר הרצל", דורכגעפירט זונטיק דעם 17-טן מאַי, אין לאָקאַל פון דער אינסטיטוציע, אַ לונטש מיט אַ „לחיים" פאַר כל דכפין. דער סאַלאָן און די דערנעבנדיקע צימערן איז געווען איבערפולט פון אַ ענטוזיאַסטישן עולם יידן, גרויס און קליין. פאָרשטייער פון אינסטיטוציעס און אַ צאָל יחידים האָבן זיך אויסגערופן מיט באַשטייַערונגען פאַר דער יידישער מדינה. אין די ווערטער פון אַ ריי עסקנים איז געקומען צום אויסדרוק די פריידיקע געשעעניש פון דער ווידער-אויפלעבונג פון דער יידישער מלוכה, מדינת ישראל, אויף אַלע אייביקייטן. יידן האָבן זיך געוואונטשן מזל טוב און פאַרבראַכט מיט געזאַנג און הורא-טענץ ביז שפּעט אין אָוונט.

אין יאָר 1949, דעם 15-טן מאַי, ווען עס איז אויסגעפאַלן דער יום טוב פון ערשטן יום העצמאות של מדינת ישראל, איז דורכגעפירט געוואָרן דורך דער פאַרוואַלטונג צוזאַמען מיט אָנגעשלאָסענע אינסטיטוציעס און מיטן אָנטייל פון די תלמידים פון דער יידישער שולע און זייערע לערער, אַ פייַערלעכער אַקט מיט דער אָנוועזנהייט פון גוט-באַקאַנטן ציוניסטישן עסקן יצחק הרכבי (הייַנט, ישראל-אַמבאַסאַדאָר אין בראַזיל) און פרייַלן עסטעלאַ שאַפּיראָ פון דער „וויצאָ"-צענטראַ-

לע אין בוענאָס־אייַרעס, וועלכע האָבן גערעדט וועגן דער באַדייַטונג פאַרן יידישן פאָלק, דאָס ווידער־אַנטשטיין, נאָך 2 טויזנט יאָר, די יידישע מדינה. עס האָבן אויך גערעדט יצחק שטרעכער און זלמן טערעביזשניק, וואָס האָט אָנגעפירט מיטן פייַערלעכן אַקט.

אין דעם יאָר, האָט די אינסטיטוציע געציילט מיט 578 מיטגלידער.

1950 - 1969

אין יאָר 1950, זיינען דורכגעפירט געוואָרן, אַ צאָל מערקבאַרע טעטיקייטן, צווישן וועלכע מיר נעמען אַרויס פאָלגנדע:

דעם 5־טן פעברואַר איז אויף דער איניציאַטיוו פון וויצע־פּרעזידענט אַברהם פייַערשטיין, געלייגט געוואָרן אַ גרונטשטיין אויף דעם נייַעם בית עלמין, פאַר אַ דענקמאָל, לזכר די 6 מיליאָן קדושים, וואָס זיינען אומגעבראַכט געוואָרן אין דער צווייטער וועלט־מלחמה, דורך די נאַצים און זייערע מיטהעלפער ימ״ש.

מיט אַ אייַנדרוקספולן אַקט און ביי דער אַנוועזנהייט פון אינטענדענט פון דער לאַמאַסער מוניציפּאַליטעט און אַנדערע רעגירונגס־ און מוניציפּאַלע פונקציאָנאַרן און פון פרידנס־ריכטער אין לאַמאַס, האָט געעפנט דעם אַקט דער פּרעזידענט יצחק רובינשטיין, אין נאָמען פון דער „דאַיאַ״־צענטראַלע האָט גערעדט איר פּרעזידענט ד״ר ריקאַרדאָ דובראַווסקי ע״ה. אַ רירנדן הספד נאָך די קדושים האָט געמאַכט הרב דוד מאַליאַר ז״ל און נאָכדעם ווי עס איז דורך דעם שרייַבער שמואל גלאַזערמאַן ע״ה, געלייענט געוואָרן דער טעקסט פון אַן אַקט, געשריבן אויף העברעאיש, יידיש און שפּאַניש, וועגן דער באַדייַטונג, וואָס דער דאָזיקער דענקמאָל שטעלט מיט זיך פאָר, און דער אַקט איז אַראָפּגעלאָזן געוואָרן אויפן גרונט, וואו דער דענקמאָל ווערט געשטעלט. האָט דער חזן פּנחס באָרנשטיין ע״ה, געזאָגט מיט געפיל די געהעריקע צו אַזאַ אַקט, קאַפּיטלעך תהלים און געמאַכט אַ „אל מלא רחמים״ נאָך אונזערע זעקס מיליאָן קדושים.

אַלע אָנוועזנדע אויפן דאָזיקן אַקט פון לייגן דעם גרונטשטיין פון דענקמאָל, וואָס איז אָרגאַניזירט און צוגעגרייט געוואָרן, דורך די עסקנים: זלמן טערעביזשניק, רפאל כאַראָסלאַווסקי און סאַלאָמאָן סמאָליניצקי, האָבן זיך באַשטייַערט מיט פאַרשידענע סומעס ביים לייגן ציגל, דאָס זעלבע האָבן דעקלאַרירט אייניקע פאָרשטייער אין נאָמען פון זייערע רעספּעקטיווע אינסטיטוציעס.

די נייַע פאַרוואַלטונג, וואָס איז געוויילט געוואָרן אין לויפנדן יאָר 1950, מיט פאַרמאַצעווט איסאַק שטרעכער אַלס פּרעזידענט און סאַמועל מירענסקי — סעקרעטאַר, האָט אויף אַ אימפּאָזאַנטן אופן דורכגעפירט אַן אַקט, וואָס האָט געדויערט אַ גאַנצן טאָג, אין 2־טן יאָרטאָג פון דער זעלבסטשטענדיקייט פון דער יידישער מדינה — דער יום העצמאות.

די פייַערונג האָט זיך אָנגעהויבן מיט לייגן אַ קראַנץ בלומען ביים מאָנומענט פון גענעראַל סאַן־מאַרטין אויף דעם שטאָט־פּלאַץ פאַר דער מוניציפּאַלער געבייַדע, ביי דער אָנוועזנהייט פון אינטענדענט וויקטאָר פּאַרטיני, און פרידנס־ריכטער פראַנסיסקאָ פּוסאַראָ, באַגלייט פון אַ גרויסן עולם יידן און שילער פון דער יידישער שול, האָבן געטראָגן יידישע און אַרגענטינער פענער, באַגלייט פון זייערע לערער.

נאָכן אַוועקלייגן דעם קראַנץ בלומען, זיינען פאַרבעטן געוואָרן אַלע אָנוועזנדע אין סאַלאָן פון דער קהילה, וואו עס איז סערווירט געוואָרן אַ לחיים מיט צובייַסן און עס האָבן באַגריסט דער יידישער מדינה און דער יידישער קאָלעקטיוויטעט, אין קורצע, אָבער אייַנדרוקספולע ווערטער — דער אינטענדענט, דער פרידנס־ריכטער און אַנדערע פּערזאָנען.

אין אָוונט פון זעלבן טאָג, איז פאָרגעקומען אַ באַנקעט, מיטן אָנטייל פון אַ גרויסער צאָל יידן פון לאָמאַס און פון אַנדערע נאָענטע שטעטלעך, מיט פאָרשטייער פון לאָקאַלע און פון בוענאָס אייַרעסער יידישע אינסטיטוציעס. מיט רעדעס וועגן דער באַ־

דײַטונג פאַרן יידישן פאָלק, די עקזיסטענץ פון מדינת ישראל, זיינען אַרויסגעטרעטן: פרעזידענט יצחק שטרעכער, וועלכער האָט אָנגעפירט מיטן אַקט, דער געזעלשאַפטלעכער עסקן, גרינדער און ערשטער סעקרעטאַר כוליאַ געפנער און זלמן טערעביזשניק.

מיט אַ צאָל פון פאָלגנדע אַקטן און פײַערונגען, איז אין דעם דאָזיקן יאָר 1950, אָפגעמערקט געוואָרן די 40-יאָריקע עקזיסטענץ פון דער אינסטיטוציע: זונטיק דעם 6-טן אויגוסט, איז דורכגעפירט געוואָרן אַן אַזכרה אויפן בית עולם, נאָך די פאַרשטאָרבענע גרינדער און מיטגלידער, מיטן אָנטייל פון חזן אליהו באָרוכאָוויטש; זונטיק דעם 13-טן פון זעלבן חודש, איז פאָרגעקומען אין אייגענעם סאַלאָן, אַ קינסטלעריש-אַרטיסטישער אַקט אויסגעפירט פון די באַוואוסטע אַרטיסטן זלמן הירשפעלד און אסתר ראַפעל; דאָנערשטיק דעם 17-טן, איז אויף דער שטאָט-פלאַסע, אַוועקגעלייגט געוואָרן אַ קראַנץ בלומען ביים מאָנומענט פון סאַן-מאַרטין, ביי דער אָנוועזנהייט פון שטאָט-אינטענדענט און אַנדערע הויכע פונקציאָנערן און אַ גרויס פובליקום פון עסקנים און מיטגלידער. אויך אין אַ פאָר שפעטערדיקע דאַטעס זיינען דורכגעפירט געוואָרן אייניקע אַקטן און מסיבות בשייכות דער פײַערונג פון דעם 40 יאָריקן יובל פון דער אינסטיטוציע.

עס זיינען דורכגעפירט געוואָרן אַזכרה׳ס אין די יאָרצײַט-טעג כ׳ און כ׳א תמוז, לזכר ד״ר הרצל און חיים נחמן ביאַליק, מיטן אָנטייל פון ד״ר מאַרקאָס וואַדאָוואָז, וועלכער האָט גערעדט וועגן ד״ר הרצל און דער יונגטלעכער הערמאַן געפנער — וועגן ביאַליקן.

אין אָנדענק פון אויפשטאַנד פון די וואַרשעווער געטאָ-העלדן, איז דורכגעפירט געוואָרן אַן אַזכרה אויפן נײַעם בית עולם מיטן אָנטייל פון אַ חזן, וועלכער האָט אָפגעריכט די געהעריקע תפילות און פון אַ גרויסן עולם יידן.

מיטגלידער אין דעם יאָר — 634

⁂

אין יאָר 1951 אונטער דער פרעזידענץ פון פאַרמאַצעווט איסאַק שטרעכער און סעקרעטאַר פאַביאָ דיק, איז פאָרגעקומען דאָס אָפדעקן דעם דענקמאָל נאָך די 6 מיליאָן קדושים און דאָס אַרויסענדיקן די טהרה-שטוב וועלכע זיינען אויסגעבויט געוואָרן אַ דאַנק דער איניציאַטיוו פון עסקן אברהם פײַערשטיין מיט דער מיטהילף פון משה גאָלדמאַן און שלמה שניידער. עס האָט מספיד געווען הרב עמרם בלום און חזן קלמן ווייין האָט געזאָגט די געהעריקע תפלות. אין דער זעלבער צײַט זיינען באַערדיקט געוואָרן 2 נפטרים פון מושב זקנים אין בורסאַקאָ.

אין יאָרצײַט-טאָג פון אויפשטאַנד פון וואַרשעווער געטאָ, איז באַערדיקט געוואָרן ביים מאָנומענט פון די קדושים, לויטן יידישן דין און ווייטיקלעכן צערעמאָניאַל, אייניקע רעשטן פון די אומגעבראַכטע יידישע קרבנות דורך די נאַציס ימ״ש. צו באַקומען די רעשטן ביים פויליש-יידישן פאַרבאַנד אין בוענאָס-אײַרעס, האָבן אינטערווענירט די פאַרוואַלטונגס-מיטגלידער דוד פעללער און מענדל באָרנשטיין.

עס זיינען דורכגעפירט געוואָרן, אַלע ימים טובים און פײַערונגען, ווי עס איז פראַקטיצירט געוואָרן אין די פריערדיקע פעריאָדן, צווישן זיי: דער יום העצמאות, די אַרגענטינער נאַציאָנאַלע אַניווערסאַרן, ימים טובים און אַזכרות נאָך הרצל-ביאַליק און אַ רייע אַנדערע טעטיקייטן, פון אַדמיניסטראַטיוון כאַראַקטער אין דער אינסטיטוציע און אין דער שולע, מיט דער האַרמאָנישער מיטאַרבעט פון עסקנים און געזעלשאַפטלעכע טוער.

אין דעם יאָר איז אָנגעהויבן געוואָרן די אַרבעט פון אויסברוקירן דעם וועג וואָס פירט צום בית עולם, וואָס וועט באַטרעפן אַ סומע פון 78 טויזנט פעזעס, אונטער דער פרייוויליקער אָנפירונג און פלאַנירונג פון אינזשיניער מלך דאָדיוק.

אין די יאָרן 1952 - 1953, אונטער דער פרעזידענץ פון עסקריבאַנאָ חיים שטרעכער און סעקרעטאַר לואיס סמוד, וועלכע האָבן, צוזאַמען מיט דער פאַרוואַלטונג אויסגעפירט אַלע אויפגאַבן פון אַדמיניסטראַטיוון און געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער, בנוגע דער

אינסטיטוציע, שולע, מיט אַלע אַנדערע התחייבותן, ביים דורכפירן אַקטן, ימים טובים און פאַרשידענע פייַערונגען, זיינען אויך דורכגעפירט געוואָרן פאָלגנדע: דעם 29־טן אָקטאָבער אַן אַזכרה צו דער פטירה פון ערשטן פרעזידענט פון מדינת ישראל, פראָפעסאָר חיים ווייצמאַן ז״ל, מיטן אָנטייל פון חזן באָרוכאָוויטש, ביי דער אָנוועזנהייט פון מוניציפאַלן אינטענדענט און אַנדערע רעגירונגס־פוקציאָנאַרן און אַ גרויסער עולם יידן, וואָס האָבן באַדויערט די גרויסע אבידה פאַרן יידישן פאָלק.

דעם 29־טן נאָוועמבער, אין טאָג פון „און״־באַשלוס, וועגן די רעכט פון יידישן פאָלק אויפצובויען אַ יידישע מדינה, איז פאָרגעקומען אַן אַקט, מיט אַ לונטש און אָנטייל פון רחל שפירא פון דער „וויצאָ״־צענטראַלע און יעקב בערקאָוויטש פון מגבית. דער אַקט האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ באַילע.

אין יאָר 1953, איז פאַרענדיקט געוואָרן דאָס אויסברוקירן דעם וועג, וואָס פירט צום בית עולם און איז אָנגעהויבן געוואָרן אין אַ פריערדיקן פעריאָד, ווי אויך אַנדערע איַינריכטונגען זיינען געמאַכט געוואָרן אונטער דער דירעקציע און פריַיוויליקער מיטאַרבעט פון אַרכיטעקט ראובן דיק.

עס איז דורכגעפירט געוואָרן אַ פיַיערלעכער אַקט מיט אַ באַנקעט צום 5־טן יום העצמאות, ביי דער אָנוועזנהייט פון אַ גרויסן פובליקום, געסט און יוגנט.

פאַר דער שולע, איז פאַרגרעסערט געוואָרן די מאָנאַטלעכע סובסידיע אויף 1.525.־ פעזעס און פאַרן קינדער־גאָרטן וואָס איז אין דעם יאָר געעפנט געוואָרן, איז באַשטימט געוואָרן אַ מאָנאַטלעכע סובסידיע פון 600 פעזעס. אויך פאַר די יידישע שולעס פון לאַנוס, קילמעס א״אַ, זיינען די סובסידיעס אין דעם יאָר געהעכערט געוואָרן, כמעט אויף טאָפלט ווי ביז איצט.

אין דעם יאָר, איז די לאָמאַסער קהילה אַנגעשלאָסן געוואָרן אין ועד הקהלות אין בוענאָס־איַירעס.

מיטגלידער אין דעם יאָר — **666.**

***

אין די יאָרן 1954 - 1955 איז געווען פרעזידענט יוסף שטרעכער און סעקרעטאַרן: לואיס סמוד אין ערשטן יאָר און קאָנטאַדאָר חיים קאַסטעלאַן אין צווייטן יאָר. אין דאָזיקן פעריאָד איז צו פאַרצייכנען דעם קויף פון אַ נייַעם בנין, וואָס איז פאָרגעקומען אויף פאָלגענדן אויפן: עס האָט זיך געמאַכט אַ געלעגנהייט צו קויפן אַ הויז (טשאַלעט) וואָס געפינט זיך אויף דער גאַס אַווענידאַ מעעקס 356 אין לאָמאַס, פאַר דער סומע פון 950 טויזנט פעזעס, אַ העלפט פון באַטרעף צו באַצאָלן אין מזומן און די צווייטע העלפט, אויסצוצאָלן במשך דריַי יאָר. די פאַרוואַלטונג האָט באַשטימט דאָס הויז צו קויפן און עס איז געווילט געוואָרן אַ סוב־קאָמיסיע אין באַשטאַנד פון פאָלגנדע פערזאָנען: פרעזידענט יוסף שטרעכער, סעקרעטאַר קאָנטאַדאָר חיים קאַסטעלאַן און די מיטגלידער וואָלף וואַרשאַווסקי און נחום קאַנדעל, אָנצוגיין מיט די אונטערהאַנדלונגען פון קויפן דאָס הויז.

אויף אַ עקסטראַ גענעראַל־פאַרזאַמלונג, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 27־טן דעצעמבער 1955, צו באַהאַנדלען דעם איינציקן פונקט: דאָס קויפן דאָס הויז, איז דער פאָרשלאַג פון דער פאַרוואַלטונג, דורך די פאַרזאַמלטע מיטגלידער איַינשטימיק באַשטעטיקט געוואָרן און עס איז געווילט געוואָרן אַ סוב־קאָמיסיע „פראָ־אַדקיסיסיאָן״ אין פאָלגנדן צוזאַמענשטעל: פרעזידענט וואָלף וואַרשאַווסקי, סעקרעטאַר איסאַק שטרעכער, מיטאַרבעטער: עסקריבאַנאָ חיים שטרעכער, אַרכיטעקט רובען דיק, סאַמועל מירענסקי, עדואַרדאָ האָרטענשטיין, סאַלאָמאָן שניידער, נחום קאַנדעל, איסאַק ווייסמאַן, אַברהם פיַיערשטיין, יעקב איצקאָוויטש, כוליאָ בלאַושטיין, יוסף שטרעכער, חיים קאַסטעלאַן און יוסף פישער, אויף אָנצוגיין מיט די פלענער און מיט די איבערבוי - פראָיעקטן פון נייַעם הויז.

אונטערצושריַיבן דעם פראָוויזאָרישן קויף־שיַין אין נאָמען פון דער קהילה „ד״ר הרצל״, זיינען באַשטימט געוואָרן פאָלגנדע פערזאָנען: פרעזידענט יוסף שטרעכער, סעקרעטאַר קאָנטאַדאָר חיים קאַסטעלאַן, כוליאָ געפנער, וואָלף וואַרשאַווסקי און יוסף פישער.

די פאַרוואַלטונג אין פעריאָד 1956 און עקס־פאַרוואַלטונגסמיטגלידער, ביים אונטערשרייַבן דעם קויף־שיין פון בנין אויף אַוו. מעקס 356 אין לאָמאַס.

עס זיצן פון רעכטס: סאַמועל מירענסקי ע״ה (פּרעזידענט), ישראל כהן (קאַסיר), וואָלף וואַרשאַווסקי, עסקריבאַנאָ חיים שטרעכער, כוליאָ געפנער ע״ה. עס שטייען פון רעכטס: משה גאָלדמאַן, הערמאַן גלוד ע״ה, יעקב האַלוב, לואיס סמוד, זלמן טרעבעזשניק, יעקב איצקאָוויטש ע״ה, ראָסאַריאָ סיקולער, איסאַק סמוד און נאָום קאַנדעל

די טראַנזאַקציע פון קויפן דאָס הויז, איז דורך די אויבנדערמאַנטע דורכגעפירט געוואָרן בשלימות און די קהילה „ד״ר הרצל״ אין לאָמאַס האָט דערוואָרבן נאָך אַ אייגנטום.

פון אַלע אַקטן, פון פאַרשידענעם כאַראַקטער און באַדייַט, וואָס זייַנען דורכגעפירט געוואָרן אין דעם יאָר, וועלן מיר אויסטיילן און דערמאָנען איינעם, מחמת דער חשיבות פון דער פּערזאָן, וועלכער האָט זיך אין אים באַטייליקט, — די אזכרות דורכגעפירטע אין די יאָרצייַט־טעג כ׳ און כ׳א תמוז נאָך ד״ר הרצל און ח. נ. ביאַליק, האָט אַנטייל גענומען אַלס רעדנער, ד״ר אַברהם מבשן ע״ה, און אַ צווייטער אַקט, דאָס מאָל אַ רעליגיעזער, וואָס איז פאָרגעקומען צו דער געלעגנהייט, וואָס די געזעלשאַפטלעכע עסקנים יעקב און פרוי עאָוכעניאַ האַלוב, ער — גבאי אין שיל, און זי — אַקטיווע „וויצאָ״־טוערין, האָבן געשאָנקען אַ ספר תורה אין שיל, עס איז דורכגעפירט געוואָרן אַ סיום התורה־צערעמאָניאַל לויטן יידישן מנהג און טראַדיציע, מיטן אַנטייל פון הרב עמרם בלום און חזן מנחם גילד. די מנדבים פון ספר, האָבן אויך ביי דער געלעגנהייט געשאָנקען אַ חופּה.

מיטגלידער אין דעם יאָר — **724**

⁂

אין יאָר 1956, אונטער דער פּרעזידענץ פון סאַמועל מירענסקי און סעקרעטאַר חיים קאַסטעלאַן, איז געווען די הויפּט־אַקטואַציע פון דער פאַרוואַלטונג, דער איבערבוי אָדער צופּאַסונג פון די צימערן, פאַר דער שולע א״אַ, אָנגעפירט פון אַרכיטעקט רובען דיק, ביי־מייַסטערס: בנימין געפנער און עדואַרדאָ האַרטנשטיין, „אַד האָנאָרעם״.

ס׳איז קאָנסטרואירט געוואָרן אַ „פּיסטע״, פאַר באַסקעט־באַלל־שפּיל, פאַרן יוגנט קלוב „אַטענעאַ״, וועלכער האָט אָנגעהויבן צו פירן זייַנע אַקטיוויטעטן אין נייַעם בנין.

עס זייַנען אַהער, אין נייַעם בנין, אַריבערגעפירט געוואָרן, אויסער דער סעקרעטאַריע, אַדמיניסטראַציע און די פאַרוואַלטונגס־זיצונ־

גען, אויך אַ ריי לאָקאַלע אינסטיטוציעס און קאָמיטעטן, ווי: דער מגבית-קאָמיטעט, קרן קימת-קאָמיסיע, „וויצאָ", קרעדיט-קאַסע „ישראל שטרעכער" און אַנדערע, אויסער די בית הכנסת, וועלכע איז ווײַטער געבליבן אין בנין אויף גאַריטי 333.

דעם 2-טן דעצעמבער פֿון יאָר 1956, איז פֿאָרגעקומען דער חנוכת הבית פֿון נײַ-געקויפֿטן בנין אויף אַוו. מעעקס 356 אין גלײַכצײַטיק איז געלייגט געוואָרן אַ גרונטשטיין אויף אויסצובויען נײַע קלאַס-צימערן און אַ עס-זאַל פֿאַר דער שולע.

ביי דער געלעגנהייט פֿון אַ גרויסער צאָל מיטגלידער, עלטערן פֿון קינדער, תלמידים פֿון שול, פֿאָרשטייער פֿון אינסטיטוציעס, פֿון לאָמאַסער מוניציפּאַליטעט, פֿון דער קהילה אין בוענאָס-אײַרעס, האָט דער פּרעזידענט פֿון דער קהילה שמחה מירענסקי געעפֿנט דעם אַקט מיט פּאַסיקע ווערטער, אונטערשטרײַכנדיק די באַדײַטונג און פּאָזיטיווע גרצן פֿאַר לאָמאַסער יידישן ישוב, מיטן אײַנאָרדנען זיך, די קהילה און יידישע שולע, אין נײַעם גערוימען בנין, ווו עס וועט זײַן די מעגלעכקייט די טעטיקייט נאָך מער צו פֿאַרגרעסערן.

דער פּרעזידענט פֿון שולע איסאַק שטרעכער, האָט אין זײַן וואָרט איבערגעגעבן וועגן די אָנשטרענגונגען פֿון די שול-טוער וועלכע באַגלייטן אים אין דער שול-טעטיקייט ביז איצט און האָפֿט, אַז איצט אין נײַעם בנין וועט די שולע האָבן די מעגלעכקייטן נאָך מער צו פּראָגרעסירן און האָט געמאַכט אַ רוף צו אַלע יידישע עלטערן צו שיקן זייערע קינדער אין דער יידישער שולע, ווו זיי וועלן באַקומען אַ נאַציאָנאַל יידישן חינוך. עס האָט אויך באַגריסט דער גרינדער און עסקן כוליאַ געפֿנער.

נאָך דעם ווי עס זײַנען איבערגעשניטן געוואָרן די בענדער אין די צימערן, וועלכע זײַנען אָנגערופֿן געוואָרן אויף נעמען פֿון די פֿאַרשטאָרבענע עקס-פּרעזידענטן י. ש. ליאַכאָוויצקי און יוסף שטרעכער עליהם השלום, איז פֿאָרגעקומען דאָס לייגן דעם גרונטשטיין. די סעקרעטאַרין פֿון דער שולע, פֿרוי פֿאַני רויזן, האָט געלייענט דעם אַקט און ס'האָבן געלייגט ציגל, פֿאָרשטייער פֿון אינסטיטוציעס און יחידים וועלכע האָבן זיך באַשטײַערט פֿאַר דער שולע.

די צווייטע טייל פֿון חנוכת הבית איז פֿאָרגעקומען ביי געגרייטע טישן אונטער דער אָנפֿירונג פֿון זלמן טערעביזשניק. עס זײַנען געטיילט געוואָרן ווערטער צו די פֿאָרשטייער פֿון די אינסטיטוציעס און עסקנים וועלכע האָבן זיך באַשטײַערט פֿאַר דער שולע אויף דער אַלגעמיינער סומע: 397.543.50 פּעזעס.

אין דעם יאָר איז נפטר געוואָרן דער פֿילמאָליקער פּרעזידענט פֿון דער אינסטיטוציע, ציוני און געזעלשאַפֿטלעכער עסקן יוסף שטרעכער ע"ה. די גרויסע אבידה פֿאַרן יידישן ישוב אין לאָמאַס איז שטאַרק באַדויערט געוואָרן פֿון אַלעמען. צו די שלושים פֿון זײַן פּטירה, איז אָפּגעריכט געוואָרן אַן אזכרה, מיט הספד-ווערטער פֿון פֿאַרוואַלטונגס-מיטגלידער און אַנדערע עסקנים פֿון אינסטיטוציעס, אין וועלכע דער ח' נפטר איז געווען אַן אַקטיווער עסקן.

⁂

אין די יאָרן 1957 - 1958, אונטער דער פּרעזידענץ פֿון ענריקע קודלאַטש און סעקרעטאַרן עדואַרדאָ האַרטנשטיין אין ערשטן יאָר און רובען דיק — אין צווייטן יאָר, איז ווײַטער אָנגעגאַנגען אינטענסיוו דער ריטם אין דער טעטיקייט פֿון די רעספּעקטיווע פֿאַרוואַלטונגען, לויט דעם אײַנגעשטעלטן סדר פֿון זייערע פֿאָרגייער, אויף אַ ווירדיקן אופֿן און פֿאַרנעם. אין די יאָרן איז געהעכערט געוואָרן די חודשלעכע סובסידיע פֿאַר דער שולע אויף 6 טויזנט פּעזעס. אין דעם פּעריאָד איז אויסגעבויט געוואָרן אַ שווים-באַסיין (פּילעטע) אין הינטערשטן הויף פֿון הויז, פֿאַר דער באַקוועמלעכקייט פֿון די מיטגלידער און דער יוגנט.

אויך אין יאָר 1959, אונטער דער פּרעזידענץ פֿון מאַריאָ ראָיסי, און סעקרעטאַר רובען דיק, איז ווידער כדאַי צו פֿאַרצייכענען, אַז אויך אין דעם יאָר איז די קהילה-טעטיקייט אָנגעגאַנגען מיט אַן אַלץ מער שטײַגנדיקן פּראָגרעס אויף אַלע געביטן פֿון יידיש-געזעלשאַפֿטלעכן לעבן, מיטן דורכפֿירן

אויפֿן אַקט, ווען ס'איז פאַרענדיקט געוואָרן דאָס איבערבויען דעם סאַלאָן אויף גאַרריטי 333 (1957)

פון רעכטס: גבאים באָרים סטאַדלין און יעקב האַלוב, ראַסאַריאָ סיקולער (סעקרעטאַר), ביים מיקראָפאָן — כוליאָ געפנער ע״ה

אַקטן, פאַרזאַמלונגען, ימים טובים, אַזכרות אאַ״וו אונטער דער אָנפירונג פון דער פאַרוואַלטונג, מיט דער מיטהילף פון די מיטגלידער און אינסטיטוציעס, וועלכע פירן זייער טעטיקייט אין די קהילה-בנינים.

אַ ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט איז אין דעם יאָר אַרויסגעוויזן געוואָרן מצד דער קהילה-פאַרוואַלטונג צו דער יידישער שולע, שטיצנדיק זי מיט אַלעם נויטיקן, פאַר אַ בעסערער און באַקוועמערער פונקציאָנירונג.

דאָס יאָר 1960, אונטער דער פּרעזידענץ פון מאַריאָ ראָיסי, און סעקרעטאַר פּאַביאַדיק, האָט מיט דער מיטאַרבעט פון דער גאַנצער פאַרוואַלטונג, זיך אויסגעצייכנט, צווישן אַלע אַנדערע אַקטיוויטעטן מיט דער פייערונג פון 50 יאָר עקזיסטענץ פון דער כנסת ישראל — די איצטיקע קהילה, „ד״ר הרצל״ אין לאָמאַס דע סאַמאָראַ, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן מיט אַ צאָל איינדרוקספולע אַקטן אויף פאָלגנדן אופן:

דעם 14-טן אויגוסט, איז געמאַכט געוואָרן אַ אזכרה אויפן בית עולם, נאָך די פאַרשטאָרבענע גרינדער און מיטגלידער. אַ חזן האָט אָפּגעריכט די געהעריקע תפלות און געמאַכט אַ „אל מלא רחמים״ נאָך די נפטרים עליהם השלום.

אין זעלביקן טאָג, איז אויפגעהאַנגען געוואָרן, אין סאַלאָן אויף גאַרריטי 333, אין נאָמען פון אַלע אינסטיטוציעס אין לאָמאַס, אַ אָנדענקס-טאָוול, מיט די נעמען פון די גרינדער, ביי וועלכער געלעגנהייט עס האָט גערעדט דער מיטגרינדער און ערשטער סעקרעטאַר כוליאָ געפנער.

דעם 17-טן אויגוסט, איז געלייגט געוואָרן אַ קראַנץ בלומען אין נאָמען פון קהילה-אַנשטאַלט, ביים מאָנומענט פון גענעראַל סאַן - מאַרטין, וואָס אויף דער שטאָטישער פּלאַסע.

דעם 21-טן אויגוסט, איז פאָרגעקומען אַן אַקט, צום הונדערט-יעריקן געבוירן-טאָג פון

בעתן פייערן 50־יעריקן יובליי פון דער קהילה „ד"ר הרצל" אין יאָר 1960

פון רעכטס: יצחק שטרעכער (עקס־פּרעזידענט) און מאַריאַ ראָיסי (פּרעזידענט). אין הינטערגרונט — אייניקע אָנדענק־טאָוולען געשאָנקען פון אינסטיטוציעס, צו דער געלעגנהייט

ד"ר הרצל, מיטן אַנטייל פון פּראָפעסאָר לאַזאַראַ שאַלמאַן, וועלכער האָט געגעבן אַ אָפּשאַצונג פון ד"ר הרצל, דעם שעפער פון פּאָליטישן ציוניזם און פון זיין נביאישער וויזיע, וואָס איז פאַרווירקלעכט געוואָרן אין אונזערע טעג, מיטן אַנטשטיין פון מדינת ישראל.

דעם 27־טן אויגוסט, איז דורכגעפירט געוואָרן אַ קולטורעל־אַרטיסטישער פּראָגראַם, מיט אַ פאָרשטעלונג אין יידיש, דורך אַן אַמאַטאָרן־גרופּע, וואָס ביי דער קהילה אין בוענאָס־איירעס.

דעם 4־טן סעפּטעמבער, האָט דער קולטור־צענטער „אַטענעאָ", דורכגעפירט אַן אַקט פון ספּאָרט־פאַרמעסטן, געזאַנג, דעקלאַמאַציע, טענץ א.א.וו.

דעם 11־טן סעפּטעמבער, איז פאָרגעקומען די הויפּט־פייערונג, אין פאָרם פון אַ באַנקעט, אַ גרויס פּובליקום און מיט דער אָנוועזנהייט פון גאָבערנאַדאָר פון דער פּראָווינץ בוענאָס־איירעס, ד"ר אָסקאַר אַללענדע, פּרעזידענט פון דער פּראָווינציעלער דעפּוטאַטן־קאַמער פראַנסיסקאַ אַלעאַנדראַ סאַנטשעז מיט זיין פרוי, דער לאָמאַסער מוניציפּאַלער אינטענדענט ד"ר אַדריאַן באָפּפּי, דער ראש הקהל פון בוענאָס איירעס ד"ר טוביה קאַמענשיין, ד"ר גרעגאָריאַ ווערביצקי אין פאָרשטייערשאַפט פון דער ישראל־אַמבאַסאַדע און אַנדערע פּערזענלעכקייטן און פאָרשטייער פון אינסטיטוציעס.

דער פּרעזידענט מאַריאַ ראָיסי, האָט מיט פּאַסיקע ווערטער און מיט באַגריסן די חשובֿע געסט און דער מיטגלידערשאַפט געעפנט דעם אַקט, וואָס איז שפּעטער אָנגעפירט געוואָרן פון סעקרעטאַר פּאַביאַ דיק.

עס האָבן באַגריסט דער קהילה און דער יידישער קאָלעקטיוויטעט און זייערע אינסטיטוציעס אין לאָמאַס, צו זייער 50־יעריקן יובל, מיט סימפּאַטישע ווערטער־אויסדרוקן און ווינטשן, דער גאָבערנאַדאָר ד"ר אַללענדע, דער אינטענדענט ד"ר באָפּפּי. עס איז געלייענט געוואָרן אַ צוגעשיקטע באַגריסונג פון רעגירונגס־מיניסטער פון דער בוענאָס־איירעסער פּראָווינץ דאָן פעליפּע דיאַז אָקעללי.

עס זיינען אויך געקומען צום וואָרט ד"ר טוביה קאַמענשיין און ד"ר גרעגאָריאַ ווערביצקי און אַנדערע. אין אַ פייערלעכער שטימונג, האָט זיך דער גוט־צוגעגרייטער און איינדרוקספולער אַקט אין די שפּעטע אָוונטשעהן פאַרענדיקט.

⁂

אין די יאָרן 1961 ־ 1962, איז געוועזן פּרעזידענט דער פאַרמאַצעווט יצחק שטרעכער און אַלס סעקרעטאַר אין ערשטן יאָר פּאַביאַ דיק און אין צווייטן יאָר — זלמן טערעביזשניק.

דעם 27־טן אַפּריל 1961, איז דורכגעפירט געוואָרן אַן אזכרה אויפן בית עולם, אין אָנדענק פון די „העלדן פון וואַרשעווער געטאָ"

אַ טייל פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער און געסט, בעתן פייַערן 50 יאָר עקזיסטענץ דער קהילה אין לאָמאַס

עס זיצן, פון רעכטס: קולטור־אַטאַשע פון ישראל־אַמבאַסאַדע ד״ר גרעגאָריאָ ווערביצקי. פרוי עלענאַ דע אַלענדע, מאַריאַ ראָסי (פרעז. פון דער קהילה) ד״ר אַלענדע (גאָבערנאַדאָר פון פראָווינץ ב. איירעס), פרוי ראָסי, דעפוטאַט ד״ר העקטאָר פּאָרטעראַ. עס שטייען פון רעכטס: בערל גאַללער, פעליפע ראַבמילעוויטש ע״ה, ד״ר כוליאָ רינער (פרעז. פון „דאַיאַ״), העקטאָר גרובער, ד״ר טוביה קאַמענשיין (ראש הקהל פון דער קהילה אין ב. איירעס), עליאַס גלוד, כוליאָ געפנער ע״ה, סאַול סאַפיר, יעקב האַלוב, איסאַק באָרטץ, ראָסיטאַ סיקור־לער, ראָבערטאָ כענער, איסאַק שטרעכער, ענריקע קודלאַטש און איסאַק ראַבמילעוויטש

מיטן אַנטייל פון באַוואוסטן שרייַבער און רעדנער יעקב באַטאָשאַנסקי, אַ חזן האָט אָפּגעריכט די געהעריקע תפלות, ביי דער אָנוועזנהייט פון אַ גרויסן עולם יידן פון לאָמאַס און אומגעגנט.

דעם 12־טן מאַי פון זעלביקן יאָר, צו דער בר מצוה (13 יאָר) פון דער אַנטשטייאונג פון מדינת ישראל, איז ביי רייַך־סערווירטע טישן און מיטן אָנטייל פון אַ גרויסן עולם מיטגלידער מיט זייערע פאַמיליעס, פאָרשטייער פון אינסטיטוציעס, גאַסט־רעדנער ד״ר ישראל יאַגובסקי און דער ספעציעל־פאַרבעטענער צו דער פייַערונג, דער גאָבערנאַדאָר פון דער פראָווינץ בוענאָס־אייַרעס ד״ר אָסקאַר אַללענדע, דורכגעפירט געוואָרן אַ אימפּאָזאַנטער יום העצמאות־אַקט, וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן פון פרעזידענט יצחק שטרעכער. נאָכדעם ווי עס זיינען געזונגען געוואָרן די הימנען פון אַרגענטינע און ישראל, זיינען געקומען צום וואָרט ד״ר ישראל יאַגובסקי און ד״ר אָסקאַר אַללענדע, וועלכער האָט אין ענטוזיאַסטישע און פול מיט לויב־ווערטער פאַר מדינת ישראל, וועלכע איז — האָט ער געזאָגט — אַ לאַנד פון אַרבעט און שלום, — באַגריסט דער יידישער מדינה און דער יידישער קאָלעקטיוויטעט.

דעם 28־טן מאַי, איז פאָרגעקומען אַ קאָנצערט פון די ישראל־זינגער יפה ירקוני און אַלכסנדר יהלומי, וואָס איז געווען גוט באַזוכט און געהאַט גרויס דערפאָלג.

דעם 9־טן יולי, איז אויף דער איניציאַטיוו פון פאַרוו. מיטגליד מאַוריסיאָ וויַינער, געלייגט געוואָרן אַ גרונט־שטיין אויסצובויען אַ שיל אויפן נייַעם בית עולם. אויפן דאָזיקן אַקט זיינען בייגעווען דער הרב הראשי ד״ר יעקב פינק און חזן אליהו באָרוכאָוויטש. בעת לייגן דעם גרונטשטיין האָבן די ברידער משה און מאַרקוס בערנשטיין זיך באַשטייַערט מיט

ד״ר אָסקאַר אַלענדע (גובערנאַטאָר פון פראָווינץ ב. איירעס) ציט אַרויף די ישראל־פאָן, בעת דאָס פייערן פון דער קהילה אין לאָמאַס, אין יאָר 1961, די בר מצוה (13 יאָר) פון דער אַנטשטייאונג פון מדינת ישראל

אַ באַדייטנדע סומע אין אָנדענק פון זייערע אומגעבראַכטע עלטערן אין אייראָפע דורך די נאַציס ימ״ש.

אַ קבלת־פנים מסיבה איז דורכגעפירט געוואָרן פון דער קהילה און אָנגעשלאָסענע אינסטיטוציעס, פאַר דעם גאַסט פון ישראל דבורה טערעביזשניק - עצמון, וועלכע איז געווען די ערשטע חלוצה פון לאָמאַסער ראַיאָן וואָס איז געקומען מיט 2 קינדערלעך ־צברא׳ס אויף אַ באַזוך צו אירע עלטערן, דעם נאַציאָנאַלן און געזעלשאַפטלעכן עסקן זלמן טערעביזשניק און דער וויצע־טוערן פרוי גאָלדע. אויף דער מסיבה איז געקומען צום אויסדרוק, מצד די וואָס זיינען געקומען צום וואָרט, די הכרלעכע באַציאונג און אָנערקענונג צו זלמן טערעביזשניק פאַר זיין לאַנג־יאָריקער טעטיקייט אין לאָמאַסער יידישע נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס און עס איז מיט גוטע ווונטשן און ברכות געזעגנט געוואָרן דער גאַסט צו איר אומקערן זיך אין איר היים אין מדינת ישראל.

ס׳זיינען אין פאַרלויף פון דאָזיקן 2־יאָריקן פעריאָד דורכגעפירט געוואָרן אַלע אָנדענקס־אַקטן, לויטן איינגעשטעלטן סדר פון די פריערדיקע יאָרן און אַ ריי קולטור און געזעלשאַפטלעכע פאַראַנשטאַלטונגען צוזאַמען מיט די פאַרוואַלטונגען און סוב־קאָמיסיעס פון דער שולע, „אַטענעאַ״, פריינט פון העברעאישן אוניווערסיטעט א״אַ.

עס איז פאַרענדיקט געוואָרן דאָס אויסבויען די קלאַס־צימערן פאַר דער שולע, וואָס האָט געקאָסט אַ סומע פון 180 טויזנט פעזעס.

צום סוף שול־יאָר זיינען געטיילט געוואָרן מצד דער קהילה און שול־פאַרוואַלטונג אָנדענק־מעדאַלן צו די תלמידים וואָס האָבן פאַרענדיקט דעם 6־טן גראַד, צווישן וועלכע, אייניקע זיינען אַריבער לערנען אין דעם יידיש־העברעאישן סעמינאַר אין אַוועזשאַנעדאַ.

דעם יוגנט־צענטער „אַטענעאַ״, איז געגעבן געוואָרן אַ באַדייטנדע שטיצע מיט דעם, וואָס די קהילה האָט באַשלאָסן צו אַנולירן זייער חוב צו דער קהילה אויף אַ סומע פון 159.633 פעזעס.

עס זיינען אין די א. ד. פעריאָדן געהעכערט געוואָרן די סובסידיעס פאַר די יידישע שולעס פון קילמעס, מאָנטעגראַנדע, אַדראָגע, פיניעיראָ און באַשטייערונגען זיינען געגעבן געוואָרן דער בית הכנסת „אַחדות ישראל״ אין לאַנוס, בית הכנסת „בית ישראל״ אין עסקאַלאַדאַ און באַדייטנדע באַשטייערונגען פאַרן יידישן שפיטאָל „עזרה״, דעם מושב זקנים ובית ילדים און אַ ריי אַנדערע.

אין די יאָרן 1963 - 1964, אונטער דער פרעזידענץ פון בערל גאַללער און סעקרעטאַרן, אין ערשטן יאָר — זלמן טערעביזשניק און אין צווייטן יאָר — קאָנטאַדאָר חיים קאַשטעלאַן, צווישן אַ ריי אַקטן, פייערונגען נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע, איז פאָרגעקומען דעם 21־טן אַפריל 1963, אַן אזכרה ביים מאָנומענט פון די 6 מיליאָן קדושים, אויפן נייעם בית עולם, אין יאָר־טאָג פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד, מיטן אָנטייל פון

אַקט פון לייגן דעם גרונטשטיין פאַר אַ שיל אויפן נייַעם בית־עולם

(די קוואַטערים — ברידער בערנשטיין). פון רעכטס: יוסף בורשטיין, הרב יעקב פינק שליט״א, די פרויען בערנשטיין, זלמן טערעביזשניק, משה בערנשטיין, יצחק שטרעכער, יוסף אַבראַמאָוויטש ע״ה, מאָריסיאָ וויינער, מאַרקאָס בערנשטיין און חיים קאַסטעלאַן

שרייבער אַברהם זאַק. דעם 23־טן מאַי, איז אין בית הכנסת דורכגעפירט געוואָרן אַן אַזכרה צו די שלושים פון דער פטירה פון צווייטן ישראל־פרעזידענט, יצחק בן־צבי ז״ל. דעם 22־טן סעפטעמבער, איז ביים מאָנומענט פון די קדושים, דורכגעפירט געוואָרן אַן אַזכרה, נאָך די 6 מיליאָן קדושים־קרבנות, וואָס זיינען אומגעבראַכט געוואָרן דורך די נאַצים ימ״ש, עס האָט מספיד געווען די קדושים, דער אין יענער צייַט, דירעקטאָר פון דער זלמן רייזין־שולע אין אַוועזשאַנעדאַ, מרדכי הערבסט (הייַנט רב אין פאַסאָ׳ר טעמפל אין ב. איירעס).

דעם 10־טן דעצעמבער איז פאָרגעקומען אַ קאָנצערט, מיט אַ אָוונט־ברויט, לכבוד דעם יום טוב חנוכה, מיטן אנטייל פון חזן ראובן האַלפּערין און די קינדער פון דער יידישער שולע, וואָס האָבן אונטער דער אָנפירונג פון זייערע לערער, פאָרגעשטעלט סצענקעס און געזונגען לידער אויף חנוכה־מאָטיוון.

אין דעם יאָר, איז אויף דער איניציאַטיוו פון דער קהילה דורכגעפירט געוואָרן אַ זאַמלונג צווישן אינסטיטוציעס און יחידים, פון צוויי הונדערט טויזנט פעזעס, פאַרן שפיטאָל „גאַנדולפאָ״ וואָס אין לאָמאַס.

אויך אין יאָר 1964, זיינען ווי אין דעם פאַריקן יאָר דורכגעפירט געוואָרן, די פון יאָרן איינגעשטעלטע אַקטן און ימים טובים, אין פולער האַרמאָניע פון די מיטגלידער און דער פאַרוואַלטונג. באַזונדער האָט זיך אין דעם יאָר אויסגעצייכנט די מיטאַרבעט און שטיצע פון דער פאַרוואַלטונג, צוזאַמען מיט דער עלטערן־קאָמיסיע, מיט דער יידישער שולע.

אין דעם יאָר, איז געקויפט געוואָרן אַ פּלאַץ, וואָס גרענעצט זיך מיט דעם קהילה־בנין, אויף אַוו. מעעקס, אויף וועלכן פּלאַץ, עס ווערט פּראָיעקטירט צו אויסבויען נאָך קלאַס־צימערן פאַר דער שולע.

דעם 31־טן אָקטאָבער פון א. ד. יאָר, איז אַוועק אין דער אייביקייט דער מיטגרינדער, ערשטער סעקרעטאַר, פילמאָליקער פרעזירענט און ערן־מיטגליד פון דער אינסטיטוציע כוליאָ געפנער ע״ה. עס איז פון יעדן באַדויערט געוואָרן די גרויסע אבידה פאַרן לאָמאַסער יידישן ישוב, ווו ער איז געווען, בערך 60 יאָר, געזעלשאַפטלעך טעטיק אין אַ ריי אינסטיטוציעס אין וועלכע ער האָט אַנטיילגענומען, מיט אינטעליגענץ, וויסן און זיין כאַראַקטעריסטישן דינאַמיזם. צו די שלושים־טעג פון זיין פטירה, איז אין בית הכנסת דורכגעפירט געוואָרן אַן אַזכרה, ביי וועלכער עס האָבן גערעדט איניקע עסקנים, וועלכע

דער עולם יידן, ביים לייגן דעם גרונטשטיין פאַר א שיל אויפן
נייעם בית־עולם אין יאָר 1962

האָבן מספּיד געווען דעם ח׳ נפטר און אַרויסגעהויבן און אָפּגעשאַצט די פאַרדינסטן זיינע פון גרויסן ווערט, פאַר דער קהילה אין לאַמאַס. די אַלמנה פון חשובן נפטר, פרוי רחל פעללער דע געפנער, האָט מנדב געווען צוויי הונדערט טויזנט פעזעס פאַר פאַרשידענע אינסטיטוציעס.

⁂

אין יאָר 1965, איז געוויילט געוואָרן אַ נייע פאַרוואַלטונג, מיט דעם פאַרמאַצעווט יצחק שטרעכער אַלס פרעזידענט און זלמן טערעביזשניק אַלס סעקרעטאַר.

עס איז דורכגעפירט געוואָרן דער 17־טער יום העצמאות של מדינת ישראל, אויף אַ פייערלעכן אופן, ביי געגרייטע טישן, מיט מוזיק און שירה בציבור. ביי אַ גרויסער

די קוואַטערס, די ברידער משה און מאַרקאָס בערנשטיין און זייערע פרויען,
לאָזן אַראָפּ דעם גרונטשטיין פאַר א שיל

אויפן אַקט פון באַנייען דעם אַספאַלטירטן וועג, וואָס פירט צו די בית עלמינס. פון רעכטס: אברהם טשאַרני ע״ה, כוליאָ געפנער ע״ה (שניידט איבער די לענטע) לייבל באַקלער, יצחק שטרעכער, ישראל כהן און אברהם פייערשטיין. צווייטע רייע: נאַטאַליאַ ענטענבערג, גרענאַריאַ בארנשטיין, פרוי ענטענבערג א״א

צאָל אָנוועזנדע מיטגלידער מיט זייערע פאַמיליעס, יוגנט און פאָרשטייער פון אַלע יידישע אינסטיטוציעס אין לאָמאַס און פון אומגעגנט, האָבן אויפן אַקט, וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן פון סעקרעטאַר זלמן טערעביזשניק, גערעדט דער פּרעזידענט, יצחק שטרעכער, דער פאָרשטייער פון ועד הקהילות יעקב גראַבאָווסקי און עס האָבן באַגריסט דער יידישער מדינה אַ צאָל עסקנים און פאָרשטייער פון אינסטיטוציעס. דער יום טוב האָט זיך פאַרצויגן ביז שפּעט אין אָוונט און עס איז ביי דער געלעגנהייט געזאַמלט געוואָרן אַ באַדייטנדע סומע פאַרן קרן קימת.

די אַרגענטינער נאַציאָנאַלע יום טובים, דער 25-טער מאַי און 9-טער יולי, זיינען געפייערט געוואָרן, מיט דער אָנוועזנהייט פון אַ גרויסן עולם יידן און תלמידים פון דער יידישער שולע מיט זייערע לערער, וועגן דער באַדייטונג פון די דאָזיקע אומאָפּהענגיקייטס-טעג פאַרן אַרגענטינער פאָלק, האָט גערעדט יצחק שטרעכער.

אין זעלביקן יאָר, איז אויף דעם לאַנדעס-קאָנגרעס וואָס עס האָט פאַרופן די דאַיאַ-צענטראַלע אין בוענאָס איירעס און איז פאָרגעקומען אין מאַר דעל פּלאַטאַ, זיינען געוועזן פאַרטראַטן אַלס דעלעגאַטן, די פאַרוואַלטונגס-מיטגלידער מאַוריסיאָ וויינער און קדיש האָרן.

אַ גוט אָרגאַניזירטער חנוכה-אָוונט, ביי געגרייטע טישן, מיט שירה און נגינה אויסגעפירט פון אָבער-קאַנטאָר פון פאַסאַ'ר טעמפּל, אהרן גוטמאַן און כאָר פון הזמיר, וואָס ביי דער קהילה אין בוענאָס-איירעס מיטן אָנטייל פון די תלמידים פון לאָמאַסער יידישער שולע, איז דורכגעפירט געוואָרן ביי



אַ טייל פון די אַנוועזנדע ביים באַנייַען די שיל אויפן נייַעם בית־עולם, אין יאָר 1963

דער אַנוועזנהייט פון אַ גרויסער צאָל מיטגלידער, עלטערן פון קינדער און פאַרשטייער פון אינסטיטוציעס. וועגן דער באַדייַטונג פון יום טוב חנוכה, האָט גערעדט דער יונגער רב נחמיה בערמאַן.

די 55 יאָר עקזיסטענץ וואָס די קהילה אין לאָמאַס האָט געציילט אין דאָזיקן יאָר, זיינען אָפּגעמערקט געוואָרן מיט אַ רייע אַקטן, צווישן אַנדערע: אַ אַזכרה אויפן בית עולם נאָך די פאַרשטאָרבענע גרינדערס און מיטגלידער וועלכע זיינען אַוועק אין דער אייביקייט. אַ חזן האָט אָפּגעריכט די רעליגיעזע טייל און הספד-ווערטער האָבן געהאַלטן אייניקע פאַרוואַלטונגס-מיטגלידער.

מיט דער אַנוועזנהייט פון משפחה-מיטגלידער, פאַרשטייער פון אינסטיטוציעס און דער קהילה-פאַרוואַלטונג אין פלענום, איז לזכרון די פאַרשטאָרבענע געוועזענע פרעזידענטן: כוליאַ געפּנער און יוסף שטרעכער, אויפגעהאָנגען געוואָרן זייערע בילדער אין באַזונדערע צימערן אין נייַעם קהילה-בנין, וועלכע ווערן אָנגערופן אויף זייערע רעספּעקטיווע נעמען.

אויף אַ ספּעציעלער זיצונג פון דער פאַרוואַלטונג, זיינען איבערגעגעבן געוואָרן אַנדענקס-דיפלאָמען צו די מיטגלידער, וואָס האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דער אינסטיטוציע צוריק מיט 50 יאָר, זיי זיינען: אַברהם מאַרקוס, משה גאָלדמאַן, אַברהם קיסלגאָף, חיים סיקיניפקער, הערמאַן גלוך, אייזיק סלאָפּאַק, יוסף אַבראַמאָוויטש און דוד גורפינקל.

די אַזכרה אין יאָר-טאָג פון אויפשטאַנד פון די וואַרשעווער געטאָ-העלדן, דורכגעפירט אויפן בית עולם ביים מאָנומענט פון די קדושים, מיטן אָנטייל פון אַ חזן, האָט גערעדט דער קאַסיר אין דעם פּעריאָד חיים קאַסטעלאַן און דער שרייַבער אַברהם זאַק.

⁂

אין יאָר 1966, אונטער דער פרעזידענץ פון יצחק שטרעכער און סעקרעטאַר זלמן טערעביזשניק, איז אויף דער איניציאַטיוו און קאָסטן פון עסקן וואָלף זאַמערפלעק געמאַכט געוואָרן אַ אויפנאַמע, פאַר הרב הראשי ד״ר דוד כהנא און פרוי. ביי שיין געדעקטע טישן און מיט דער אַנוועזנהייט פון אַ גרויסן עולם יידן, האָבן באַגריסט וואָלף זאַמערפלעק, וואָס איז דעם ח׳ רבס אַ בן-עיר און אייניקע פאַרוואַלטונגס - מיטגלידער, צום באַזעצן



די פּאַרוואַלטונג פֿון דער קהילה אין יאָר 1965

עם זיצן פון רעכטס: לעאָן עענטענבערג, חיים קאסטעלמאַן, אַברהם פּייערשטיין, יצחק שטרעבער (פּרעזידענט), זלמן טערעביזשניק (סעקרעטאַר), משה וויַינער
אברהם טשאַרני ע״ה און דוד בערגער

עם שטייען פון רעכטס: ירחמיאל זינאָוויץ, ד״ר איסאַק גוטניצקי, מענדל באַרנשטיין, יעקב אָלעסקער, וואָלף וואַרשאַווסקי, סאַלאָמאָן קיסלגאָף, י. ראַטשמאַן, קדיש האָרן ע״ה, לואיס סמוד, בערל גאַללער און יוסף נוסבוים



א טייל פּאַרוואַלטונגס-מיטגלידער פון דער קהילה און אייניקע מתפּללים פון בית הכנסת (1966). עם זיצן פון רעכטס: אברהם ביסטראָוויטש, גבאי יעקב האָלוב, יעקב זאַק, חזן שמואל פּרענקל, אברהם דואַר, דניאל שיפּמאַן און הערמאַן פרישוואַסער. עם שטייען פון רעכטס: זלמן טערעביזשניק, אברהם טשאַרני ע״ה, לעאָן שערמאַן, יאָשפע, ראובן שיפּמאַן, י. יעגער און אַלפּרעדאָ דואַר

אַ טייל פון אַנוועזנדן עולם, אויף דעם באַנקעט לכבוד הרב הראשי ד"ר דוד כהנא שליט"א, פאַרגעקומען אין סאַלאָן פון דער קהילה אין יאָר 1966.

זיך פון הרב כהנא מיט זײַן משפחה אין בועאײַרעס, אָנצופירן מיט דער פאַראַנטוואָרטלעכער מיסיע אַלס רב הראשי אין אַרגענטינע און אים געווונטשן הצלחה אין זײַן הייליקער שליחות.

הרב כהנא, האָט ביי דער געלעגנהייט, געהאַלטן אַ גײַסטרײַכן רעפעראַט, געמישט מיט מאמרי הז"ל, וועגן חזקת היהדות אין די תפוצות און וועגן מדינת ישראל.

צולעצט האָט דער ח' רב באַדאַנקט דער פאַרוואַלטונג און זיין בן־עיר וואָלף זאַמערפלעק, פאַר דער שיינער מסיבה לכבוד אים און זיין פרוי און פאַרענדיקט מיט ברכות פאַר די עסקנים און פאַר כלל ישראל.

די באַדײַטנדע הכנסה וואָס איז אַרײַנגעקומען אויף דעם אַקט, איז אויפן פאַרלאַנג פון וואָלף זאַמערפלעק איבערגעגעבן געוואָרן דער שול־פאַרוואַלטונג.

ערב יום כיפור, איז געמאַכט געוואָרן אַן אַזכרה ביים מאָנומענט פון די קדושים נאָך די 6 מיליאָן קרבנות און עס האָבן גערעדט זלמן טרעביזשניק און דער דיכטער שניאור וואַסערמאַן.

צום ערשטן יאָרצײַט פון דער פטירה פון ערשטן אויסערן־מיניסטער אין מדינת ישראל משה שרת ע"ה איז דורכגעפירט געוואָרן אַ אײַנדרוקספולע אַזכרה, און ס'איז דורך אייניקע פאַרוו.־מיטגלידער געשילדערט געוואַרן די פערזענלעכקייט פון נפטר און זײַנע פאַרדינסטן פאַר דער קאָנסאָלידירונג פון דער יידישער מדינה אויפן פאָליטישן געביט, צווישן די פעלקער אין דער וועלט.

עס זיינען אין דעם יאָר געפלאַנצט געוואָרן חורשה'ס אין די וועלדער פון קרן קימת, אויף די נעמען פון די חשובע נפטרים כוליאַ געפנער און יוסף שטרעכער און די אין זייער צײַט דערהאַלטענע אָנדענקס־טאָוולען פון דער קרן קימת־צענטראַלע, זיינען אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויף זייערע רעספעקטיווע מצבות.

אויספאַלנדיק דאָס יאָר, 10 יאָר זינט דאָס קויפן דעם בנין אויף אַוו. מעעקס, איז דורכגעפירט געוואָרן אַ יום־טוב, ביי וועלכער געלעגנהייט, אינסטיטוציעס האָבן געשאָנקען און אויפגעהאָנגען מאַרמאָרנע טאָוולען מיט די נעמען פון די, וואָס האָבן בשעתו געקויפט דאָס הויז און פון דער פאַרוואַלטונג פון דער קהילה אין לאָמאַס.

אין דעם יאָר, איז באַשטימט געוואָרן, אַז הרב נחמיה בערמאַן, זאָל קומען איין מאָל

דער אייבנאָן אויפן באַנקעט פאַר הרב כהנא

עס זיצן פון רעכטס: הרבנות כהנא, הרב הראשי דוד כהנא, וואָלף זאַמערפלעק און יצחק שטרעכער

אין חודש אויפצונעמען שאלות אין שייכות צו רעליגיעזע ענינים.

***

אין יאָר 1967, אונטער דער זעלביקער פאַרוואַלטונג ווי אין פאַריקן יאָר, ווען מיר צוו. אַנדערע אַקטיוויטעטן, פאַרצייכענען פאַלגנדע: עס איז דורכגעפירט געוואָרן אַ פייערלעכער אַקט צום 19־טן יום העצמאות; אויף אַ מסיבת־חברים, איז ביי אַ לחיים אין לאָקאַל פון דער קהילה באַגריסט געוואָרן דער סעקרעטאַר זלמן טערעבעזשניק, צו זיין ווערן אַ בן ששים. ביי דער געלעגנהייט האָט די קהילה איינגעשריבן דעם בעל היובל אין ספר הזהב; אַן אַקט איז דורכגעפירט געוואָרן, אין יאָר־טאָג פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד, מיטן אָנטייל פון ד״ר מאַרקאָס וואַדאָוואָז געוועזענער אַרגענטינער תושב, איצט דירעקטאָר פון שפּיטאָל אין עפולה — ישראל, און ציוניסטישן עסקן און שרייבער מרדכי קויפמאַן; ערב יום כיפור, איז געמאַכט געוואָרן אַ אַזכרה ביים מאָנומענט פון די קדושים מיטן אָנטייל פון הרב דוד כהנא; אַ חנוכה־אָוונט איז דורכגעפירט געוואָרן, מיטן אָנטייל פון הזמיר־כאָר ביי דער בוענאָס־אײַרעסער קהילה. אין דעם יאָר זיינען איינגעקויפט געוואָרן אַ צאָל ביכער און ספרים.

אויפן קאָנגרעס, וואָס עס האָט דורכגעפירט דער ועד הקהילות אין לאַ פּלאַטאַ, זיינען די דעלעגאַטן געווען: פּרעזידענט יצחק שטרעכער, סעקרעטאַר זלמן טערעביזשניק און די פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער אַברהם טשאַרני און וואָלף זאַמערפלעק.

אויפן צוזאַמענפאָר פון די „דאַיאַ״־פיליאַלן, וואָס די „דאַיאַ״־צענטראַלע האָט דורכגעפירט אין קאָרדאָבאַ, זיינען דעלעגירט געוואָרן פאָלגנדע פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער: זלמן טערעביזשניק, ד״ר איסאַק וויינבערג און אײַזיק ראָזאַנסקי.

אויף דער איניציאַטיוו פון דער קהילה, איז דורכגעפירט געוואָרן אַ זאַמלונג צווישן דער ייד. קאָלעקטיוויטעט פון לאָמאַס און אומגעגנט, צו הילף די געליטענע פון דער פאַרפלייצונג אין דעם יאָר, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער געגנט פון דער „ווישאַ עקאָנאָמיאַ״, וואָס גרענעצט זיך נאָענט פון די בית עולמס אין לאָמאַס. עס איז געזאַמלט געוואָרן אַ

אויף אַ חנוכה־אַקט אין קהילה (1966). קאָנצערט און ליכט־בענטשן פון חזן אָסקאַר האַלפּערין און כאָר אָנגעפירט פון דיריגענט ראובן האַלפּערין

באַדײַטנדע סומע, וואָס איז איבערגעגעבן געוואָרן דעם אַלגעמיינעם הילפס־קאָמיטעט פאַר דעם אויבנדערמאָנטן צוועק.

דעם 1־טן אַפּריל פון לויפענדן יאָר 1967, איז פון דער קהילה צוזאַמען מיט אָנגעשלאָסענע אינסטיטוציעס דורכגעפירט געוואָרן אַ באַערונגס־אַקט פאַר יצחק שטרעכער, צו זײַן ווערן אַ בן־חמישים און 30 יאָר געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט, אַלס אָנערקענונג און דאַנקאויסדרוק פאַר זײַן עסקנות מיט אַחריות און אינטעליגענץ, אַלס געוועזענער און איצטיקער פּרעזידענט און באַזונדער פאַר זײַן שטיין בראש, 13 יאָר בערך, פון דער יידישער שול אין לאָמאַס, וועלכע האָט אַ דאַנק זײַן דינאַמישער אַקטואַציע פיל פּראָגרעסירט.

עס זיינען בעת דעם באַערונגס־אַקט, געקומען צום וואָרט אַ רייע רעדנער, פאָרשטייער פון אינסטיטוציעס, וואָס האָבן אויסגעדריקט זייער אָנערקענונג און דאַנקבאַרקייט צו יצחק שטרעכער, וואָס הגם נאָך אַ רעלאַטיוו יונגער מענטש, איז ער פון זײַן פריער יוגנט, טעטיק אין לאָמאַסער יידישע נאַציאָנאַל־געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס און אין די ציוניסטישע מוסדות, וואו זײַן אַקטואַציע ווערט פון יעדן אָפּגעשאַצט און אָנערקענט.

ביי דער געלעגנהייט, איז צוגעטראָגן געוואָרן דעם באַערטן אַ פּערגאַמין מיט די אונטערשריפטן פון דער גרויסער צאָל אָנוועזנדע און אַ בוקעט בלומען זײַן פרוי. עס איז געזאַמלט געוואָרן אַ באַדײַטנדע סומע פאַרן קרן קימת לישראל, אײַנגעשלאָסן אַ באַשטײַערונג פון דער קרעדיט־קאַסע „ישראל שטרעכער” פון 36 טויזנט פּעזעס, אויפן נאָמען פון ח' באַערטן, האָט געמאָלדן דער געזעלשאַפטלעכער עסקן, וויצע־פּרעזידענט פון דער קהילה אַברהם פײַערשטיין.

צולעצט, האָט יצחק שטרעכער אין אַ פײַן געבויטער אימפּראָוויזירטער רעדע, גערעדט וועגן דער אויפגאַבע און די שליחות וואָס יעדער נאַציאָנאַל־געזעלשאַפטלעכער עסקן, דאַרף נעמען אויף זיך, צו העלפן שטאַרקן דאָס יידישע לעבן אין די תפוצות און גלײַכצײַטיק קומען צו הילף דורך פאַרשידענע מיטלען און אופנים דער יידישער מדינה.

נאָכדעם ווי ער האָט באַדאַנקט די חברים און פרײַנט פאַר דער הברלעכער אויפמערק־



ארון קודש אין דער שיל פון בית עולם. דעם פּרוכת האָבן געשאָנקען די ברידער זאַמערפעלק.

זאַמקייט לגבי אים און זײַן פרוי, מיט דער שיין אײַנגעאָרדנטער מסיבה, האָט זיך דער שיינער באַערונגס־אַקט פאַרענדיקט.

אין לויפנדן יאָר איז פאַרופן געוואָרן אַ עקסטראַ גענ. פאַרזאַמלונג צו רעפאָרמירן אייניקע פונקטן פון די סטאַטוטן און עס איז צווישן אַנדערן באַשטימט געוואָרן צו ענדערן דעם נאָמען פון דער אינסטיטוציע ((אויף שפּאַניש) „קאָמונידאַד העברעאַ (אַדאַט איזראַעל) דע פּראָטעקסיאָן רעסיפּראָקאַ ד״ר הרצל”.

⁂

אין יאָר 1968, ווידער אַמאָל מיט איסאַק שטרעכער אַלס פּרעזידענט און זלמן טרעביזשניק — סעקרעטאַר, איז צוזאַמען מיט אַ רייע קאָמיטעטן און סוב־קאָמיסיעס פון דער שולע, מגבית, קרן קימת און אַנדערע האָט די פאַרוואַלטונג דורכגעפירט אַ אינטענסיווע טעטיקייט אויף אַלע געביטן פון אינסטיטוציאָנעלן און יידיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן, מיט אַ געהעריקן אָפּרוף פון די מיטגלידער.

אין יאָרטאָג פון אויפשטאַנד פון וואַרשעווער געטאָ, איז פאָרגעקומען אַן אַקט מיטן אָנטייל פון פּראָפעסאָר אפרים גינזבורג און חזן ראובן האַלפּערין און כאָר, אָנגעפירט פון דיריגענט אָסקאַר האַלפּערין.

אויף אַ באַזונדער פײַערלעכן אופן און מיט אַ ענטוזיאַסטישן עולם באַזוכער, איז דאָס יאָר געפײַערט געוואָרן דער 20־טער יום העצמאות, מיטן אָנטייל פון סעקרעטאַר פון דער ציוניסטישער ליבעראַלער פעדעראַציע, אינזשיניער מרדכי דיין און פון בעאַטריז אַבראַמאָוויטש אין פאָרשטייערשאַפט פון יוגנט־צענטער „אַטענעאָ איזראַעליטאַ אַרכענטינאָ”.

צום ערשטן יאָר־טאָג פון דער באַפרײַאונג פון אַלט־ירושלים אין דער מלחמת ששת הימים, ווען עס איז געוואָרן ירושלים השלימה, איז פאָרגעקומען אַן אַקט אויף וועלכן עס האָבן גערעדט מאַרק טורקאָוו אַלס גאַסט־רעדנער און זלמן טרעביזשניק.

ערב יום כיפור, איז געמאַכט געוואָרן אַ אַזכרה, נאָך די 6 מיליאָן יידן אומגעבראַכטע דורך די נאַציס ימ״ש, ביים מאָנומענט פון די קדושים אויפן בית עולם, מיטן אָנטייל פון הרב שלמה בן חמו און פּראָפעסאָר אפרים גינזבורג, די געהעריקע תפלות און „אל מלא רחמים” האָבן אויסגעפירט די חזנים מנחם גילד און משה ליבערס.

אַלס אָנגעשלאָסענע אין ועד הקהלות, האָבן אָנטייל־גענומען אין 8־טן קאָנגרעס, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן אונטערן צייכן פון „20 יאָר מדינת ישראל און 75 יאָר עקזיסטענץ פון דער קהילה אין בוענאָס אײַרעס”. אונזערע פאָרשטייער: איסאַק שטרעכער, זלמן טרעביזשניק, אברהם טשאַרני, ראובן ברויטמאַן, לייב באָקלער און פאַביאָ דיק.

אויפן קאָנגרעס פון דער דאַיאַ, וואָס איז פאָרגעקומען אין מאַר דעל פּלאַטאַ אין חודש יולי, זײַנען געווען פאַרטראָטן די דעלעגאַטן צוזאַמען מיט די פאָרשטייער פון יוגנט־צענטער „אַטענעאָ”: וואָלף זאַמערפעלק, לייב באָקלער, פאַביאָ דיק, אײַזיק ראָזאַנסקי, סיל-

וויאַ סעמבער און כואַנאַ דע סעמבער. אויף דער דעלעגאַטן־פֿאַרזאַמלונג פון דער דאַיאַ, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין בוענאָס אײַרעס, זיינען געווען פֿאַרטרעטן זלמן טערעביזשניק, וואָלף זאָמערפֿלעק, לייב באָקלער און ראובן ברויטמאַן.

ווי אזוי עס ווערט אַרויסגעוויזן חברלעכע באַציאונג צווישן דער פֿאַרוואַלטונג פון דער קהילה, עסקנים און מיטגלידער, אויך ביי געלעגנהייטן פון פֿאַמיליאַרן כאַראַקטער, איז געווען צו זען פון דער מסיבה וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן לכבוד זלמן טערעביזשניק און פרוי, און זייער טאָכטער דבורה — איצט עצמון, וואָס איז געקומען מיט איר מאַן און זון צו פראַווען זײַן בר־מצוה אין קרײַז פון איר משפחה אין לאָמאַס.

מצד די וואָס זיינען געקומען צום וואָרט, איז אָפּגעשאַצט געוואָרן די געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט פון זלמן טערעביזשניק אין פֿאַרלויף פון כמעט פיר צענדליק יאָר אין לאָמאַס און עס זיינען געזעגנט געוואָרן די ישראל־געסט, צו זייער אומקערן זיך אין זייער היים אין ישראל מיט די בעסטע ווינטשן פֿאַר זיי און פֿאַר דער יידישער מדינה.

אין דעם יאָר זיינען איינגעקויפט געוואָרן אַ צאָל ביכער און ספרים, אויך די ערשט־דערשינענע 5 מסכתא׳ס פון תלמוד בבלי מיט אַ איבערזעצונג אויף שפּאַניש און די קהילה האָט זיך אַבאָנירט אויף די ווייטערדיקע מסכתא׳ס, ווען זיי וועלן, אין זייער צייט, דערשיינען.

אין יאָר 1969, אונטער דער פּרעזידענץ פון קאָנטאַדאָר חיים קאַסטעלאַן און סעקרעטאַר אינזשעניר מלך דאָדיוק, זיינען דורכגעפירט געוואָרן אַ ריי אַקטן און ימים טובים, צווישן וועלכע מיר רעכענען אויס נאָר אַ צאָל: צום 21־טן יום העצמאות, איז דורכגעפירט געוואָרן אַ שיינער אַקט אין פאָרם פון אַ וועטשערע, סערווירט פון דער פרויען־קאָמיסיע פון דער יידישער שולע. דער סאַלאָן איז געווען איבערפֿולט מיט אַ גרויס פובליקום פון עלטערע און יוגנטלעכע. נאָך דעם ווי עס זיינען אַרויפגעצויגן געוואָרן די אַרגענטינער און יידישע פענער און געזונגען געוואָרן ביידע הימנען, האָט געעפנט דעם אַקט זלמן טערעביזשניק, וועלכער האָט גערעדט וועגן דער באַדײַטונג פון דער זעלבסטשטענדיקייט פון מדינת ישראל פֿאַרן יידישן פֿאָלק, האָט געהאַלטן אַן אינהאַלטסרײַכן פֿאַרטראַג ד״ר כוליאָ ליפשיץ אויף דער טעמע „יידן אין דער דיאַספּאָראַ און יידן אין ישראל״.

די יוגנט האָט געטאַנצט, געזונגען און האָבן פֿאַרגעשטעלט סצענקעס, אויף שפּאַניש, יידיש און העברעאיש פון ישראל־לעבן, און עס איז דורכגעפירט געוואָרן אַ זאַמלונג פֿאַרן קרן קימת.

די אַרגענטינער נאַציאָנאַלע ימים טובים: 25־טער מאַי און 9טער יולי זיינען געפּײַערט געוואָרן, מיטן אָנטייל פון די קינדער פון שולע, וועלכע האָבן אויסגעפירט אייניקע נומערן פון אַרגענטינער פֿאָלקלאָר. וועגן דער באַדייטונג פון די דאָזיקע פייערונגען, האָט גערעדט דער סעקרעטאַר אינזשעניער מלך דאָדיוק.

דעם 5טן יוני, איז פֿאָרגעקומען אַ קאָנפֿערענץ פון אינזשעניער משה דיין אויף דער טעמע „געאָ־פּאָליטיק אויפן נאָענטן מזרח״ דער אַקט איז געווען גוט באַזוכט און איז געוואָרן אָנגעפירט פון דער קולטור־דירעקטאָרין פון וויצאָ־רעגיאָנאַל פרוי סאַריטאַ דע געפנער.

אַ חנוכה־אָוונט, צוגעגרייט און אָנגעפירט פון די פֿאַרוואַלטונגס־מיטגלידער אַברהם טשאַרני און זלמן טערעביזשניק, צוזאַמען מיטן סוב־קאָמיטעט פון קרן קימת, איז דורכגעפירט געוואָרן מיטן אָנטייל פון קינדער פון דער יידישער שולע, וועלכע האָבן פֿאָרגעשטעלט סצענקעס און געזונגען אויף חנוכה־מאָטיוון. וועגן חנוכה, האָט גערעדט דער סעקרעטאַר אינזשעניער מלך דאָדיוק.

אויפן „לחיים״ וואָס ווערט יאָר־יערלעך געמאַכט ערב ראש־השנה, איז דאָס יאָר געווען אַנוועזנד הרב נחמיה בערמאַן, וועלכער האָט גערעדט מעניני דיומא.

אין די ראַמען פון באַקענען זיך און אָנקניפּן קעגנזייטיקע געזעלשאַפטלעכע באַציאונגען מיט קהילות און אינסטיטוציעס פון די נאָענט־ליגנדע יידישע ישובים, האָט די פֿאַרוואַלטונג אויפגענומען אַ דעלעגאַציע פון

דער קהילה אין לאַ-פלאַטאַ מיטן פרעזידענט פעדראָ גרייווער בראש. ביי דער געלעגנהייט איז דער חשובער דעלעגאַציע איבערגעגעבן געוואָרן אַ דיפלאָם פון ספר הזהב, וואָס די לאָמאַסער קהילה האָט בשעתו אײַנגעשריבן דער קהילה פון לאַ-פלאַטאַ.

אַן אַזכרה לזכר די 6 מיליאָן קדושים, איז דורכגעפירט געוואָרן, מיטן אָנטייל פון הרב שמואל מישקין און אַ הספד פון מלך דאָדיוק.

אויף דעם קאָנגרעס וואָס די „דאַיאַ״ האָט פאַרופן אין מאַר דעל פלאַטאַ זיינען געווען פאַרטראָטן די פאַרוואַלטונגס-מיטגלידער משה שטרעכער און ראובן ברויטמאַן.

אויף אַן עקסטראַ פאַרזאַמלונג פון דער „דאַיאַ״, וואָס איז פאָרגעקומען אין בוענאָס איירעס, זיינען געווען דעלעגירט דער פרעזידענט חיים קאַסטעלאַן, קאַסיר ד״ר איזראַעל סימקין און אַקטן-סעקרעטאַר מאַוריסיאָ וויינער.

אַלס פערמאַנענטע פאָרשטייער פון דער קהילה אין לאָמאַס אין דער „דאַיאַ״-צענטראַלע, זיינען באַשטימט געוואָרן: פרוי פרידאַ געפנער דע גורעוויטש און ראובן ברויטמאַן.

אויף דער איינלאַדונג פון לאָמאַסער מוניציפאַליטעט, צו דער לאָמאַסער קהילה צו דעלעגירן פאָרשטייער צו אינטעגרירן דעם שטאָט-ראַט, זיינען דעלעגירט געוואָרן: סעקרעטאַר אינזש. מלך דאָדיוק און אַקטן-סעקר. מאַוריסיאָ וויינער, וועלכע זיינען באַשטימט געוואָרן אין געוויילטן שטאָט-ראַט, אַלס דירעקטאָר און סוב-דירעקטאָר — רעספעקטיוו.

די סובסידיעס און שטיצעס זיינען אין דעם יאָר געגעבן געוואָרן פאַר די יידישע שולעס אין אַדראָגע, קילמעס, מאָנטע-גראַנדע, לאַנוס און יידיש-העברעאישן סעמינאַר אין אַוועזשאַנעדאַ.

צו דער געלעגנהייט פון ווערן אַ בן שמונים און צו זיין רייזע אויף אַ באַזוך קיין ישראל, פון אַקטיוון לאַנג-יאָריקן עסקן יעקב זאַק, איז דורכגעפירט געוואָרן, לכבוד אים אַ באַערונג און אָפשיידס-מסיבה. עס איז דעם בעל-היובל אויסגעדריקט געוואָרן דאַנק און אַנערקענונג פאַר זיין געטרייער עסקנות צענדליקער יאָרן און אים געווונטשן אַריכת ימים ושנים, ער זאָל קענען נאָך פיל יאָרן זיין טעטיק לטובת הכלל. עס איז דעם באַערטן צוגעטראָגן געוואָרן אַ „פערגאַמין״ מיט די אונטערשריפטן פון דער גרויסער צאָל אָנוועזנדע חברים, מיטגלידער און עסקנים.

אין ערשטן לאַטיין-אַמעריקאַנער קאָנגרעס פון געזעלשאַפטלעכע קולטורעלע און עקאָנאָמישע אינסטיטוציעס, וואָס איז פאָרגעקומען אין ישראל, זיינען געווען דעלעגירט יצחק שטרעכער און זלמן טערעביזשניק. ביים צוריקקומען פון ישראל, האָבן די אויבנדערמאָנטע, אויף אַ ספעציעלער מסיבה פון דער קהילה-פאַרוואַלטונג און עסקנים אָפגעגעבן אַ באַריכט פון דורכגעפירטן קאָנגרעס, געוויזן דיאַפאָזיטיוון און ליכט-בילדער פון לעבן אין די קיבוצים און אין אַ ריי שטעט און פון אַ טייל הייליקע מקומות, ווי: די כותל המערבי, מערת המכפלה א״אַ וואָס האָט געמאַכט אַ גוטן איינדרוק.

מיר וועלן פאַרענדיקן דעם איבערזיכט פון די טעטיקייטן פון דער קהילה אין דאָזיקן יאָר, מיטן פאַרצייכענען די לויבנסווירדיקע איניציאַטיוו פון דער קהילה צוזאַמען מיט דער עלטערן-קאָמיסיע פון דער שולע אונטערן פאָרזיץ פון דער דינאַמישער פרעזידענטין פרוי אַמאַליאַ דע פענדזיק, ווערט פראָיעקטירט צו פאַרוואַנדלען די יידישע שולע אין לאָמאַס אין אַן אינטעגראַלער שולע, כדי צו געבן די מעגלעכקייט אַז אַלע יידישע קינדער פון לאָמאַס און אומגעגנט זאָלן צוגלייך מיט דער אַלגעמיינער בילדונג, באַקומען אין דער אינטעגראַלער שולע, אויך יידישע בילדונג.

דער אָפרוף פון די עלטערן, אויך פון די וועמענס קינדער האָבן ביז איצט די יידישע שולע נישט באַזוכט, איז זייער אַ גוטער און די שול-פאַרוואַלטונג, די עלטערן-קאָמיסיע צוזאַמען מיט דער קהילה-פאַרוואַלטונג, גייען אָן מיט די צוגרייטונגען צו פאַרווירקלעכן זייער איניציאַטיוו אַז צום קומענדיקן יאָר 1970 זאָל די אינטעגראַלע יידישע שולע אין לאָמאַס זיין אַ געשעענער פאַקט.

די קהילה-פאַרוואַלטונג האָט באַשלאָסן, אַז נאָך דעם, ווי עס וועט פאַרענדיקט ווערן, ווי עס איז פאָרויסצוזען, ענדע קומענדיקן

יאָר, דער בנין אויף גאַרריטי, וואָס ווערט איצט איבערגעבויט, אונטער דער אָנפירונג פון אינזשעניער ביטשוטי, אַרכיטעקט רובען דיק און בוימייסטערס בנימין געפנער און קאַרלאָס האָלוב (אַד האָנאָרעם), און ס׳וועלן אַהין אַריבערגעפירט פירן די קהילה־אַדמיניסטראַציע און אַלע אַנדערע אינסטיטוציעס, וועלכע זיינען איצט טעטיק אין בנין פון אַוו. מעעקס, וועט די אינטעגראַלע שולע און דער יוגנט־צענטער „אַטענעאָ", דאָרט בלייבן אָנצופירן זייערע רעספעקטיווע טעטיקייטן.

אין דעם יאָר, מיטגלידער — 780.

1970

אין יאָר 1970, אין וועלכן די קהילה אין לאָמאַס, טרעט אַריין אין איר 60־יאָריקער עקזיסטענץ, ווערט די אינסטיטוציע אָנגעפירט פון אַ פאַרוואַלטונג מיט קאָנטאַדאָר חיים קאַסטעלאַן אַלס פרעזידענט און אינזשעניער מלך דאָדיוק — סעקרעטאַר.

דער ערשטער פייערלעכער אַקט, וואָס די פאַרוואַלטונג האָט דורכגעפירט צוזאַמען מיט דער עלטערן־קאָמיסיע פון דער שולע איז געווען, צו דער אָפיציעלער דערעפענונג פון דער אינטעגראַלער שולע, אין וועלכער עס האָבן זיך פאַרשריבן 152 קינדער (אין פאַריקן יאָר — 70 תלמידים). ביי אַ פיין צוגעגרייט „לחיים" מיט צובייסן און ביי דער אַנוועזנהייט פון אַ גרויסן עולם עסקנים, עלטערן פון קינדער און די שילער, האָט דער עקס־פרעזידענט פון דער קהילה און פון דער שולע, פאַרמאַצעווט יצחק שטרעכער, דערעפנט דעם אַקט מיט פאַסיקע ווערטער און געטיילט ווערטער צום באַגריסן: דעם פרעזידענט פון דער קהילה קאָנטאַדאָר חיים קאַסטעלאַן, דער פרעזידענטין פון דער עלטערן־קאָמיסיע ביי דער שולע פרוי אַמאַליאַ דע פענדזיק א״אַ וועלכע האָבן אין זייערע ווערטער אויסגעדריקט די צופרידנקייט וואָס עס איז געלונגען די שול־עסקנים צוזאַמען מיט דער קהילה־פאַרוואַלטונג, נאָך פיל מי און אָנשטרענגונג איינצואָרדענען די יידישע שולע אין לאָמאַס אַלס אַן אינטעגראַלע שולע, אין וועלכער ס׳איז צו האָפן, אַז אַלע יידישע קינדער פון לאָמאַס דע סאַמאָראַ און אומגעגנט, וועלכע וועלן די שולע באַזוכן, וועלן צוזאַמען מיט דער אַלגעמיינער בילדונג, אויך



די פאַרוואַלטונג פון דער קהילה אין יאָר 1970

עס זיצן פון רעכטס: גרעגאָריאָ גאַלאַנטער, מאָוריסיאָ וויינער (אַקטן־סעקרעטאַר), אינזש. מלך דאָדיוק (סעקרעטאַר), קאָנטאַדאָר חיים קאַסטעלאַן (פרעזידענט), בערל גאַללער (וויצע־פרעזידענט), ד״ר ישראל סימקין (קאַסיר), לואיס סמוד (פראָ־סעקרעטאַר), משה שטרעכער (פראָ־קאַסיר). עס שטייען פון רעכטס: אַדמיניסטראַציע־סעקרעטאַר — סאַלאָמאָן קיסלגאָף, סאַמועל מינדעל, משה קאַגאַרליצקי, יעקב האָלוב, אברהם טשאַרני ע״ה, ראובן ברויטמאַן און משה פענדזיק

באַקומען אַ יידישע דערציאונג און אויסבילדונג. *)

דעם 10טן מאַי, איז דורכגעפירט געוואָרן אַ פייערונג צום 22טן יום העצמאות פון מדינת ישראל. ביי דער אָנוועזנהייט פון אַ גרויסן עולם מיטגלידער, געסט, פאָרשטייער פון אינסטיטוציעס און אַ צאָל יוגנטלעכע, האָט דערעפנט דעם אַקט דער געז. עסקן זלמן טערעביזשניק און נאָכדעם ווי דער פרעזידענט חיים קאַסטעלאַן און עקס-פרעזידענט יצחק שטרעכער האָבן אַרויפגעצויגן די פאָנען פון אַרגענטינע און ישראל, האָט מען געזונגען די הימנען פון ביידע לענדער און עס האָט גערעדט דער ערשטער דער פרעזידענט חיים קאַסטעלאַן, וועלכער האָט, נישט לאַנג צוריק, באַזוכט ישראל און איבערגעגעבן זיינע איינגענעמע איינדרוקן פון דער יידישער מדינה. אין נאָמען פון לאָמאַסער יידישער יוגנט, האָט גערעדט און באַגריסט דער יוגנטלעכער בעטאָ ראַכמילעוויטש און דער גאַסט-רעדנער יצחק גאָרדאָן האָט געהאַלטן אַן אינטערעסאַנטן רעפעראַט וועגן מדינת ישראל, זינט איר אַנטשטייאונג ביז היינט צו טאָג. אין אַ געהויבענער שטימונג און אונטער די קלאַנגען פון אַ אָרקעסטער מיט אַ געשמאַקער ווערטשערע, געגרייט פון דער דינאַמישער פרויען-קאָמיסיע ביי דער אינטעגראַלער שולע, האָט דער עולם פאַרבראַכט ביז שפעט אין דער נאַכט.

דעם 26טן מאַי, איז דורכגעפירט געוואָרן אַ באַערונגס-אַקט פאַרן שרייבער פיניע ניעמאַי, צו זיַין 75-טן געבוירן-טאָג. די שיינע מסיבה, ביי אַ צאָלרייכן עולם, פאַרוואַלטונגס-מיטגלידער, און פאָרשטייער פון אינסטיטוציעס, וואָס איז צושטאַנד-געקומען אויף דער איניציאַטיוו פון עקס-פאַרוואַלטונגס-מיטגליד לייבל באָקלער, איז דורכגעפירט געוואָרן אין פאָרם פון אַ פיינעם נאַכטמאָל, געגרייט פון דער עלטערן און פרויען-קאָמיסיע וואָס איז טעטיק ביי דער אינטעגראַלער שולע. נאָכדעם ווי דער עקס-סעקרעטאַר זלמן טערעביזשניק, וואָס האָט אָנגעפירט מיטן אַקט, האָט איבערגעלייענט די אָנשליסונגען פון אַ ריי אינסטיטוציעס, האָבן גערעדט און באַגריסט דעם בעל-היובל, דער פרעזידענט חיים קאַסטעלאַן, לייבל באָקלער, אַברהם פייערשטיין, בצלאל באַלער און דער דירעקטאָר פון דער שולע יחיאל קעניג. די געסט פון טוקומאַן, דאָס קינסטלער-פאָרל אסתר און יעקב רודי, האָבן מהנה געווען דעם עולם מיט געזאַנג און רעציטאַציעס, וואָס האָט שטאַרק אויסגענומען און זיינען האַרציק באַדאַנקט געוואָרן מיט אַפלויזן.

צולעצט האָט דער באַערטער פיניע ניעמאַי, אין אַ שיינער אימפּראָוויזאַציע, באַדאַנקט פאַר דער מסיבה לכבוד אים און גערעדט וועגן דעם, אַז יידישע עלטערן דאַרפן און מוזן געבן זייערע קינדער אַ יידישע דערציאונג און זיי לערנען דאָס יידישע לשון, וואָס זיינען מיטלען, אַז זייערע קינדער זאָלן נישט אָפּגעריסן ווערן פון זיי און פון יידישן שטאַם. די פאַרוואַלטונג האָט ביי דער געלעגנהייט געמאָלדן, אַז די קהילה אין לאַמאַס האָט באַשלאָסן איינצושרייבן דעם ח׳ באַערטן פיניע ניעמאָי אין ספר הזהב.

דעם 25טן אויגוסט, האָט די יידישע געזעלשאַפט אין לאָמאַס, געהאַט צו באַדויערן אַ גרויסע אבידה, מיטן פלוצימדיקן טויט פון געזעלשאַפטלעכן און נאַציאָנאַלן עסקן אברהם טשאַרני ע״ה, וועלכער איז געווען, במשך פיל יאָרן, טעטיק אין דער קהילה-פאַרוואַלטונג אויף אַ ריי אַמטן, אין די סובקאָמיסיעס פון מגבית, קרן קימת און אַנדערע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס. צו די שלושים טעג פון זיין פטירה, איז אָפּגעריכט געוואָרן אַן אַזכרה אין סאַלאָן פון דער קהילה און ס׳האָבן מספיד געווען דעם ח׳ נפטר דער סעקרעטאַר פון דער קהילה אינזשעניער מלך דאָדיוק, דער עקס-פרעזידענט יצחק שטרעכער, בצלאל באַלער און אין נאָמען פון אַלע אינסטיטוציעס, אין וועלכע דער נפטר האָט מיטגעאַרבעט האָט גערעדט זלמן טערעביזשניק. די רעליגיעזע טייל, האָט דורכגעפירט דער חזן עקיבא טענענבוים.

דעם 26טן סעפטעמבער, איז דורכגעפירט געוואָרן אַ געזעגענונגס-מסיבה, פאַר ענריקע

---

*) אויספירלעכער וועגן דאָזיקן דערעפענונגס-אַקט, — אין דער „געשיכטע פון דער שולע״ אויף אַ צווייטן פלאַץ.

קודלאַטש און פרוי צו זייער רייזע קיין מדינת ישראל. ביידע — געזעלשאַפטלעכע טוער אין אַ ריי געזעלשאַפטלעכע און נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס אין לאָמאָס און אומגעגנט. ער איז אויך געווען פרעזידענט פון דער קהילה אין לאָמאָס און פרוי קודלאַטש — אַן אַקטיווע וויצאָ-טוערן אין פיליאַל פון דער וויצאָ אין לאָוואַזשאַל ווו זיי וואוינען. אויף דער דאָזיקער מסיבה זיינען ביידע א. ד. עסקנים, געזעגנט געוואָרן מצד פאַרוואַלטונגסמיטגלידער און פריינט און זיי געווינטשן אַ צאתכם ובואכם לשלום.

דעם 29טן סעפטעמבער איז פאַרגעקומען אַ „לחיים” לכבוד דעם נייעם יאָר ה׳תשל״א, וואָס קומט. די מסיבה אָנגעפירט פון סעקרעטאַר פון דער קהילה אינזשעניער מלך דאַדיוק, איז געווען גוט באַזוכט פון אַ גרויסער צאָל מיטגלידער און מיט דער אָנוועזנהייט פון ספעציעל איינגעלאַדענעם רב נחמיה בערמאַן, וועלכער האָט גערעדט ביי דער געלעגנהייט, וועגן דער באַדייטונג פון די עשרת ימי תשובה. עס האָט גערעדט און באַגריסט דעם לאָמאָסער יידישן ישוב צום נייעם יאָר, דער פרעזידענט חיים קאַסטעלאַן און אין נאָמען פון אַלע יידישע אינסטיטוציעס אין לאָמאָס, האָט גערעדט דער פאַרזיצער פון קרן קימת-סוב-קאָמיטעט, דער קאָרעספאָנדענט פון די „יידישע צייטונג” זלמן טערעביזשניק און אין פאַרשטייערשאַפט פון די יידישע אינסטיטוציעס האָט באַגריסט אשר קאַנעווקאַ.

זונטיק דעם 4טן אָקטאָבער, איז ביים מאָנומענט פון די קדושים אויפן נייעם בית-עולם, דורכגעפירט געוואָרן אַן אַזכרה נאָך די 6 מיליאָן קדושים אומגעבראַכטע פון די נאַציס. עס האָט גערעדט דער סעקרעטאַר אינזשעניער מלך דאַדיוק און אַ הספד האָט געהאַלטן הרב שלמה בן חמו. עס האָבן אָנגעצינדן זעקס ליכט דער פרעזידענט חיים קאַסטעלאַן, הרב בן חמו, דער פאַרזיצער פון מגבית וואָלף זאַמערפלעק, פאַרזיצער פון קרן קימת זלמן טערעביזשניק, דער גבאי פון שיל יעקב האַלוב און אין פאַרשטייערשאַפט פון לאַנוסער ישוב — יעקב שמואל קופערבערג. די תפילות האָט אָפגעריכט דער חזן שמואל פרענקעל.

:: :: ::

אויף די לעצטע זיצונגען פון דער פאַרוואַלטונג (אין חודש נאָוועמבער) ווערט באַהאַנדלט, צווישן אַנדערע ענינים וואָס שטייען אויפן סדר היום, דער פראָגראַם פון די פייערונגען, וואָס וועלן פאָרקומען ביים אָפמערקן דעם באַדייטנדן צייט-אָפשניט פון 60 יאָר עקזיסטענץ פון דער קהילה אין לאָמאָס דע סאַמאָראַ, וועלכע, וועלן, אין אַלגעמיינע שטריכן (דעטאַלן וועלן באַזונדער פראָגראַמירט ווערן) דורכגעפירט ווערן אויף פאָלגנדן אופן: אַ תפילת-שבת אין בית הכנסת, מיט אַ חזן און כאָר, אַן אַזכרה אויפן בית-החיים, נאָך די פאַרשטאָרבענע גרינדער, עסקנים און מיטגלידער; אַ באַנקעט, צו וועלכן עס וועלן פאַרבעטן ווערן פאַרשטייער פון ועד-הקהילות, קהילה פון בוענאָס איירעס, „דאַיאַ”, פון אייניקע אינסטיטוציעס פון דער הויפטשטאָט און פון לאָמאָס און אומגעגנט, ווי אויך פאַרשטייער פון גובערנאַמענטאַלע און מוניציפאַלע באַהערדן; צולעצט וועלן פאָרקומען אייניקע פאַראַנשטאַלטונגען אויף וועלכע עס וועלן זיך פרעזענטירן די שילער פון דער אינטעגראַלער שולע אין לאָמאָס און דער יוגנטלעכער קולטור-צענטער „אַטענעאָ איזראַעליטאַ אַרכענטינאַ”. עס איז אויך באַשלאָסן געוואָרן צו פלאַנצן אַ חורשה אויפן באָדן פון קרן קימת אין ישראל, אויפן נאָמען פון דער קהילה אין לאָמאָס.

ווי עס איז פאַרויסגעזען, וועלן די א״ד פייערונגען פאָרקומען, ווען עס וועט פאַרענדיקט ווערן (אין אַ פאָר וואָכן אַרום) דאָס איבערבויען דאָס הויז אויף גאַרריטי 333, אין וועלכן איצט רחבותדיקן בנין, די פייערונגען וועלן דורכגעפירט ווערן און צו דער זעלבער צייט, וועט דערשיינען דער דאָזיקער אַלמאַנאַך, וואָס ווערט אַרויסגעגעבן פון דער קהילה צו דער געלעגנהייט פון פייערן 60 יאָר עקזיסטענץ פון דער כנסת ישראל ד״ר הרצל, געגרינדעט אין יאָר 1910 — איצט, קהילה „ד״ר הרצל” אין לאָמאָס דע סאַמאָראַ אין יאָר 1970.

יידישע איסטיטוּציעס און געזעלשאַפטן
אין לאָמאַס דע סאַמאָראַ

די אינטעגראַלע שולע „ד״ר הרצל״

אין לאָמאַס דע סאַמאָראַ

באַלד נאָכדעם, ווי עס איז געגרינדעט געוואָרן (אין יאָר 1910) דער פאַריין כנסת ישראל „ד״ר הרצל״, האָבן די פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער צוזאַמען מיט עלטערן פון קינדער, זיך אָנגעהויבן פאַרטראַכטן, וועגן גרינדן אַ תלמוד תורה ביים פאַריין.

מען האָט זיך אַרומגעזען, אַז די יידישע קינדער, געפינענדיק זיך אין אַ ניט יידישער סביבה, ווערן פאַרוואָרלאָזט און פאַרנאַכלעסיקט, בנוגע יידישן חינוך:

די אָנפירער פון דער ניַי־געגרינדעטער אינסטיטוציע זיינען בעיקר געווען פאַרנומען, מיט די פראָבלעמען פון שאַפן מיטגלידער, זאַמלען געלט צו קויפן אַ פלאַץ פאַר אַ בית החיים און אַנדערע געזעלשאַפטלעכע ענינים, האָבן זיי, דעריבער, ניט געהאַט די מעגלעכקייט און גענוג צײַט, זיך אָפגעבן ווי געהעריק, אויך מיט דעם יידישן חינוך־פראָבלעם. האָבן, דאַן, אַ גרופּע עלטערן פון קינדער אין שול־עלטער, געדונגען אַ צימער ביי אַ יידישער פאַמיליע, אַראָפּגעבראַכט אַ לערער פון בוענאָס איירעס, געשיקט פון דער ייק״א און מיט אַ באַגרענעצטער צאָל קינדער געגרינדעט אַ שולע (גערופן האָט מען די שולע, תלמוד תורה).

אין אַ קורצער צייט אַרום (אַ פאָר יאָר בערך), האָט די פאַרוואַלטונג פון דער „כנסת ישראל ד״ר הרצל״, געגרינדעט אַ צווייטע תלמוד תורה און פאַרשטענדלעך, אַז סיי אין דער ערשטער ווי אין דער צווייטער האָבן געלערנט נישט קיין גרויסע צאָל קינדער און מיט צעטיילטע כוחות, איז געווען שווער זיי אויסצוהאַלטן.

עטלעכע יאָר זיינען אַריבער (מיט אַן איבעררייס פון די לימודים אין אַ פאָר פעריאָדן, אַמאָל אין דער ערשטער און אַמאָל אין דער

די תלמידים פון דער שולע „ד״ר הרצל״ מיט זייער לערער ישראל שטשוטשינסקי ע״ה
אין יאָר 1940

צוויטער תלמוד תורה), ביז עס איז געלונגען די אנפירער פון די בײדע שולעס, זיך צו פאראײניקן און עס איז געגרינדעט געווארן (ארום די יארן 1930) די יידיש-העבּרעאישע שולע „ד״ר הרצל". *)

ערשט אין יאר 1935 זענען מיר פארפיקסירט אין די אקטן פון דער „כנסת ישראל ד״ר הרצל", מיט וואס פאר א ערנסטקײט און אינטערעס עס איז איף די זיצונגען פון דער פארוואלטונג באהאנדלט געווארן דער ענין שולע. עס איז באשטימט געווארן א שול-קאמיסיע, וועלכע זאל זיך אפגעבן מיט דער שול-טעטיקײט און הגם די עסקנים האבן זיך אנגעטראפן מיט נישט קײן קלײנע שווערקײטן אין מאטעריעלן זינען און בעיקר מיט א גלײכגילטיקער באציאונג מצד עלטערן אע״ו דאך איז מען נישט מיד געווארן און זיך נישט מתייאש געווען.

מיט דעם מינימאלן שכר לימוד, וואס א טײל עלטערן האבן געצאלט און מיט דער שטיצע פון דער פארוואלטונג פון דער „כנסת ישראל „ד״ר הרצל" (גערופן חברה קדישא), האט די שולע דאך אנגעהױבן צו פראגרעסירן.

עס איז געלונגען די שול-עסקנים צוקאאפּטירן אין דער שול-ארבעט אײניקע עלטערן, וועלכע האבן ארויסגעוויזן אינטערעס אין דער שול-טעטיקײט און צוזאמען, מיט געאײניקטע כוחות און מיט דער שטיצע פון דער פארוואלטונג פון דער חברה קדישא — „כנסת ישראל ד״ר הרצל", אזועקצושטעלן די שולע אויף א פעסטערע באזע, מיט א גרעסערע צאל תלמידים (עטלעכע און פערציק) און 2 טורנעס מיט 2 לערערס און אן אמניבוס, די שול צו באדינען.

צו אונדזער פריערדיקער באמערקונג, אז נישט לײכט איז אנגעקומען די שול-טוער אין זײער עסקנות פאר דער שולע, ווילן מיר דא צוגעבן א קלײנעם פירוש: אנפאנג

---

* די אלע דאטן, וואס מיר גיבן אן ביז איצט, איז אונז דערצײלט געווארן פון די גרינדער און עסקנים: סאלאמאן קאגארליצקי, כוליא געפנער, נפתלי רעצעפּטער, יוסף שטרעכער און נחמן גאראכאווסקי עליהם השלום.



די רעארגאניזיר-קאמיסיע פון דער שולע „ד״ר הרצל", און אײניקע פארוואלטונגס-מיטגלידער פון דער כנסת ישראל „ד״ר הרצל" אין לאמאס, אין יאר 1943. עס זיצן פון רעכטס: בעריל גאללער, אברהם פײערשטײן, יוסף זלאטניק, לײב שיפמאן ע״ה (פארזיצער), זלמן טערעביזשניק, הערמאן גלוך ע״ה און בצלאל באלער (סעקרעטאר). עס שטײען פון רעכטס: אײזיק סלאפּאק ע״ה, יוסף אבראמאוויטש ע״ה, יוסף בערנשטײן ע״ה און משה סאנטימער

די תּלמידים פֿון שולע מיט זייערע לערער מ. מייעראָוו און י. שטשוטשינסקי אין 1945

די שול־פֿאַרוואַלטונג אין יאָר 1945. עס זיצן פֿון רעכטס: בער־ל גאַללער (קאַסיר), אַבֿרהם פּײַערשטיין (וויצע־פּרעזידענט), לייב שיפּמאַן (פּרעזידענט), בצלאל באַלער (סעקרעטאַר) און יוסף שטרעכער ע״ה (פּראָ־קאַסיר). עס שטייען פֿון רעכטס: הערש מלך האָניק ע״ה, זיגמונד דענקער, זלמן טערעבישניק, יוסף בערנשטיין ע״ה און יוסף זלאָטיניק — וואָקאַלן

שול־יאָר, איז מען געגאַנגען צו די עלטערן און זיי געבעטן, אַז זיי זאָלן שיקן זייערע קינדער אין דער יידישער שול און למען האמת, נישט אומעטום האָט מען אָנגעטראָפן אויף אָפענע טירן און אויף... אָפענע אויערן... די פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער, זיינען אויך געווען די אינקאַסענטן איינצומאָנען דעם שכר־לימוד (ביי די וואָס האָבן בכלל געצאָלט), כדי צו האָבן צו באַצאָלן אין צייט דעם געהאַלט די לערער, פאַרן אָמניבוס אאַ״וו.

אָבער נישט מיט דעם מאָגערן שכר־לימוד אַליין, האָט מען דאָך געקענט אויסהאַלטן די שולע, האָט מען דורכגעפירט אָפט, יום־טובים אונטערנעמונגען מיטן אָנטייל פון די שול־קינדער און צוזאַמען מיט דער שטיצע, דאַרף דאָ ווידער אַמאָל דערמאָנט ווערן, פון דער מוטער־אינסטיטוציע אין לאָמאַס, די כנסת ישראל „ד״ר הרצל״ און פון באַשטייערונגען פון יחידים און אינסטיטוציעס, איז די שולע אויסגעהאַלטן געוואָרן און וואָס ווייטער, אַלץ מער, האָבן אויך די עלטערן פון די קינדער אָנגעהויבן אַרויסווייזן אַ בעסערע באַציאונג צו דער שולע.

במשך עטלעכע פעריאָדן, פאַר און ביז דעם יאָר 1950, איז די שול־פאַרוואַלטונג (מיט קליינע ענדערונגען אין אַ פאָר פעריאָדן) געווען פאָלגנדע: פרעזידענט לייב־שיפמאַן, סעקרעטאַר בצלאל באַלער, קאַסיר בערל גאַללער, וואָקאַלן: זלמן טערעביזשניק, יוסף שטרעכער, יוסף זלאָטניק, זיגמונד דענקער, אַברהם פייערשטיין, יוסף בערנשטיין און הערש מלך האָרניק.

די לערער, פון אָנפאַנג ביז דעם יאָר 1950, זיינען געווען, (לויט דער ריי): מיכל גרייווער, כוטאָראַן, יאַגובסקי,, פינטשעווסקי, אָלעסקער, איסאַקסאָן, חפץ, מאָנטשאַר, פאַרבער, ישראל שטשוטשינסקי און מאיר מעראָף.

פון אָנפאַנג די פופציקער יאָרן ביז דעם יאָר 1963 (בערך) איז די שולע אָנגעפירט געוואָרן פון יונגן געזעלשאַפטלעכן און נאַציאָנאַלן עסקן יצחק שטרעכער אַלס פרעזידענט; וויצע־פרעזידענט — שמואל קאַפלאַן, סעקרעטאַר — זלמן טערעביזשניק; פראָ־סעקרעטאַר — לייב שיפמאַן, קאַסיר — יעקב זאַק; פראָ־קאַסיר — משה סאַנטימער. וואָקאַלן: דוד פעללער, הערמאַן פרישוואַסער, אברהם גורעוויטש, יעקב איצקאָוויטש, נחמן גאָראָכאָווסקי, יוסף פישער, כוליאָ בלאַושטיין, יעקב האָלוב, לעאָן טשערווינסקי, יעקב ליקערמאַן, הערמאַן געפנער און פראָבע. רעכנונגס־איבערזעערס: ישראל דענקער לואיס סמוד און יואל ווערפעל.

אין יאָר 1953 איז דערעפנט געוואָרן ביי דער שולע אַ קינדער־גאָרטן מיט אַ פרעבליסטן פאַר די קינדער אין דער פאָרשול־עלטער.

די פאַרוואַלטונג פון דער קהילה אין לאָמאַס, איז ווי שטענדיק געקומען צו הילף דער שול־פאַרוואַלטונג אין אירע אָנשטרענגונגען און געהעכערט די חודשלעכע סובסידיעס און באַשטייערונגען און אַן עקסטראַ מאָנאַטלעכע סובסידיע פאַרן קינדער־גאָרטן.

אין יאָר 1956, ווען די קהילה האָט געקויפט דאָס הויז אויף דער גאַס אַווענידאַ מעעקס 356 אין לאָמאַס האָט די שולע זיך אַריבערגעצויגן אין דאָזיקן פיל־צימערדיקן בנין, ווו עס זיינען דורך דער קהילה, איינגעריכטעט געוואָרן די נייטיקע פאַר דער שולע קלאַס־צימערן, שפיל־פלעצער און אַנדערע שול־איינריכטונגען. אין דעם יאָר האָבן געלערנט אין שולע 76 קינדער.

במשך די לעצטע פעריאָדן, איז איינגעפירט געוואָרן צוצוטיילן אָנדענקס־מעדאַלן פאַר די תלמידים וואָס האָבן פאַרענדיקט דעם 6טן גראַד אין האָבן זיך אויסגעצייכנט אין די לימודים, ביי אַ שול־יום־טוב פון ענדע לערן־יאָר, מיט פאָרשטעלונגען פון די קינדער צוגעגרייט פון זייערע לערערס, מיט דער אָנוועזנהייט פון די עלטערן, שול־עסקנים, פאָרשטייער פון דער קהילה־פאַרוואַלטונג און פון אַ ריי אינסטיטוציעס, וועלכע זיינען די שטענדיקע שטיצער פון דער יידישער שולע.

פון יאָר 1963 ביז 1968, האָט די שול־פאַרוואַלטונג געפירט איר טעטיקייט אונטערן פאָרזיץ פון דער דינאַמישער שול־טוערין פרוי פלאָראַ דע קאַץ. עס האָבן דאַן באַזוכט די שולע ביי די הונדערט קינדער.

עס זיינען יאָר־יערלעך דורכגעפירט געוואָרן, אַ ריי אַקטן, פאַרשטעלונגען פון די שול־קינדער וועלכע האָבן אויך גענומען אָנטייל אין די פייערונגען וואָס די קהילה אין לאָמאַס פירט דורך ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן, מיט געזאַנג און רעציטאַציעס, אָנגעפירט פון זייער מוזיק־לערער משה פרידלער.

אויף אַ דריטער־סדר סעודה ,וואָס די קהילה־פאַרוואַלטונג צוזאַמען מיט אייניקע אינסטיטוציעס האָט דורכגעפירט ביי אַ גרויסן עולם עלטערן און געסט, האָבן די קינדער אויסגעפירט אייניקע סצענקעס אויף פסח־מאָטיוון און אויסגעזונגען אייניקע שטעלן פון דער אַלטער הגדה און עס איז געזאַמלט געוואָרן אַ באַדייטנדע סומע פאַר דער שולע און באַזונדער איז צו אונטערשטרייכן דעם זשעסט פון די עסקנים בערל גאַללער, וואָלף זאמערפלעק און ד״ר איצקאָוויטש, וועלכע האָבן זיך ביי דער געלעגנהייט, דעקלאַרירט אַלס בענעפאַקטאָרן, צו דעקן דעם דעפיציט פון שול־ביודזשעט.

מיר ווילן דאָ אויך פאַרצייכענען, אַז אין זעלביקן יאָר 1967 איז פאָרגעקומען אַן אַקט פון „יום החינוך” מיטן אָנטייל פון אַ גרויסער צאָל עסקנים און עלטערן פון קינדער, מיט אַ מיטיק, געשאָנקען פון געזעלשאַפטלעכן עסקן בערל גאַללער און זיין פרוי די „וויצאָ”־טוערן חנה דע גאַללער אַדאַנק וועמען עס זיינען אַריינגעקומען באַשטייערונגען פון יחידים און אינסטיטוציעס אויף אַ באַדייטנדער סומע פאַר דער שולע.

אויך אין יאָר 1968, איז ווי אין די לעצטע יאָרן, די שולע אָנגעגאַנגען מיט איר טעטיקייט, אונטער דער אָנפירונג פון אַ גרופּע שול־עסקנים און אַן עלטערן־קאָמיסיע מיט דער פרוי פלאָראַ קאַץ בראש, מיט אַ צופרידנשטעלנדן באַזוך פון יידישע קינדערלעך און אַ קאָמפּעטענטן לערער־פּערסאָנאַל. אויך אין דעם יאָר זיינען דורכגעפירט געוואָרן אַלע יידיש־נאַציאָנאַלע און שול יום־טובים, לויטן איינגעשטעלטן סדר ווי אין די פריערדיקע יאָרן מיט דערפאָלג. אַ פריידיקער פאַקט איז אונטערגעשטראָכן געוואָרן פון די שול־עסקנים ביים דורכפירן דעם אַקט פון סוף שול־יאָר, וואָס אין דעם יאָר, האָבן זיך גראַדואירט אַלס יידיש־העברעאישע לערער, די געוועזענע תלמידים פון אונדזער שולע, לאה טעפּליצקי, בעאַטריז קאַץ און אָסקאַר געפּנער.

איצט קומען מיר צו צום יאָר 1969, אין וועלכן די שולע האָט ביים סוף פון דאָזיקן יאָר אָנגענומען אַ נייע ווענדונג אין איר שול־טעטיקייט וועגן וועלכן מיר וועלן שרייבן ווייטער.

אויף אַ פסח־סדר, איינגעאָרדנט פון דער קהילה־פאַרוואַלטונג צוזאַמען מיט דער שולע און ביי דער אָנוועזנהייט פון אַ גרויסער צאָל מיטגלידער און פריינט פון דער שולע,

דער קינדער־גאָרטן אין דער אינטעגראַלער שולע „ד״ר הרצל” אין לאָמאַס, מיט די פּרעבליסטנס אין יאָר 1970

איז צוו. אַנד. רעמאַטירט געוואָרן אַ ווערטפולער געשאַנק פון פרעזידענט פון דער קהילה און פון דער שולע יצחק שטרעכער. דער זוכה בגורל פון חפץ — וואָלף זאָמערפלעק, פאָרשטייער פון אינסטיטוציעס און יחידים האָבן ביי דער געלעגנהייט זיך באַשטייערט פאַר דער שולע מיט באַדייטנדע סומעס.

אַ לויבנסווערטע טאַט וועלן מיר פאַרצייכענען פון די לאָמאַסער תושבים דוד בערגער און פרוי, וועלכע האָבן אויף זייערע קאָסטן דורכגעפירט אַ מסיבת־חברים פון עסקנים און פריינט ביי שיין געדעקטע טישן און עס איז ווידער דורכגעפירט געוואָרן אַ זאַמלונג, וואָס איז פאַרווענדעט געוואָרן צו דעקן דעם דעפיציט פון דער שולע. די מנדבים דוד בערגער און פרוי זיינען בעת דער מסיבה באַערט געוואָרן מיט אַרייַנשרייַבן זיי אין ספר הזהב.

דעם 30טן דעצעמבער פון זעלביקן יאָר, איז פאָרגעקומען, ווי אין די פריערדיקע יאָרן, אַ יום־טוב צום פאַרענדיקן דאָס שול־יאָר. אויפן דאָזיקן אַקט, האָט דער פרעזידענט פון דער קהילה קאָנטאַדאָר חיים קאַסטעלאַן, אין זיין באַגריסונגס־וואָרט געמאָלדן, אַז די קהילה־פאַרוואַלטונג, צוזאַמען מיטן עלטערן־קאָמיטעט פון שולע, זיינען געקומען צו אַ געמיינזאַמען באַשלוס, צו פאַרוואַנדלען אונדזער יידישע שולע אין לאָמאַס אין אַן אינטעגראַלע שולע. און אַ דאַנק דעם, קען קומען דערצו, אַז נאָך מער קינדער, אָדער טאַקע אַלע יידישע קינדער פון לאָמאַס און אומגעגנט זאָלן באַזוכן אונדזער שולע און אַזוי אַרום באַקומען אויך אַ יידישע אויסבילדונג.

די ווערטער פון פרעזידענט זיינען גוט אויפגענומען געוואָרן פון אַלעמען, ווייַל עס איז, ווי מען זאָגט אַ דבר בעתו. און אין פאַרלויף פון די דריי חדשים וואַקאַציעס, איז געלונגען דער שול־פאַרוואַלטונג אונטער דער אָנפירונג פון דער אַקטיווער שול־טוערין פרוי אַמאַליאַ דע פענדזיק, צו אָרגאַניזירן די שולע מיט צוגרייטן דעם געהעריקן לערער־פערסאָנאַל פאַר יידישע און שפאַנישע לימודים און אַנדערע קעגנשטאַנדן, ווי ס׳פאָדערט זיך אין אַן אינטעגראַלער שולע. און בעיקר ווילן מיר אונטערשטרייכן דאָס וואָרט „געלונגען״, מיט דעם וואָס ס׳האָבן זיך פאַרשריבן 152 קינדער אין דער שולע, כן ירבו.

דעם 15טן מערץ 1970, איז דורכגעפירט געוואָרן די אָפיציעלע דערעפענונג פון דער נייער אינטעגראַלער שולע „ד״ר הרצל״. עס האָט דערעפנט דעם אַקט דער עקס־פרעזידענט פון דער קהילה יצחק שטרעכער, וועל־

די תלמידים פון ערשטן, צווייטן און דריטן קלאַס פון דער אינטעגראַלער שולע „ד״ר הרצל״
אין לאָמאַס מיט זייערע לערער אין יאָר 1970

כער איז אויך געווען אַקטיוו אין דער שולע אַלס איר פאַרזיצער במשך 13 יאָר און האָט אַדאַנק אים פיל פראָגרעסירט. עס זיינען געקומען צום וואָרט פאַרשטייער פון אינסטיטוציעס: דער פרעזידענט פון דער קהילה חיים קאַסטעלאַן, די פרעזידענטין פון דער עלטערן־קאָמיסיע פון דער שולע פרוי אַמאַליאַ קולקין דע פענדזיק און דער שול־אינספעקטאָר פון ועד החינוך המרכזי עקיבא מאָזעס.

אין אַלע באַגריסונגס־ווערטער איז געקומען צום אויסדרוק די אנערקענונג און דאַנק־אויסדרוקן די שול־עסקנים פאַר זייער אַנגעשטרענגטער טעטיקייט און די פרייד, וואָס ענדלעך איז פאַרווירקלעכט געוואָרן דער געדאַנק און חלום פון אַ סך עסקנים, צו פאַרוואַנדלען די יידישע צוגאַב־שול אין לאַמאַס, ווי זי איז עס געווען ביז איצט, אין אַן אינטעגראַלע שולע, ווו צוזאַמען מיט די שפאַנישע לימודים, וועלן אַלע יידישע קינדער פון לאַמאַס און אומגעגנט, קענען לערנען אויך יידיש און העברעאיש און אַזוי אַרום באַקומען יידישן וויסן און אַ יידישע דערציאונג.

דער דערעפענונגס־אַקט, איז דורכגעפירט געוואָרן מיט באַערן אַ רייע עסקנים מיט זייערע פרויען, דאָס איבערשניידן באַנדן. עפענען טירן פון קלאַס־צימערן און אַנדערע באַערונגען. דעם כבוד פון אויפהענגען אַ מזוזה אויף דער טיר פון הויפט־אַרייַנגאַנג, איז צוגעטיילט געוואָרן דעם אינספעקטאָר פון ועד החינוך עקיבא מאָזעס.

ביי דער געלעגנהייט האָבן די גרויסע צאָל עסקנים, פאַרשטייער פון אינסטיטוציעס און עלטערן פון קינדער, זיך באַשטייַערט פאַר דער שולע מיט קנאַפע פירהונדערט טויזנט פעזעס.

די שול־פאַרוואַלטונג אין יאָר 1970 איז פאָלגנדע: פרעזידענטין פרוי אַמאַליאַ קולקין דע פענדזיק, מיטאַרבעטער: ראָסאַ דע מינדעל, מרים דע שטרעכער, אסתר רופמאַן, זשינאַ דע קאַסטעלאַן, שושנה דע האַלקעס, נאַטאַליאַ דע שערמאַן, אַאידאַ דע וואַרשאַווסקי, מאַוריסיאַ האַלקעס, מאַריאַ שוואַרצמאַן, משה שטרעכער, משה מינדעל, עליאַס מוגראַבי, סאַלאָמאָן אַזוואַני און אַלבערטאַ רופמאַן.

די דירעקטאָרן זיינען: פאַר יידיש־העברעישן אונטעריכט – יחיאל קעניג, פאַר שפאַניש — פריילן מאַנועלאַ וואַלאַך, און אַ שטאַב פון 15 לערער פאַר יידיש, העברעאיש, שפאַניש, ענגליש און אַנדערע לימודים.

פאַרשריבענע קינדער אין דער שולע 152 כן ירבו.

די תלמידים פון די העברעע קלאַסן מיט זייערע לערער פון דער אינטעגראַלער שולע „ד״ר הרצל אין יאָר 1970

די לערערס און דירעקטאָר יחיאל קעניג (דער ערשטער רעכטס) פון דער אינטעגראַל־שולע „ד״ר הרצל אין לאַמאַס דע סאַמאָראַ, יאָר 1970

די פאַרוואַלטונג פון דער אינטעגראַל־שולע „ד״ר הרצל״ אין לאַמאַס, אין 1970

עס זיצן פון רעכטס: זשינאַ דע קאַסטעלאַן, אסתר רופמאַן, דאָראַ פעפער, שושנה דע האָקיעס, אמאַליאַ דע פענדזיק (פרעזידענטין), פּדוי מינדעל, נאַטאַליאַ דע שערמאַן, אַאידאַ דער וואַרשאַווסקי, אַאידאַ דע ציטרין און מרים שטרעכער. עס שטייען פון רעכטס: עדואַרדאָ מינדעל, עליאַס מוגראַבי, סאַלאָמאָן אַזוואַני, מאַוריסיאָ האָלקיעס, משה שטרעכער און מאַריאָ שוואַרצמאַן

אַטענעאָ איזראַעליטאַ אַרכענטינאַ

הגם מיר דערוואַרטן, אַז עס וועט אונדז צוגעשיקט ווערן פון דער פאַרוואַלטונג פון „אַטענעאָ” די געשיכטע פון זייער אינסטיטוציע צו פאַרעפנטלעכן אין שפּאַנישן אָפּטייל פון דאָזיקן „אַלמאַנאַך”, דאָך ווילן מיר אין יידישן טייל, צווישן די אינסטיטוציעס, וועגן וועלכע מיר שרייבן אויך איינשליסן די „אַטענעאָ”, ווי זי ווערט גערופן פאַרקירצט, מיט אייניקע דאַטן, וועלכע מיר האָבן אין אונדזער באַזיץ.

אָבער, צו שרייבן וועגן דער „אַטענעאָ” אין לאָמאַס, מוזן מיר פריער דערמאָנען דעם יוגנט-צענטער:

יידישער יוגנט-פאַריין

וועלכער האָט זיך געגרינדעט אין יאָר 1924 אין הויז פון משה שוואַרצמאַן ע״ה אויף לאַפּרידאַ 570 אין לאָמאַס. די גרינדער פון דאָזיקן יוגנטלעכן קולטור-פאַריין זיינען געווען: הערשל בייזמאַן, אַברהם טשאַרני, אשר קעסעלמאַן, זיסיע דעטינסקי, משה מאַפּלמאַן, משה ראַכמילעוויטש און מאַרקאָס קראָנזשעק.

אויף אַ גענ. פאַרזאַמלונג וואָס איז אין אַ פּאָר חדשים נאָך דער גרינדונג דורכגעפירט געוואָרן, ביי אַ צאָל פון 50 יוגנטלעכע איז

די פאַרוואַלטונג און מיטגלידער פון ערשטן קולטור-צענטער „יידישער יוגנט-פאַריין” אין לאָמאַס, געגרינדעט אין יאָר 1924, בעת אַ פייערונג דורכגעפירט אין יאָר 1926

געוויילט געוואָרן פאָלגנדע פאַרוואַלטונג: פרעזידענט הערשל בייזמאַן, סעקרעטאַר אשר קעסעלמאַן, קאַסיר יוסף שטרעכער. וואָקאַלן: אַברהם טשאַרני, משה מאַפלמאַן, מאַרקאָס קראָנזשעק, זיסיע דעטינסקי, משה ראַכמילעוויטש, רעבעקאַ קאַגאַרליצקי, סאַראַ קאַגאַרליצקי, סעלינאַ שוואַרצמאַן, דאָראַ וואָסקאָבויניקאָף און סאַראַ סטאָליאַר. קולטור־לייטער איז געווען דער לערער פון דער יידישער שולע אין לאָמאַס אין יענער צייט מאַרקאָס מאָנטשאַר (איצט ד"ר מעדיצין אין בוענאָס איירעס).

עס איז אָנגעפירט געוואָרן אַ אינטענסיווע טעטיקייט אויפן קולטור־געביט, עס זיינען דורכגעפירט געוואָרן פאַרזאַמלונגען פאַרווײַלונגען און קולטור־אַקטן אויף יידיש און שפאַניש, האָט פאַרמאָגט אַ ביבליאָטעק מיט יידישע און שפאַנישע ביכער, וואָס זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן די מיטגלידער צום לייענען.

דער דאָזיקער „יוגנט־פאַריין" האָט עקזיס־ 6 יאָר, ביז דעם יאָר 1930, ווען עס איז געגרינדעט געוואָרן דער **„אַטענעאָ איזראַעליטאַ אַרכענטינאָ"** אין וועלכן עס האָבן זיך אָנגעשלאָסן אויך די מיטגלידער פון „יוגנט־פאַריין" און זיי איבערגעגעבן די ביבליאָטעק פון אַ טויזנט ביכער און האָבן זיך פאַראייניקט אין איין אינסטיטוציע.

די ערשטע פאַרוואַלטונג פון דער „אַטענעאָ" בעת איר גרינדונג איז געווען פאָלגנדע: פרעזידענט שמואל שאַמעס, וויצע־פרעזידענט חנא שטרעכער, סעקרעטאַר יוסף גלוך, פראָ־סעקרעטאַר חנא ראַכמילעוויטש, קאַסיר הינוך גלוך, פראָ־קאַסיר פעליקס געפנער, וואָקאַלן: חיים שטרעכער, יעקב גראָסמאַן און חיים אייזנבערג.

אין פאַרלויף פון די 40 יאָר עקזיסטענץ פון דער „אַטענעאָ" וועלכע געפינט זיך שטענדיק אין דער געביידע פון דער קהילה אין לאָמאַס, פריער אויף גאָרריטי 333 און איצט אויף אַוו. מעעקס 356, זיינען פיל טעטיקייטן דורכגעפירט געוואָרן אויפן קולטורעלן, געזעלשאַפטלעכן און ספאָרטיווע געביטן, אַרויסגעגעבן חודשלעכע ביולעטינען, געווען צייטן ווען מען האָט אָנגעפירט יידיש־קורסן, וואָס דאָס אַליין, איז אַ באַזונדער קאַפיטל געשיכטע, וואָס דאַרף פון דער פאַרוואַלטונג פון „אַטענעאָ" געשריבן ווערן.

עס האָבן זיך, פאַרשטענדלעך, אין לויף פון יאָרן, פעריאָדיש, געביטן די פאַרוואַלטונגען און עס זיינען צוגעקומען מיטגלידער אויך פון אַ צאָל נאָענטע שטעטלעך און מיט דער פערמאַנענטער שטיצע פון דער פאַרוואַלטונג פון דער קהילה, וועלכע האָט צוגעבויט אין הויז פון דער קהילה־געבײַדע, אַ פלאַץ פאַר ספאָרט־שפילן, איבונגען, אַ שווים־באַסיין אאַ"וו פירט די „אַטענעאָ" אַן אַקטיווע טעטיקייט, נעמט אָנטייל אין מכביאַדעס וואָס ווערן דורכגעפירט אין לאַנד און אויסער אַרגענטינע און שטייט איצט פאַר נייע פאַרמעסטן צו פאַרגרעסערן די טעטיקייט פון דער אינסטיטוציע אויף קולטורעלע און ספאָרטיווע געביטן.

* * *

די ציוניסטישע אגודה „ד״ר. טשלענאָוו״

און מגבית - קאָמיסיע

אַ פּאָר יאָר נאָכדעם, ווי דער פּאַריין כנסת ישראל „ד״ר הרצל״ איז געגרינדעט געוואָרן, איז, פאַרשטייט זיך, די פּאַרוואַלטונג געווען פאַרנומען, ווי עס דערציילט זיך אין דער געשיכטע פון לאָמאַסער יידישן ישוב, מיט דאגות פון שאַפן מיטגלידער, אויסהאַלטן אַ שולע, אַ שיל און צאָלן חובות פאַרן פּלאַץ פון בית-עלמין און אַנדערע קהל-שע ענינים. אָבער עס זיינען אויך געווען צווישן די פּאַרוואַלטונגס-מיטגלידער גופא, אויך אַזעלכע יידן, וועלכע האָבן פאַרשטאַנען, אַז ניט נאָר פאַר לאָקאַלע יידישע ענינים דאַרף מען זאָרגן און אַז מען דאַרף אויך עפּעס טון פאַר ארץ ישראל. האָט מען אָנגעהויבן רעדן וועגן שאַפן אַ ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין לאָמאַס, כדי געמיינזאַם פירן אַ טעטיקייט פאַר דער ציוניסטישער אידעע, לויטן בייַשפּיל, פון די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס אין בוענאָס-איירעס, וווּ אַזעלכע האָבן שוין עקזיסטירט און פון זייער אַקטואַציע געלאָזט הערן.

דערווייַל איז אונטערגעקומען דאָס יאָר 1917, ווען עס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן די באַלפור-דעקלאַראַציע און יידן האָבן בכל תפוצות ישראל געפייַערט די דאָזיקע פריידיקע, פאַר יידן, געשעעניש. האָבן אויך די יידן אין לאָמאַס און פון אומגעגנט, אונטער דער אָנפירונג פון דער פּאַרוואַלטונג פון פּאַריין כנסת ישראל „ד״ר הרצל״, דורכגעפירט אַ גרויסע מאַניפעסטאַציע מיט יידישע פּענער און טראַנספּאַרענטן, רעדעס אויף דער שטאָטישער „פּלאַסע״, מיט אַ „לחיים״ אין „פּאַריין״ אאַ״וו.

אָט די מאַניפעסטאַציע און דער אַרויסגעוויזענער ענטוזיאַזם פון אַ האָפנונג, אַז עס קען קומען דערצו, אַז יידן זאָלן זיך אומקערן צוריק אין זייער אייגן לאַנד, האָט געגעבן דעם שטויס אַ גרופּע יידן אין לאָמאַס, אַריבערצוגיין פון רייד צו מעשים און עס איז פאַרופן געוואָרן אַ פאַרזאַמלונג אין הויז פון נח שאַמעס און מען האָט געגרינדעט אַ ציוניסטישן פּאַריין מיטן נאָמען: אגודת הציונים „ד״ר טשלענאָוו״. פּרעזידענט איז געווען שלמה קאַגאַרליצקי, סעקרעטאַר נחמן גאַראַכאָווסקי, קאַסיר נחמן שאַמעס, וואָקאַל נפתלי רעצעפּטער און סינדיקאָ אליהו קראַוז.

עס זיינען באַלד צוגעקומען, צו די פריער דערמאָנטע, נאָך נאַציאָנאַל-געשטימטע יידן, ווי די ברידער ישראל און יוסף שטרעכער, הערמאַן גלוך, משה שוואַרצמאַן, משה בערלין, אייזיק סלאָפּאַק און אַ צאָל אַנדערע, וועמענס נעמען זיינען איצט פאַר אונדז אומבאַקאַנט.

דער נאַציאָנאַלער ציוניסטישער געדאַנק, האָט אין די דאָזיקע יידן געטליעט אין זייערע מוחות און הערצער און גערופן צו מעשים און מען האָט געטון לויט די מעגלעכקייטן, שטייענדיק אין קאָנטאַקט מיט דער ציוניסטישער פעדעראַציע אין בוענאָס-איירעס.



DERACION SIONISTA ARGENT
CANGALLO 2645 U. T. 575 Mitre

2070 Válido solamente para el Año 1920

SEÑOR M. Schartzman משה שווארצמאן

es adherente de la Federación Sionista Argentina, como miembro de la Sociedad

Dr. Chlenob

de Lomas de Zamora

de

Expedido

J. Stueger

Pres. de la Sociedad

מיטגליד-קאַרטע פון משה שוואַרצמאַן ע״ה אַלס אָנגעשלאָסענעם אין דער ציוניסטישער פּעדעראַציע און אין דער אגודת הציונים „ד״ר טשלענאָוו״ אין לאָמאַס אין יאָר 1920



8° CONGRESO SIONISTA
en la Argentina

הועידה הציונית השמינית
בארגנטינה

Delegado

de Lomas de Zamora

Señor Salomon Cahaelitzky

9--15
Mayo
1923
Bs. Aires

כג׳—כט׳
איר
התר״פג
ב. אירס

N. Gesang
SECRETARIO
PRESIDENTE

קרעדענציאַל פאַר שלמה קאַגאַרליצקי ע״ה, וואָס באַשטעטיקט אים אַלס דעלעגאַט פון לאָמאַס דע סאַמאָראַ, צום 8טן ציוניסטישן קאָנגרעס אין יאָר 1923

אין יאָר 1920 איז דורכגעפירט געוואָרן די ערשטע זאַמל-אַקציע פאַרן קרן היסוד אין לאָמאַס און אומגעגנט מיט אַ באַדײַטנדן מאַטעריעלן דערפאָלג און פון דעם יאָר אָן, ווערן דורכגעפירט די יאָר-יערלעכע קרן היסוד-אַקציעס, אָדער ווי מען רופט עס הײַנט „מגבית"-זאַמלונגען, דורך עסקנים וואָס ווערן געוויילט צו דעם צוועק.

מען האָט געשיקט דעלעגאַטן צו די קאָנגרעסן און פאַרזאַמלונגען, וואָס עס האָבן פאַרופן די צענטראַלע ציוניסטישע אינסטאַנצן אין בוענאָס-אײַרעס, ווי עס איז צו זען פון אַ דעלעגאַטן-קרעדענציאַל, וואָס איז צוגעטיילט געוואָרן דעם דעלעגאַט פון לאָמאַסער אגודת הציונים, איר פרעזידענט שלמה קאַגאַרליצקי, צום 8-טן ציוניסטישן קאָנגרעס אין יאָר 1923 און פון אַ מיטגלידער-„קאַרנעט" פאַר משה שוואַרצמאַן, פון יאָר 1920.

אַזוי איז מען במשך פיל יאָרן אײַנגעגאַנגען מיט דער טעטיקייט פאַר די אַלגעמיינע ציוניסטישע צוועקן, ביז עס זײַנען געקומען יאָרן ווען עס זײַנען אָנטשטאַנען באַזונדערע סוב-קאָמיטעטן פאַר קרן היסוד און פאַר קרן קימת און עס זײַנען צוגעצויגן געוואָרן אויך אַ צאָל יונגע מענטשן, וועלכע האָבן גענומען אָנטייל ביים דורכפירן פאַרשידענע אונטערנעמונגען, פאַרזאַמלונגען און יום טובים, כדי צו שאַפן פאַנדן פאַר די אויבנדערמאָנטע ציוניסטישע קרנות.

מיר ווילן דאָ פאַרצייכנען איניקע פון די אונטערנעמונגען וועלכע זײַנען אונדז באַקאַנט:

אין יאָר 1940, איז אין הויז פון יעקב און בערטאַ זאַק, דורכגעפירט געוואָרן, אַ שמחת תורה-סעודה, צוגעגרייט פון די פרויען בערטאַ זאַק און גאָלדע טערעביזשניק. פאַר אַ גרויסן עולם אָנוועזנדע האָבן גערעדט אייזיק סלאַפאַק, יואל ווערפל און משה בערלין וועגן די נאַציאָנאַלע פאָנדן און עס איז דורכגעפירט געוואָרן אַ „שנה טובה"-זאַמלונג, וואָס איז איבערגעשיקט געוואָרן אין גלײַכע חלקים צו די צענטראַלעס פון קרן היסוד און קרן קימת אין ב.-אײַרעס.

אין יאָר 1941, איז געווען סעקרעטאַר פון דער אַגודה „ד"ר טשלענאָוו", דער יוגנטלעכער יצחק שטרעכער, קאַסיר אפרים פײַערשטיין און אַ צאָל עסקנים אין דער פאַרוואַלטונג. עס איז אין דעם יאָר דורכגעפירט געוואָרן אַ פאַמיליען-צוזאַמענקום אין אַ „קינטע" אין מאָנטע גראַנדע, מיטן אָנטייל פון אַ 200 פערזאָן און עס איז געזאַמלט געוואָרן פאַר די ציוניסטישע קרנות.

אין זעלביקן יאָר, איז אויך דורכגעפירט געוואָרן אַ טעאַטער-פאָרשטעלונג פון „אינאַרקוף"-אַנסאַמבל, מיט אַ כאָר פון דער גרופע „חלוצים" און אַ באַילע, מיט אַ גוטן מאַטעריעלן דערפאָלג.

צום 17-טן לאַנדעס-קאָנגרעס פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע זײַנען געווען דעלעגירט זלמן טערעביזשניק און יצחק שטרעכער. צום קאָנגרעס וואָס ס'האָט דורכגעפירט דער קרן היסוד, זײַנען געווען די דעלעגאַטן פון לאָמאַס: ישראל שטרעכער און הערמאַן גלוך.

אין יאָר 1942, איז געווען פרעזידענט ישראל שטרעכער און זלמן טערעביזשניק און יואל ווערפל — סעקרעטאַרן, קאַסיר — אַברהם פייערשטיין. די זאַמל-אַקציע פאַרן קרן היסוד האָבן דורכגעפירט די עסקנים מרדכי קאַגאַן, ירחמיאל ראַכמילעוויטש, יוסף שטרעכער, יצחק שטרעכער, אפרים פייערשטיין,

ישראל וויינשטיין, יצחק רובינשטיין, בערל גאַללער, יוסף אַבראַמאָוויטש, הערמאַן גלוך און שלמה קאַגאַרליצקי.

אַזוי זיינען די עסקנים אָנגעגאַנגען מיט זייערע טעטיקייטן אין פאַרלויף פון יאָרן מיט קליינע ענדערונגען אין דער פאַרוואַלטונג, ביז עס האָבן זיך אָנגעהויבן שאַפן באַזונדערע סוב־קאָמיטעטן פאַרן קרן היסוד, היינט גערופן פאַרייניקטער קאַמפּיין אָדער „מגבית" און פאַר דעם „קרן קימת", וועלכע ווערן אָנגעפירט יעדער סוב־קאָמיטעט סעפּאַראַט פון געזעלשאַפטלעכע און נאַציאָנאַלע יידן.

:: :: ::

פון יאָר 1948 ביז 1955, האָבן אָנגעפירט מיט דער „מגבית"-אַקציע כוליא געפּנער און יוסף שטרעכער; פון לעצטן יאָר ביז יאָר 1957 — שלום וואַקס און זלמן טערעביזשניק, נאַכהער האָט ענריקע קודלאַטש צוזאַמען מיט אַ ריי עסקנים אָנגעפירט די מגבית־אַקציע ביז 1960.

פון יאָר 1960 זיינען געווען פאַרזיצערס פון מגבית־קאָמיטעט בערל גאַללער און ענריקע קודלאַטש און די לעצטע עטלעכע יאָר ביז היינט צו־טאָג איז דער פאַרזיצער דער געזעלשאַפטלעכע עסקן וואָלף זאַמערפלעק, וועלכער גיט אָפּ פיל צייט, מי און ענערגיע פאַרן גוטן גאַנג אין דער זאַמלונג פאַרן „מגבית", אין וואָס ער האָט די מיטהילף פון געזעלשאַפטלעכן טוער אַברהם טשאַרני און נאָך עסקנים.

צולעצט ווילן מיר פאַרצייכנען די פייערונג, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן אין בנין פון דער קהילה, צו דער געלעגנהייט פון פייערן 50 יאָר זינט דער גרינדונג פון קרן היסוד. ביי אַ גרויסן עולם אָנוועזנדע, זיינען דערמאָנט געוואָרן די ערשטע עסקנים־ציונים, די נאַציאָנאַלע יידן פון לאָמאַס אין יענער צייט, וועלכע געפינען זיך שוין ליידער נישט צווישן די לעבעדיקע און עס זיינען דערמאָנט געוואָרן זייערע נעמען און מיט אויפשטיין פון די ערטער, איז זיי צוגעטיילט געוואָרן דער פאַרדינטער כבוד.

בעת דעם אַקט, זיינען דורך די פאָרשטייער פון צענטראַל־קאָמיטעט פון „מגבית", געטיילט געוואָרן אָנדענקס־מעדאַלן צו די איצטיקע עסקנים פון „מגבית"־קאָמיטעט אין לאָמאַס, וואָס איז פאַר זיי באַשטימט געוואָרן אין יום העסקן.

סוב־קאָמיטעט פון מגבית אין יאָר 1970

עס זיצן פון רעכטס: אַברהם טשאַרני ע״ה, יצחק שטרעכער (סעקרעטאַר) וואָלף זאַמערפלעק (פּרעזידענט), אינזש. מלך דאַדיוק, בערל גאַלער. שטייען פון רעכטס: ה' ראָזנפעלד ד״ר ישראל סימקין, זלמן טערעביזשניק, יעקב האָלוב און פּאַביאַ דיק (קאַסיר)

וויצ״אָ „עמאַ לאַזאַרוס״

אין לאָמאַס דע סאַמאָראַ *)

עס איז געווען אין יאָר 1941, ווען ד״ר מבשן ע״ה איז געקומען קיין לאָמאַס צו פראָקלאַמירן דעם קרן היסוד־קאַמפּיין, האָט ער זיך געוווּנדערט וואָס אין אַזאַ נאַציאָנאַל יידישן ישוב ווי לאָמאַס דע סאַמאָראַ איז זאָל נישט זײַן קיין וויצ״אָ־קאָמיטעט און יידישע פרויען זאָלן גאָרנישט טאָן פאַר ארץ ישראל. האָט ער זיך געווענדעט צו שלום וואַקס ע״ה און יבדל לחיים זלמן טערעביזשניק, אַז זיי זאָלן נעמען אויף זיך די אויפגאַבע צו אָרגאַניזירן די יידישע פרויען אין לאָמאַס און שאַפן אַ וויצ״אָ־צענטער.

די אויבנדערמאָנטע צוויי עסקנים, האָבן די ווענדונג פון ד״ר מבשן אָנגענומען און פאַרופן אַ פרויען־פאַרזאַמלונג אין הויז פון יוסף און קלאַראַ שטרעכער ע״ה. אַ גרויסע צאָל פרויען זיינען געקומען צו דער פאַרזאַמלונג און נאָכדעם ווי עס האָבן גערעדט די אָרגאַניזאַטאָרן, וועגן דער וויכטיקייט פון שאַפן, דאָ אין לאָמאַס אַ „וויצאָ״־אָפטייל, איז געוויילט געוואָרן פאָלגנדע פראָוויזאָרישע פאַרוואַלטונג: פרעזידענטין פרוי פאַולינאַ דע אַבראַמאָוויטש און מיטאַרבעטערנס, פרויען: קלאַראַ דע שטרעכער, קאַטאַלינאַ דע טשערטקאָוו, בערטאַ דע זאַק, גאָלדע דע טערעביזשניק, פאַני דע פייערשטיין, ראָסאַ דע טשערווינסקי, פרידאַ דע ראַכמילעוויטש, מאַריאַ דע רובינשטיין, ראָסאַ דע אָלעסקער, פרוי סלאַפאַק, ראָסאַ דע מאָרדקאָוויטש, פאַני דע קופערשמיד, פאָליאַ זאַק, ראָסאַ אָקאָפניק און בערטאַ בעקער.

די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען אין סאַלאָן פון דער קהילה, ביי אַ טיי און צובײַסן, מיטן אָנטייל פון דער פרעזידענטין פון דער וויצ״אָ־צענטראַלע אין ב.־אײַרעס פרוי בערטאַ דע גערשונאָוו, וועלכע האָט גערעדט וועגן דער „וויצאָ״ און אירע אויפגאַבן און וועגן דעם חוב פון יידישע פרויען צו נעמען אָנטייל אין דעם אויפבוי פון ארץ ישראל און אין אַריינברענגען דעם נאַציאָנאַל־יידישן געדאַנק אין יידישע היימען.

עס איז געוויילט געוואָרן אַ דעפיניטיווע פאַרוואַלטונג מיט פרוי פאַולינאַ דע אַבראַמאָוויטש אַלס פרעזידענטין און עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז דער ניי־געגרינדעטער „וויצאָ״־צענטער אין לאָמאַס, זאָל אָנגערופן ווערן „עמאַ לאַזאַרוס״.

אין פאַרלויף פון יאָרן, האָט די „וויצאָ״ אין לאָמאַס, געפירט אַן אינטענסיווע טעטיקייט צווישן די יידישע פרויען אין לאָמאַס און אומגעגנט, זיי כמעט אַלע ווערבירט אַלס מיטגלידערינס, צעטיילט קרן־קימת־פושקעס אין יידישע הייזער, דורכגעפירט אָפטע זיצונגען, פאַרזאַמלונגען, ימים טובים־פײַערונגען, איבערהויפט די שבועות, שמחת־תורה און חנוכה־סעודות, וואָס ווערן דורכגעפירט ביז היינט צו טאָג און ביי וועלכע עס ווערט געזאַמלט פאַר דער „וויצאָ״.

עס האָבן זיך, פאַרשטענדלעך, אין פאַרלויף פון יאָרן, אין פאַרשידענע פעריאָדן, געביטן די פרעזידענטינס סעקרעטאַרינס און אַנדערע פאַרוואַלטונגס - מיטגלידערינס אין דעם „וויצאָ״־קאָמיטעט. אַזוי זעען מיר, אַז אין יאָר 1953, איז געווען פרעזידענטין פרוי פרידאַ געפנער דע גורעוויטש און סעקרעטאַרין פרוי פרידאַ ראַכמילעוויטש דע אַבראַמאָוויטש. אין יאָר 1957, איז געווען פרעזידענ-

---

* מיר האָבן ניט קיין גענויע דאַטן פון דער טעטיקייט פון דער וויצ״אָ אין לאָמאַס אין פאַרלויף פון די נאָענט צו 30 יאָר עקזיסטענץ אירער, וועלן מיר זיך מוזן באַנוגנען מיט דעם ביסל ידיעות, וואָס מיר האָבן אַליין אויסגעפונען.

טין פרוי עוכעניאַ דע האָלוב און סעקרעטאַרין פרוי פרידאַ דע גורעוויטש.

אין יאָר 1961, צו דער 20-יעריקער עקזיסטענץ פון דער „וויצאָ" אין לאָמאַס איז דורכגעפירט געוואָרן אַ שיינער אַקט, ביי דער אַנוועזנהייט פון אַ גרויסער צאָל פרויען, פאַרשטייער פון אינסטיטוציעס און פון דער „וויצאָ"-צענטראַלע אין בוענאָס איירעס, האָט גערעדט פרוי פרידאַ געפנער דע גורעוויטש און אַנדערע „וויצאָ"-טוערינס, וועגן דער טעטיקייט זייערער אין פאַרלויף פון די 20 יאָר עקזיסטענץ און גערופן די פרויען, נאָך מער צו פאַרשטאַרקן די אַרבעט מיט פאָזיטיווע מעשים פאַר הילף מדינת ישראל.

אויך אין יאָר 1966, איז געפייערט געוואָרן 25 יאָר עקזיסטענץ פון דער „וויצאָ" אין לאָמאַס אין סאַלאָן פון דער קהילה, ביי דער אַנוועזנהייט פון דער פרעזידענטין פון דער „וויצאָ"-צענטראַלע פרוי דינה דע גאַראָדעצקי און פרעזידענטין פון ראַיאָן-קאָמיטעט פרוי דינה דע סימקין און „וויצאָ"-וועטעראַנין פרוי בערטאַ דע גערשונאָזו. דערעפנט דעם אַקט, האָט פרוי ראָסאַ דע טשערווינסקי, אָנגעפירט פון דער פרעזידענטין פון „וויצאָ"-קאָמיטעט אין לאָמאַס אָלגאַ דע וויסמאַן. עס האָבן גערעדט פרוי בערטאַ דע גערשונאָזו, פרוי דינה דע סימקין און די ערשטע פרעזידענטין פון „וויצאָ"-קאָמיטעט אין לאָמאַס פרוי פאַולינאַ דע אַבראַמאָוויטש. עס האָבן באַגריסט: דער פרעזידענט פון דער קהילה אין לאָמאַס יצחק שטרעכער און סעקרעטאַר זלמן טערעבישניק. צולעצט איז געוויזן געוואָרן ליכט-בילדער פון ישראל-לעבן עס איז דורכגעפירט געוואָרן אַ זאַמלונג פאַר דער „וויצאָ".

אין יאָר 1969 האָט די „וויצאָ" אין לאָמאַס צוזאַמען מיט די „וויצאָ"-קאָמיטעטן פון באַנפיעלד, לאַוואַזשאָל און מאָנטע-גראַנדע דורכגעפירט אַן אונטערנעמונג פאַר די קינדער-יתומים אין ישראל, וואָס האָט טרייַנגעבראַכט אַ באַדייטנדע סומע געלט, וואָס איז איבערגעשיקט געוואָרן קיין ישראל פאַר דעם א"ד צוועק.

דעם 23סטן אַפּריל פון דעם יאָר 1970 איז פאָרגעקומען אַ גענ. פאַרזאַמלונג צו רעאָרגאַניזירן דעם „וויצאָ"-קאָמיטעט אין לאָמאַס. די פרעזידענטין פרוי אָלגאַ דע ווייסמאַן, האָט אָפּגעגעבן אַ באַריכט פון דער ביז איצטיקער טעטיקייט, פון די דורכגעפירטע יום טובים

„וויצאָ"-קאָמיטעט „עמאַ לאַזאַרוס" אין לאָמאַס דע סאַמאָראַ אין יאָר 1970

און אַנדערע אַקטיוויטעטן און עס איז געוויילט געוואָרן פאָלגנדע נײַע פאַרוואַלטונג: פּרעזידענטין פרוי פעליסאַ דע קוק, וויצע — פרוי פאַני דע לאַדיזשינסקי, סעקרעטאַרינס: אַנאַ דע קאַגאַרליצקי און אַאידאַ דע כאַבאַז, קאַסירן סאַראַ דע גובערמאַן, פּראַ — טערעסאַ דע קאַגאַרליצקי, קולטור־דירעקטאָרין יהודית דע דאַבעל. מיטאַרבעטערינס פרויען: אַוראָראַ דע מוגראַבי, כונע דע כאַאַקין, סאַראַ דע מולער, אסתר דע לעווי, דאָראַ דע סאַנדהוויז, הילדאַ דע קאַנדעל, אַאידאַ דע דיק און פלאָראַ דע קאַץ.

פאַרשטייערנס פון די „וויצאָ"־ס. קאָמיטעטן אין: לאָמאַס, לאַנוס, באַנפיעלד, עסקאַלאַדאַ, אַדראָגע, מאָנטע־גראַנדע און לאַוואַזשאַל אין „רעגיאָנאַל־צענטער סוד", מיט דעם זיץ־פּלאַץ אין לאָמאַס דע סאַמאָראַ

פרײַנט פון העברעאישן אוניווערזיטעט

ווען עס האָט זיך געשאַפן אין בוענאָס־אײַרעס די געזעלשאַפט „פרײַנט פון העברעאישן אוניווערזיטעט", האָט אויף דער איניציאַטיוו פון ד"ר כאַסע ראָזענבערג ע"ה, זיך אָרגאַניזירט אַ גרופּע דאָקטוירים, אינטעלעקטואַלן און פון אַנדערע פּראָפעסיעס און געשאַפן אַ סוב־קאָמיטעט אין לאָמאַס „פרײַנט פון העברעאישן אוניווערזיטעט" אונטערן פאָרזיץ פון ד"ר ראָזענבערג.

עס איז אַ צײַט אָנגעפירט געוואָרן אַ טעטיקייט צווישן דער יידישער באַפעלקערונג אין לאָמאַס און אומגעגנט, מיט שאַפן מיטגלידער מיט אַ חודשלעכן אָפּצאָל. עס זײַנען אויפגענומען געוואָרן באַשטײַערונגען פון אינסטיטוציעס און יחידים ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן און די געזאַמלטע געלטער פּעריאָדיש איבערגעשיקט צום צענטראַל־קאָמיטעט פון דער געזעלשאַפט „פרײַנט פון העברעאישן אוניווערזיטעט" אין דער הויפּטשטאָט.

נאָכן פריצײַטיקן פאַרלוסט פון ערשטן פאָרזיצער ד"ר כאַסע ראָזענבערג, האָט איבערגענומען דעם פאָרזיץ ד"ר ערנעסטאַ גלינבערג.

„וויצאָ" — „תּל־אָביב" אין לאַוואַזשאָל

דער דאָזיקער „וויצאָ"-צענטער אין וועלכן עס זיינען אָנגעשלאָסן די יידישע פרויען פון די נאָענטע שטעטלעך טעמפּערליי און טורדעראָ, איז געגרינדעט געוואָרן דעם 31טן מערץ 1965 דורך אַ גרופּע אַקטיווע „וויצאָ"-טוערינס, וועלכע זיינען געווען, ביז דאַן, טעטיק אַלס אָנגעשלאָסענע מיטגלידערינס אין „וויצאָ-צענטער „עמאַ לאַזאַרוס" אין לאַמאַס, אָבער כדי צו קענען עפעקטיווער דורכפירן אַ טעטיקייט צווישן די מיטגלידערינס פון די אויבנדערמאַנטע ישובים, איז געשאַפן געוואָרן אַ באַזונדער „וויצאָ"-צענטער מיטן זיץ-אָרט אין לאַוואַזשאַל. די ערשטע פאַרוואַלטונג איז באַשטאַנען פון פאָלגנדע פרויען: פרעזידענטין — פרוי ד"ראַ אסתר דע קאַץ, וויצע — ראָזאַ גאַללער דע ראַפּאַפּאָרט, סעקרעטאַרין — בעאַטריז גורעוויטש דע מוללער, פּראָ — עדיט דע פישער, קאַסירין — אַאידאַ גאַללער דע ניישטאַט, פּראָ — אַדעלאַ דע בראַנשטיין. דירעקטאָרינס: פלאָראַ דע גאַבערסמאַן, עדיט דע וועטענכעל, כואַנאַ דע גאַללער, עליסאַ דע קודלאַטש, סעליאַ דע גרינבערג און ראַקעל דע זיידמאַן.

אַט די גרופּע פרויען פירט דורך אַ דינאַמישע טעטיקייט צווישן זייערע מיטגלידערינס, וועלכע ווערן אָפט באַזוכט אין זייערע היימען, פאַר די ספּעציפישע „וויצאָ"-אויפגאַבן, עס ווערט דורכגעפירט ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן ימים טובים און פאַרזאַמלונגען, אויף וועלכע עס ווערט געזאַמלט פאַרן קרן קימת.

מיט אַ באַזונדער פייערלעכקייט, איז דעם

„וויצאָ" סוב־קאָמיטעט „תל אביב" אין לאַוואַזשאַל, יאָר 1970

פון רעכטס צו לינקס: פרויען: האַסאַ דע ראַפּאַפּאָרט, פּאַליאַ ז. קופּערבערג, פלאָראַ דע קאַפּרעסמאַן, קלאַראַ דע בוטשנער, כואַנאַ דע גאַללער (פּרעזידענטין), עליסאַ דע קודלאַטש (סעקרעטאַרין), עדיט וועכענטעל, אַמאַליאַ דע פענדזיק און אַאידאַ דע ניישטאַט

5טן מאַי 1970 פאָרגעקומען אין בנין פון דער קהילה אין לאָמאַס, דאָס אָפּמערקן דעם 5טן אַניווערסאַר פון דער גרינדונג, אויף וועלכן עס זיינען בייגעווען אַלע מיטגלידערינס מיט זייערע משפחות, פאָרשטייערנס פון דער „וויצאָ״-צענטראַלע אין בוענאָס איירעס, פאַרשטייערינס פון „וויצאָ״ דרום־ראַיאָן קאָמיטעט און פון „וויצאָ״ „עמאַ לאַזאַרוס״ אין לאָמאַס דע סאַמאָראַ. עס האָט געעפנט דעם אַקט די פרעזידענטין (אין דעם פּעריאָד) פרוי חנה דע גאַללער און די סעקרעטאַרין פרוי קודלאַטש, האָט אָפּגעגעבן אַ באַריכט פון דער טעטיקייט אין פאַרלויף פון די פאַרגאַנגענע פינף יאָר און עס האָבן באַגריסט: די פאָרזיצערין פון ראַיאָן־קאָמיטעט און אַנדערע. עס איז דורכגעפירט געוואָרן אַן אַרטיסטישער פּראָגראַם און עס איז געזאַמלט געוואָרן פאַר דער „וויצאָ״.

די איצטיקע פאַרוואַלטונג: פרעזידענטין — פרוי חנה דע גאַללער, וויצע — עדיט דע וועטענבעל, סעקרעטאַרין — עליסאַ דע קודלאַטש, אַקטן־סעקרעטאַרין — עדיט דע פישער, קאַסירן — אַאידאַ גאַללער דע נייטשטאַט, פראָ — ראָסאַ גאַללער דע ראַפּאַפּאָרט. דירעקטאָרינס: בעאַטריז דע מוללער, פלאָראַ דע גאַברעסמאַן, אַמאַליאַ דע פּענדזיק, פלאָראַ דע קופּערמאַן און קלאַראַ דער בוטשנער.

סוב־קאָמיטעט פאַר קרן קימת אין לאָמאַס

פון דעם יאָר 1948, בערך, פירט דער סוב־קאָמיטעט פאַרן קרן קימת אין לאָמאַס אַ זעלבסטשטענדיקע טעטיקייט, אָנגעפירט פון עסקנים ציונים, וועלכע האָבן זיך פעריאָדיש געביטן אין משך פון די יאָרן.

מיר ווילן פאַרצייכענען די הויפּט־עסקנים פון א״ד יאָר 1948 ביז היינט צו טאָג (1970): שלום וואַקס ע״ה און יבדלו לחיים ארוכים ענריקע קודלאַטש, בערל גאַללער, נאַטאַליאַ גורעוויטש און איצט זלמן טערעביזשניק, (פרעזידענט), סעקרעטאַר — פאַביאַ דיק...

עס ווערן דורכגעפירט פאַרזאַמלונגען, אַקטן אין צוזאַמענאַרבעט מיט די „וויצאָ״־טוערינס פון לאָמאַס און פון אַנדערע נאָענטע צו לאָמאַס ישובים, ווו „וויצאָ״־צענטערן עקזיסטירן. עס ווערן דורכגעפירט תשרי־אַקציעס פאַרן קרן קימת און בעיקר לייגן די עסקנים אַכט צו ווירקן אויף אינסטיטוציעס און יחידים, אַז באַנקעטן, באַערונגען און פריוואַטע שמחות, וואָס ווערן דורכגעפירט ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן, זאָלן באַשיינט ווערן מיט איינשרייבונגען אין ספר הזהב, ספר בר

סוב־קאָמיטעט פון קרן קימת אין לאָמאַס, 1970

פון רעכטס: הערמאַן פרישוואַסער, יצחק שטרעבער, אברהם טשאַרני ע״ה, זלמן טערעביזשניק (פּאַרזיצער), בערל גאַללער, וואָלף זאָמערפלעק, פרוי דאָבעל, פאַביאַ דיק (סעקרעטאַר), פרוי גאַללער, ד״ר ישראל סימקין און פרוי קאַנדעל

מצוה אָדער ספר הילד – רעספּעקטיוו, אָדער מיט די געהעריקע באַשטייערונגען פֿאַר יידישן נאַציאָנאַלן פֿאָנד, דעם קרן קימת לישראל,

אַנגעשלאָסן אין דעם דרום ראַיאָן־קאָמיטעט פֿון קרן קימת, ווערט גענומען אַנטייל מיט דעלעגאַטן אויף די ראַיאָן־צוזאַמענפֿאָרן, וואָס ווערן פּעריאָדיש דורכגעפֿירט, כדי צו קאָאָרדינירן און פֿאַרשטאַרקן די טעטיקייטן פֿאַרן קרן קימת אויף פֿאַרשיידענע אופֿנים.

מיר פֿאַרצייכענען דאָ די פֿאַרזאַמלונג פֿון פֿאַרשטייער פֿון די קרן קימת סוב־קאָמיטעטן פֿון דרום־ראַיאָן: אַוועזשאַנעדאַ, לאַנוס, לאָמאַס, אַדראָגע און וואַלענטין אַלסינאַ, וואָס איז פֿאַרגעקומען דעם 10טן מאי פֿון 1970 אין סאַלאָן פֿון דער קהילה אין לאָמאַס מיט דער באַטייליקונג פֿון מיכל גרייווער, וועלכער איז געווען צו גאַסט פֿון ישראל און פֿון ישראל־שליח חנן בלינדה.

אונטער דער אָנפֿירונג פֿון פּרעזידענט פֿון סוב־קאָמיטעט אין לאָמאַס זלמן טערעבישניק, איז מצד די דעלעגאַטן פֿון די א״ד סוב־קאָמיטעטן אָפּגעגעבן געוואָרן באַריכטן פֿון זייערע טעטיקייטן און עס האָבן גערעדט מיכל גרייווער און חנן בלינדה, וועלכע האָבן געשילדערט די גיגאַנטיש־קאָלאָסאַלע אַרבעט וואָס דער קרן קימת פֿירט דורך אין ישראל און גערופֿן די עסקנים אָנצוגיין מיט אַ נאָך מער פֿאַרשטאַרקטן ריטם און ענערגיע פֿאַר דעם קרן קימת אויף להבא.



קרעדיט־קאָאָפּעראַטיווע „ישראל שטרעכער"

אין לאָמאַס דע סאַמאָראַ

די דאָזיקע קרעדיט־קאָאָפּעראַטיווע, איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1917 אויף דער איניציאַטיוו פון ישראל שטרעכער ע״ה אין הויז פון שלמה קאַגאַרליצקי ע״ה און איז יאָרן־לאַנג אָנגערופן געוואָרן ליַי־קאַסע נמ׳ 1 (כדי אונטערצושיידן פון אַ צווייטער ליַי־קאַסע, וועלכע איז מיט יאָרן שפּעטער געגרינדעט געוואָרן אין לאָמאַס) און נאָך דער פּטירה פון איר איניציאַטאָר און גרינדער ישראל שטרעכער ע״ה, ווערט די ליַי־קאַסע אָנגערופן: קרעדיט־קאָאָפּעראַטיווע „ישראל שטרעכער".

די ערשטע פאַרוואַלטונג איז געווען פאָלגנדע: פּרעזידענט נחמן שאַמעס, סעקרעטאַר ישראל שטרעכער, קאַסיר יוסף שטרעכער. וואָקאַלן: שלמה קאַגאַרליצקי, שמואל דופּיין, נפתלי רעצעפּטער, כוליאָ געפּנער און נחמן גאַראַכאָווסקי.

אין פאַרלויף פון דער עקזיסטענץ פון דער דאָזיקער קרעדיט־אינסטיטוציע, וועלכע איז געווען פון די ערשטע קרעדיט־קאָאָפּעראַטיוועס נישט נאָר פון לאָמאַס דע סאַמאָראַ נאָר אויך, אפשר, אין בוענאָס אײַרעס, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות, ווערט זי אָנגעפירט פון ציוניסטישע און נאַציאָנאַל־געזעלשאַפטלעכע טוער און העלפן אירע מיטגלידער־אַקציאָנערן מיט הלוואות, וואָס ווערן אַרויסגעגעבן אָן קיינע שום שווערקייטן און אָפּהאַלטונגען.

די אַדמיניסטראַטיווע ענינים און בוכפירונג, ווערט שטענדיק דורכגעפירט פון פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער. איבערהויפּט האָט זיך לאַנגע יאָרן פאַרנומען מיט דער בוכפירונג מיט גרויס געניטשאַפט און אין גאַנצן פריַיוויליק, דער עסקן און געז. טוער, שטענדיקער פאַרוואַלטונגס־מיטגליד יוסף אַבראַמאָוויטש ע״ה.

מיר קענען דאָ נישט פאַרצייכענען די פאַרוואַלטונגען אין דער קאָאָפּעראַטיווע פון די אַלע יאָרן פון איר עקזיסטענץ, די אַנטוויקלונג און די טעטיקייטן, נישט האָבנדיק די געהעריקע דאַטן און אַגב, איז עס נישט אונדזער אויפגאַבע, אָבער אַלס אַן אינסטיטוציע, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן מיט 53 יאָר צוריק אין לאָמאַס פון נאַציאָנאַלע יידן מיט יידיש־געזעלשאַפטלעכן אַחריות, איז אונדזער חוב צו פאַרצייכענען אין אונדזער „אַלמאַנאַך", ווען נאָר אַפילו אין ראשי פּרקים, דעם דאָזיקן קרעדיט־אַנשטאַלט, וועלכער ווערט, אגב, אָנגעפירט אַלע יאָרן פון עסקנים, וועלכע אַ טייל פון זיי האָבן פאַרנומען און פאַרנעמען ביז הײַנט חשובע אַמטן אין דער פאַרוואַלטונג פון דער קהילה אין לאָמאַס.

ס׳איז כדאי אויך צו באַמערקן, אַז די יערלעכע דיווידענדן פון דער קרעדיט־קאַסע „ישראל שטרעכער", ווערט נישט צעטיילט צווישן די אַקציאָנערן, נאָר עס ווערט אַוועקגעגעבן צו יידיש־נאַציאָנאַלע, געזעלשאַפטלעכע און וווילטעטיקע אינסטיטוציעס און אויך אונדזער קהילה האָט אין די ערשטע יאָרן פון איר עקזיסטענץ פון זייער שטיצע גענאָסן.

מיר ווילן אויך פאַרצייכענען דעם פײַערלעכן אַקט, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן דעם 27טן מאַי 1967, צום אָפּמערקן 50 יאָר עקזיסטענץ. נאָכדעם ווי עס איז אויפן בית־החיים, אָפּגעדעקט געוואָרן אָנדענק־טאָוולען אויף די מצבות פון די גרינדער־נפטרים ישראל שטרעכער, יוסף שטרעכער, שלמה קאַ-

גארליצקי, שמואל דופיין און הערמאַן גלוך ע"ה, איז פאָרגעקומען אין סאַלאָן פון דער קהילה, אַן אַקט מיט אַ קינסטלערישן פּראָגראַם. אָנגעפירט און געהאַלטן דאָס דערעפענונגס־וואָרט האָט דער סינדיקאָ יצחק שטרעכער און וועגן דער טעטיקייט פון זייער אינסטיטוציע האָבן גערעדט דער פּרעזידענט אַברהם פײַערשטיין און פּראָ־סעקרעטאַר יוסף אַבראַמאָוויטש און אַנדערע. ביי דער געלעגנהייט האָט די קאָאָפּעראַטיווע זיך באַשטייערט פאַר דער שולע אין לאָמאַס. „וויצאָ", קרן קימת און מגבית.

די פאַרוואַלטונג אין יאָר 1967 איז געווען פאָלגנדע: פּרעזידענט אַברהם פײַערשטיין, וויצע — ישעיהו אַבראַמאָוויטש, סעקרעטאַר אַדאָלפאָ לעוויטאַן, פּראָ — יוסף אַבראַמאָוויטש, קאַסיר בערל גאַללער, פּראָ — משה שטרעכער. וואָקאַלן: משה קאַגאַרליצקי, כאַטעמלאַנסקי און יעקב האָלוב. סינדיקאָס: יצחק שטרעכער און דוד גורפינקל.

די פאַרוואַלטונג פון דער קרעדיט־קאַסע „ישראל שטרעכער, אין יאָר 1970

עס זיצן פון רעכטס: בערל גאַללער (קאַסיר), אברהם פײַערשטיין (פּרעזידענט), אַדאָלפאָ לעוויטאַן (סעקרעטאַר). עס שטייען פון רעכטס: קאָנטאַדאָר חיים קאַסטעלאַן, פאַרמאַצעווט יצחק שטרעכער און משה שטרעכער — דירעקטאָרן

קרעדיט־קאָאָפּעראַטיווע „25 דע מאַזשאָ״

אין לאָמאַס דע סאַמאָראַ

אויף דער איניציאַטיוו פון די געזעלשאַפטלעכע עסקנים אַברהם טשאַרני ע״ה און יב״לא זלמן טערעביזשניק און מיט־באַטייליקונג פון ראָסאַריאָ סיקולער און עדואַרדאָ האַרצנשטיין, איז אין יאָר 1954 געגרינדעט געוואָרן די קרעדיט־קאָאָפּעראַטיווע „25 דע מאַזשאָ״.

מיט אַ קליינער צאָל אַקציאָנערן, האָט די קאָאָפּעראַטיווע אָנגעהויבן איר טעטיקייט אין בנין פון דער קהילה אין לאָמאַס. דער ערשטער פּרעזידענט איז געווען שמחה מירענסקי ע״ה און סעקרעטאַר ראָזאַריאָ סיקולער און זיי, צוזאַמען מיט אַ צאָל עסקנים אין דער פאַרוואַלטונג, האָבן אַדאַנק זייער קאָרעקטער און ליבעראַלער באַהאַנדלונג די אַקציאָנערן, זיך קונה שם געווען אַלס אַ סאָלידע עקאָנאָמישע קרעדיט־אינסטיטוציע און דערפאַר געוווּנען, וואָס ווייטער אַלץ מער דעם צוטרוי פון יידן סוחרים, קליינהענדלער און פון אַנדערע שיכטן פון לאָמאַס און אומגעגנט, אַזוי אַז אין יאָר 1960, בלויז 5 יאָר נאָך דער גרינדונג, האָט שוין די קאָאָפּעראַטיווע געציילט אַריבער 200 אַקציאָנערן, זיך געפינענדיק אין אַ פעסטער עקאָנאָמישער פּאָזיציע.

די צאָל אַקציאָנערן האָט מיט דער צייט זיך אָנגעהויבן פאַרגרעסערן און אַלס קאָנסעקווענץ פון דער אויסגעברייטערטער טעטיקייט אין די אַדמיניסטראַטיווע ענינים, איז געוואָרן באַשווערט די קאָאָפּעראַטיווע אָנצופירן אין לאָקאַל פון קהילה־בנין און מען איז אַריבער אין אַן אייגן הויז אויף דער גאַס סאַענז 346 אין לאָמאַס און פון דאַן אָן, האָט די קאָאָפּעראַטיווע אָנגעהויבן נאָך מער צו פּראָגרעסירן צום וווּיל און נוצן פון אירע אַקציאָנערן.

אין ל. י. 1970, איז געפייַערט געוואָרן דער 15טער אַניווערסאַר פון דער גרינדונג פון דער קאָאָפּעראַטיווע. אַ גרויסע צאָל אַקציאָנערן, פאָרשטייער און דעלעגאַטן פון אַ ריי יידיש־נאַציאָנאַלע און שוועסטער־אינסטיטוציעס האָבן אָנטיילגענומען אין דער שיין־צוגעגרייטער פייַערונג. עס האָבן גערעדט דער פּרעזידענט ראָסאַריאָ סיקולער און סעקרעטאַר לואיס וויינבערג און נאָך אייניקע פון דער פאַרוואַלטונג, וועלכע האָבן דערמאָנט די גרינדער און בויער פון דער קרעדיט־קאָאָפּעראַטיווע, די שוועריקייטן פון די ערשטע צייַטן וואָס מען איז בייַגעקומען און איבערגעבנדיק אייניקע ציפערן פון איצטיקן צושטאַנד פון דער קאָאָפּעראַטיווע און אויף איר פּראָגרעסיוון אויפשטייג, וואָס דאָס איז געווען אַ דאַנק דעם צוטרוי פון די אַקציאָנערן און דער גוטער און ערנסטלעכער אָנפירונג פון די אַלע פאַרוואַלטונגען, במשך דער גאַנצער צייט פון איר עקזיסטענץ.

עס איז אויף דער פייַערונג, מצד דער פאַרוואַלטונג פון דער קאָאָפּעראַטיווע, געמאָלדן געוואָרן באַשטייערונגען פאַר אַ צאָל געזעלשאַפטלעכע און נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס. די איצטיקע פאַרוואַלטונג איז פאָלגנדע: פּרעזידענט — ראָסאַריאָ סיקולער, וויצע־פּרעזידענט — כאַקאָבאָ גויזמאַן, סעקרעטאַר — לואיס וויינבערג, פּראָ־סעקרעטאַר — ישראל דענקער, קאַסיר — נאַום קאַנדעל פּראָ־קאַסיר — ישראל טעפּליצקי. וואָקאַלן: סימאָן בזשאָזאַ, איסאַק ראַכמילעוויטש, גרעגאָריאָ גאַלאַנטע, גיזשערמאָ פּיַין און ראָבערטאָ גענדער. וואָקאַלן־סופּלענטעס: העקטאָר גרובער און עדגאַר לעוו. סינדיקאָס: מאַריאָ ראָיסי, סינדיקאָ־סופּלענטע: דאַוויד וויטקאָפּ.

קלוב פון זילבערנעם עלטער

אויף דער איניציאַטיוו פון די פרויען מאַריאַ דע סענדעראָוויטש און פלאָראַ דע קאַץ איז דעם 27טן דעצעמבער 1961 געגרינדעט געוואָרן דער „קלוב פון זילבערנעם עלטער" אין לאָמאַס, אין וועלכן עס זיינען אָנגעשלאָסן מיטגלידער פון אַ ריי, נאָענטע צו לאָמאַס, שטעטלעך.

די ערשטע פאַרוואַלטונג איז געווען פאָלגנדע: פרעזידענטין — פרוי מאַריאַ דע סענדעראָוויטש; וויצע — סאָפיאַ דע שטרעכער; סעקרעטאַרין — גיטאַ דע גלאָגאָווסקי; קאַסיר — דוד פעללער; פראָ — הערמאַן פרישוואַסער. וואָקאַלן: פאַביאָ דיק, פרוי ראָסאַ דע מאָרדקאָוויטש, ראַקעל דע גרויסער, בערטאַ דע פישער און אַדעלאַ דע ראַכמילעוויטש. רעכנונגס איבערזעער — בערנאַרדאָ גלייזער, הויפט־דירעקטאָר: גרעגאָריאָ גלאָגאָווסקי.

אַז עס איז געווען אַ נויטווענדיקייט אין דאָזיקן קלוב, איז צו זען דערפון, וואָס ער עקזיסטירט שוין דאָס 9־טע יאָר און ווערט באַזוכט פון עלטערע און אין די מיטעלע יאָרן, פרויען און מענער און עס קומען פאָר רעגולער וועכנטלעכע זיצונגען אין הויז פון דער קהילה אין לאָמאַס און עס ווערן דורכגעפירט פאַרזאַמלונגען און פייַערונגען בייַ פאַרשידענע געלעגנהייטן. עס ווערן געפייַערט קאָלעקטיוו די געבוירן־טעג פון די מיטגלידער און אַנדערע ימים טובים ווערן דורכגעפירט פון פאַרשידענעם כאַראַקטער און אינהאַלט, וואָס ברענגט אַרייַן אויפלעבונג און אייטערקייט אין לעבן פון עלטערן מענטש אָנגעשלאָסענע אין „קלוב", זיך געפונענדיק אין דער סביבה פון חברים און חברות, וואָס טיילן דעם זעלביקן אופן לעבן (אָדער גורל) און האָבן אַ באַפרידיקונג אין די צוזאַמענקונפטן, בייַם פאַרברענגען בייַ אַ גלעזל טיי און שמועסן אאַ"וו.

עס ווערט מצד דעם „קלוב", געגעבן באַשטייַערונגען פאַרן מושב זקנים ובית ילדים אין בורסאַקאָ און באַזונדער פאַר מדינת ישראל און עס ווערט אויך געגעבן שטיצע פאַר נויטבאַדערפטיקע פאַמיליעס. דער קלוב ווערט אָפט באַזוכט פון אָנפירערס פון „קלוב פון זילבערנעם עלטער" אין בוענאָס אייַרעס. בייַ די דאָזיקע וויזיטן, טיילט מען זיך מיט מיינונגען און אייַנדרוקן און עס ווערן אַרומגערעדט די טעטיקייטן פון געמיינזאַמען אינטערעס אויף ווייַטער.

די איצטיקע פאַרוואַלטונג איז פאָלגענדע: פרעזידענטין — פרוי מרים דע ביסטראָוויטש, וויצע — אַנאַ דע ראַבינאָוויטש, סעקרעטאַרין — פלאָראַ דע קאַץ, פראָ — אָלגאַ דע שטיינבערג, קאַסירן — אַאידאַ דע שקאָלניק, פראָ — סאַראַ דע מעלניק. וואָקאַלינס: ראַיסאַ דע כאַטעמלאַנסקי, סאָפיאַ די איצקאָוויטש, לואיסאַ דע בורמאַן און יעקב דע זאַק.

די פאַרוואַלטונג פון „קלוב פון זילבערנעם עלטער" אין לאָמאַס, אין יאָר 1970

עס זיצן פון רעכטס: פרויען: אַאידאַ דע שקאָלניק, מרים דע ביסטראָוויטש (פרעזידענטין), אַנאַ דע ראַבינאָוויטש. עס שטייען פון רעכטס: יעקב זאַק, מאַריאַ דע סענדעראָוויטש און אָלגאַ דע שטיינבערג

זכרונות און קאָמענטאַרן פֿון גרינדער, עסקנים און געוועזענע לערער

סאַלאָמאָן קאָגאַרליצקי

זכרונות *)

דעם 9טן יולי 1906 בין איך מיט מיין פרוי אָנגעקומען קיין אַרגענטינע. דורך אַ צופאַל, זיינען מיר פאַרבליבן וווינען אין לאָמאַס דע סאַמאָראַ. מיר האָבן דאָ שוין געטראָפן אייניקע פאַמיליעס, וואָס מען האָט זיי געקאָנט אָנרופן „די ערשטע יידישע אימיגראַנטן" וועלכע האָבן זיך באַזעצט אין לאָמאַס, צוריק מיט עטלעכע יאָר פאַר מיר, ד"ה אַרום יאָר 1900. זיי זיינען געווען די ברידער יאָשאַ און מישאַ אַבראַמאָוויטש מיט זייערע פאַמיליעס און זייער שוואָגער מאָ:יש טשערניצער מיט זיין פאַמיליע, סאַלאָמאָן וואָסקאָבויניקאָף, לייב אָקאָפּניק מיט זייערע פאַמיליעס און נאָך אייניקע.

דעם ערשטן ראש השנה, האָבן מיר געדאַוונט אין דער וווינונג פון די ברידער אַבראַמאָוויטש אויף דער גאַס אַלוועאַר 172, דאָרט איז געווען דער ערשטער מנין אין לאָמאַס. נאָך יום-טוב, האָבן מיר געגרינדעט אַ פאַריין אָן אַ נאָמען. מיר זיינען געווען אַזוי פיל, אַז אַ פאַרוואַלטונג פון דרייַ פערזאָן, איז געווען גענוג פאַר אונדז. די ברידער אַבראַמאָוויטש האָבן פאָרגעלייגט, אַז מען זאָל אָנהויבן זאַמלען געלט צו קויפן אַ פלאַץ פאַר אַ בית-עולם. איך ווייס נישט ריכטיק, וואָס עס איז געווען די אורזאַך פון זייער פאָרשלאַג, נאָר איך דענק, אַז, אַזוי ווי מיט זיי צוזאַמען איז געקומען זייער אַלטער פאָטער, ווייסט מען דאָך, אַז אַן אַלטער מאַן, צי ער וויל יאָ, צי ער וויל נישט, שטאַרבן מוז ער... אַזוי ווי אַ זאַך מאַכט זיך, איז גלייַכער אַז מען איז צוגעגרייט.

וואָרים, ווער וויל דען נישט, איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר, ליגן צוזאַמען מיט יידן? דער טאַטע זייערער, האָט גאָרנישט געקלערט פון שטאַרבן, ער האָט געהאָפט, אַז די קינדער זייַנע וועלן אויסבויען אַ שטוב, וועט ער זען, אַז מען זאָל מאַכן אַ הרובע (אויוון) ווו מען זאָל קענען אין ווינטער זיך אויסוואַרעמען די פלייצעס. ווייסט מען דאָך אָבער, וואָס דאָס פאָלקס-ווערטל זאָגט: דער מענטש טראַכט און גאָט לאַכט. ס'איז דעם אַלטן צוגעפאַלן אַ קרענק, וואָס מען האָט ווייַזט אויס פאַרגעסן אַרייַנשרייַבן אין „ונתנה תוקף" און ער איז געשטאָרבן און מען האָט אים באַערדיקט אויף אַ בית עולם אין בוענאָס איירעס.

דערווייל האָבן מיר אָנגעזאַמלט אַ קאַפּיטאַל פון גאַנצע צוויי הונדערט פעזעס. איר ווייסט דאָך, וואָס מען קען מיט אַזאַ סומע געלט אויפטון. אַ חוץ דעם, איז דער מענטשן-מאַטעריאַל, אויך נאָך נישט געווען צוגעפאַסט צו פירן אַ געזעלשאַפטלעך לעבן און אויך נישט קיין איינגעזעסענע, דער — געקומען און דער — אַוועקגעפאָרן. די ברידער אַבראַמאָוויטש אַליין, זיינען אויך געקומען נאָר אויף צו מאַכן אַמעריקע און צוריקפאָרן קיין רוסלאַנד. אַזוי האָבן זיי טאַקע געטון.

ווילט איר וויסן, וואָס עס איז געוואָרן פון אונדזער ערשטן פאַריין? דאָס זעלבע וואָס עס איז געוואָרן פון דער „ערשטער קאָמונע" וואָס ס'האָט באַשריבן אונדזער גרויסער פאָלקס-שרייַבער שלום עליכם ע"ה, — זי האָט זיך אַ טרייסל געטון און איז צעפאַלן געוואָרן. דעם צונויפגעזאַמלטן קאַפּיטאַל האָבן מיר אומגעקערט צו די וואָס האָבן זיך באַשטייַערט און אויס מיטן פאַריין... אָבער

---

*) איבערגעדרוקט, מיט פאַרקירצונגען, פון אַלמאַנאַך, אַרויסגעגעבן אין יאָר 1945.

מיר האָבן די האָפענונג נישט פאַרלוירן, מיר ווילן אַקערן, האָבן מיר געזאָגט, און ווען עס וועט קומען די צייַט, וועלן מיר זייען.

דער ה׳ מאָניש טשערניצער, איז געווען דער היפוך פון זיינע שוואָגערס, ער איז געווען פון די יידן, וואָס ביי זיי איז שטענדיק אָפן די טיר פון זייער שטוב. ווען ס׳זאָל דאָ געווען זיין דעם „זיידנס" פישקע דער קרומער, וואָלט ער פון מאָניש טשערניצערס שטוב געווען מער צופרידן, ווי פון די אָדעסער גבירישע הייַזער, מיט זייער רוסישן „דוואָרניק". ער וואָלט ניט באַדאַרפט קלינגען, נישט קלאַפּן אין טיר, ער וואָלט געקאָנט אַרייַנגיין גלייַך אין „קאָמעדאָר", ווו אויף דעם לאַנגן טיש, איז געשטאַנען אַ גרויסער רוסישער „סאַמאָוואַר", וואָס האָט שטענדיק געזאָדטן און אויב ער וואָלט געוואָלט, האָט ער געקענט טרינקען טיי מיט צובייַסנס. און זיין פרוי? אייגענע און פרעמדע, גרויס און קליין האָבן אָן שום צערעמאָניעס, איר גערופן כאַנקע. דאָס איז געווען אַ פרוי, ווי אַ צאַרטע יידישע מאַמע פון אַלעמען.

אַזוי האָבן מיר זיך אַלע אין דער שטוב ביי זיי כסדר פאַרזאַמלט און ראש השנה און יום כיפור האָבן מיר דאָרט געדאַוונט. נאָך אַלע ימים טובים, וואָס וועלן מיר טראַכטן פון געשטאָרבענע זאַכן? מיר האָבן דאָך דאָס גוטע יאָר שוין אויסגעבעטן און מיר זיינען דאָך געקומען קיין אַמעריקע מאַכן אַ לעבן, האָבן מיר באַשלאָסן צו קויפן אַ ספר תורה. איר ווייסט דאָך, וואָס אונדזערע מאַמעס האָבן אונדז געזונגען ביי די וויגעלעך, אַז: „תורה איז די בעסטע סחורה". האָבן מיר צונויפגעזאַמלט הונדערט דרייַסיק פעזעס, וואָס איז אונדז אַגב, נישט אָנגעקומען אַזוי גרינג און מיר האָבן געקויפט אַ קליין ספרל (ספר תורה) און מיר זיינען געווען צופרידן. אויף עפּעס מער אויפצוטון, האָבן מיר נישט געהאַט דאַן די מאַטעריעלע און אויך נישט די אָרגאַניזאַציאָנעלע מעגלעכקייטן.

מיט דער צייַט, זיינען צוגעקומען נאָך יידישע פאַמיליעס, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין לאָמאַס און אין אומגעגנט, ווי רעמעדיאָס דע עסקאַלאַדאַ (דאַן געהייסן „טאַזשערעס") אַדראָגע א״אַ און ווען מען פלעגט זיך צוזאַמענקומען צום „מנין" אין די יום־טובדיקע טעג, האָט מען אַלץ גערעדט וועגן דעם אַז מען דאַרף עפּעס טון, מען דאַרף מאַכן אַזאַ אינסטיטוציע וואָס זאָל אָנפירן מיטן יידישן ציבורדיקן לעבן. אָבער מער ווי מיט רייד, איז מען נישט וויַיט אַוועק, ביז עס איז, על פי צופאַל געקומען אַ ייד מיטן נאָמען נחמן גינזבורג, וואָס האָט געוווינט אין בוענאָס איירעס און האָט אונדז געהאָלפן גרינדן דעם פאַריין „ד״ר הרצל". קיין שווערע אַרבעט האָט ער נישט געהאַט, ווייַל דער באָדן, ווי מען זאָגט, איז געווען מער־ווייניקער צעאַקערט און צוגעגרייט. אַ חוץ דעם, זיינען מיר געווען גוטע תלמידים, פונדעסטוועגן קומט אים, אָט דעם טייַערן ייד נחמן גינזבורג ע״ה, אַ גרויסן יישר כוח.

און דאָ וויל איך איבערגעבן אַן אינטערעסאַנטן שטריך: ווען מיר האָבן איבערגעגעבן די ספר תורה דעם נייַ־געגרינדעטן פאַריין „ד״ר הרצל", האָבן מיר אויסגענומען אַ תנאי (ס׳איז דאָרט אין די אַלטע ביכער, זיכער, פאַרשריבן), אַז ווען די לאָמאַסער יידן וועלן מאַכן אַ שיל און וועלן דאַרפן די ספר תורה, מוז דער פאַריין „ד״ר הרצל" איבערגעבן דאָס ספר צו דער שיל. איר ווייסט דאָך, אַז כדי אויסצוהאַלטן אַ בית הכנסת, דאַרף מען פאַרקויפן עליות, האָבן מיר דאָס פאָרויסגעזען און באַוואָרנט.

אַזוי איז דעם 28טן אויגוסט פון יאָר 1910, געגרינדעט געוואָרן דער פאַריין „כנסת ישראל ד״ר הרצל" אין לאָמאַס דע סאַמאָראַ און איך האָב געהאַט דעם כבוד אויסגעוויילט צו ווערן אין דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, אַלס דער ערשטער קאַסיר, וועלכן אַמט כ׳האָב אָנגעהאַלטן אייניקע פעריאָדן און שפּעטער אַנדערע אַמטן פאַרנומען אין אונדזער אַלעמענס באַליבטע אינסטיטוציע, וואָס איז די פאַקטישע קהילה פון לאָמאַסער יידישן ישוב און פון אומגעגנט.

אייזיק סלאַפאַק

אַ פּאָר ווערטער, וועגן דער גרינדונג פון אונדזער פאַריין „ד״ר הרצל”*

ווי עס קענען מיך, מיינע חברים און פריינט פון לאַנגע יאָרן, ווייסן זיי אַז איך בין נישט קיין שרײַבער, ווייל זיין אַ שרײַבער דאַרף מען קענען ובפרט דאַרף מען עס קענען זיין, ווען מען וויל אַז דאָס געשריבענע זאָל אַרויסקומען שיין און פײַן און בעיקר דאַרף מען טאַקע קענען אַרויסברענגען אויפן פּאַפּיר, דאָס, וואָס מען וויל און וואָס עס ליגט אין זכרון צו באַשרייבן.

האָב איך זיך טאַקע „געשלאָגן” מיט דער דעה, צי זאָל איך עפּעס אָנשרײַבן פון מײַנע זכרונות, פון דער צײַט ווען דער פאַריין „ד״ר הרצל” אין לאָמאַס האָט זיך געגרינדעט, אָדער ניין, און איך האָב זיך דאָך באַשלאָסן אויף יאָ. טאַקע נישט קיין שרײַבער, אָבער דער ליכטיקער אָנדענק פון מיין ליבן ברודער מאיר ע״ה, ווען די אַלטע לאָמאַסער תושבים געדענקען געווים, געדענקען זיין איבערגעגעבענער אַרבעט לטובת דער „סאָסיעדאַד”, ווו ער האָט פאַרנומען לאַנגע יאָרן, פאַרשיידענע אַמטן אין דער פאַרוואַלטונג, צווינגט מיך, אַזוי צו זאָגן, כאָטש אין קורצע שורות, עפּעס אָנשרײַבן צו דער געלעגנהייט פון אַרויסגעבן דעם „אַלמאַנאַך” צום 35-יעריקן יובילײ פון אונדזער פאַריין „ד״ר הרצל” וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אַ דאַנק אַ צופעליקער באַגעגעניש פון מײַן ברודער מאיר ע״ה מיט דעם ה׳ נאַום גינזבורג ע״ה אין בוענאָס איירעס, זיך נישט קענענדיק אַפילו, איינער דעם צווייטן.

די מעשה איז אַזוי געווען: עס איז געווען תשעה באב פון יאָר 1910. מיין ברודער מאיר ע״ה, אַן ערלעכער און פרומער ייד, ווי ער איז געווען און ווי עס איז אַלעמען באַקאַנט, האָט פאַרשטייט זיך געוואָלט דורכפירן דעם דאָזיקן תענית-ציבור, טאַקע בציבור, לויט אַלע רעליגיעזע דינים און מנהגים און נישט ביחידות און אַזוי ווי אין אַדראָגע, ווו ער האָט געוווינט און אויך נישט אין לאָמאַס, האָט ער נישט געקאָנט צונויפנעמען אַ מנין צו דאַווענען מנחה און זאָגן די קינות, איז ער אַוועקגעפאָרן קיין בוענאָס איירעס און דאָרט אין אַ שיל זאָגנדיק פאַרן עולם יידן די קינות, מיטן אמתן היימישן איכה-ניגון, האָבן יידן געזען, אַז זיי האָבן צו טון מיט אַ יודע ספר און אַ ירא שמים, האָט זיי פאַראינטערעסירט צו וויסן פון וואַנען אַזאַ יונגער מאַן איז? און עס איז צוגעגאַנגען צו מיין ברודער אַ ייד, נחום גינזבורג איז געווען זיין נאָמען, אַ דאָרטיקער מתפלל און אָפּגעבנדיק אים שלום, האָט ער אים געפרעגט פון וואַנען ער איז. מיין ברודער, האָט אים געענטפערט, אַז ער וווינט אין שטעטעלע אַדראָגע, וואָס נעבן דער שטאָט לאָמאַס דע סאַמאָראַ און אַז דאָרט איז שוין פאַראַן אַ ביסל אַ גרעסערער יידישער ישוב, ווי אין אַדראָגע, אָבער עס פעלט זיי די דאָרטיקע יידן די אָרגאַניזירונגס-פעאיקייט, צו שאַפן אַ מין פאַריין, אַ שיל וכדומה, כדי צו האָבן די מעגלעכקייט, געמיינזאַם דורכצופירן די יידישע רעליגיעזע און אַנדערע געזעלשאַפטלעכע הצטרכותן. ער האָט אים אויך — געדענק איך — דערציילט פון אַ פאַל וואָס איז פאָרגעקומען אין אַדראָגע ווו אַ ייד איז געשטאָרבן אין דאָרטיקן שפּיטאָל, און נישט האָבנדיק קיין יידישן בית עלמין, האָט מען דעם נפטר באַערדיקט אויפן קריסטלעכן „סעמענטעריום”.

דער ה׳ גינזבורג, אויסהערנדיק דאָס, וואָס מיין ברודער מאיר ע״ה האָט אים דערציילט, האָט ער זיך פאַראינטערעסירט מיט דעם ענין און ס׳האָט לאַנג נישט געדויערט, דוכט זיך אין אַ פּאָר טעג אַרום, איז ער אַראָפּגעקומען קיין לאָמאַס, האָט צונויפגערופן אייניקע יידן פון לאָמאַס און אומגעגנט און האָט מיט ראַט און טאַט געהאָלפן גרינדן דעם פאַריין „ר הרצל” אין לאָמאַס דע סאַמאָראַ.

אָט דאָס האָב איך געוואָלט דאָ איבערגעבן און זאָל עס זיין לזכרון עולם ונצח פון מיין ברודער מאיר ע״ה.

---

*) איבערגעדרוקט פון ערשטן אַלמאַנאַך.

זכרונות פון הערמאַן וויינער

פון אַן אינטערוויו, גענומען פון ב. באַלער אין יאָר 1945

איך בין געקומען קיין אַרגענטינע מיט מיין פאַמיליע אין יאָר 1900. אָפּוווינענדיק אין בוענאָס איירעס אַ פּאָר יאָר, האָב איך מיך באַזעצט אין רעמעדיאָס דע עסקאַלאַדאַ, ווו איך האָב געפונען אַרבעט אין די „טאַשערן" פון „פּעראָקאַריל סוד". כ'האָב געאַרבעט צווישן כמעט בלויז קריסטן און איך געוווינט צווישן נישט-יידן, ווייַל ווי באַוווסט, זיינען אין יענער צייַט געווען ווינציק יידן אין אַרגענטינע בכלל און אין מייַן געגנט ווו איך האָב געוווינט, בפרט. כאָטש עס האָבן שוין דאַן געוווינט אין עסקאַלאַדאַ איניקע יידישע פאַמיליעס, אָבער מען פלעגט זיך זעלטן טרעפן איינער מיטן צווייטן, ווייל קיין יידישער פאַריין, אָדער וועלכע ס'נישט איז אַנדערע יידישע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציע, ווו מען זאָל זיך קענען — ווען נישט ווען — צונויפקומען, איז נישט געווען. האָט מען געלעבט, ווי מען זאָגט, פרעמד פון גאָט און ווייט פון לייַט. אָבער עס האָט זיך דאָך פון צייַט צו צייַט פאַרבענקט נאָך אַ יידישע סביבה און נאָך אַ יידיש וואָרט, איז מען טאַקע ביים בענקען געבליבן.

מילא, אַ גאַנץ יאָר, ווי אַ גאַנץ יאָר, אָבער אַז עס איז געקומען דער חודש אלול און עס האָבן זיך דערנענטערט די ימים נוראים, ווען, ווי דאָס פאָלקס-ווערטל, זאָגט, אַז אַפילו „אַ פיש אין וואַסער ציטערט", האָט עס מיך שוין גלייַכגילטיק נישט געלאָזט און איך האָב געזוכט אויף וואָס פאַר ס'נישט איז אופן, צו דערפילן מיין אינערלעכן דראַנג צו עפּעס יידישעס: זאָל עס זיין טראַדיציע אָדער רעליגיע, רופט עס ווי איר ווילט, און הערנדיק אַז אויפן קריסטלעכן „סעמענטעריום" אין עסקאַלאַדאַ זיינען פאַראַן יידישע קברים (ווייל עס איז נאָך דאַן קיין יידישער בית עולם נישט געווען, אין דעם געגנט) בין איך אין איינעם אַן אלול-טאָג, אַוועק אויפן דאָזיקן „סעמענטעריום", זען די דאָזיקע יידישע קברים. און הלמאי זאָל איך לייקענען, איך האָב ביי זיך, דאַן געטראַכט, אַז איך דערפיל אַ חוב ווי, פון צו גיין אויף קבר-אבות, ווי דער מנהג איז ביי יידן און ווי איך פלעג עס טון אין דער אַלטער היים. קוקנדיק אויף די פּאָר יידישע קברים און אויף די יידישע אותיות וואָס זיינען אויף די מצבות אויסגעקריצט צווישן אַזוי פיל קריסטלעכע קברים און צלמים, האָט מיך אַן אומהיימלעכקייט אַרומגענומען און געקלערט האָב איך, אַז ווי שלעכט ס'איז נישט, צו לעבן צווישן גוים, איז אָבער נאָך ערגער און ווייטיקלעכער, צו שטאַרבן צווישן גוים און נישט קומען צו קבר ישראל.

איך האָב דעמאָלט זייער שטאַרק באַדויערט, וואָס מיר, דאָס ביסל יידן וואָס מיר מיר געפינען זיך אין דאָזיקן געגנט פון עסקאַלאַדאַ, לאָמאַס און אַנדערע נאָענטע שטעטלעך, זיינען אַזוי צעוואָרפן און צעשפּרייט אין אַ פרעמדן אַרום און נישט פאַראייניקט כאָטש אין אַ פּשוטער חברה קדישא. אַזוי האָב איך זיך געטראַכט און כ'האָב אַ טרויעריקער און פול מיט מחשבות פון אונדזער צעזייט און צעשפּרייט יידיש פאָלק, פאַרלאָזט דעם קריסטלעכן בית-עולם, מיט די עטלעכע עלנטע יידישע קברים.

אין אַ קורצער צייט אַרום, נאָך דעם דאָזיקן עפּיזאָד, וואָס איך האָב נאָר-וואָס איבערגעגעבן, באַקום איך אַן איינַלאַדונג פון אַ פאַריין אין לאָמאַס מיטן נאָמען „ד"ר הרצל", וואָס האָט זיך מיט עטלעכע טעג צוריק געגרינדעט, איך זאָל ווערן, דאָרט, אין דעם פאַריין אַ מיטגליד. די אויפגאַבע פון דעם פאַריין, וועט זיין, האָט מען אין דער איינַלאַדונג געשריבן, קעגנזייטיקע הילף און איבערהויפּט וועט מען זאָרגן פאַר אַ יידישן בית עולם אין לאָמאַס.

איך בין גלייַך געקומען אויפן רוף און בין געוואָרן אַ מיטגליד. איך האָב זיך אַרייַנגעוואָרפן אין דער אַרבעט און געהאָלפן מיט וואָס נאָר איך האָב געקאָנט. איך האָב געהאָלפן שאַפן מיטגלידער, זאַמלען פאָנדן פאַרן פאַריין. גאַנצע 10 יאָר, פון יאָר 1910 ביז 1920, איינגעמאָנט דעם מיטגליד-אָפּצאָל ביי די עסקאַלאַדער מיטגלידער פון פאַריין אָן קיין שום האָנאָראַר, ווי עס האָבן דאָס געטאָן אַנדערע יידן אין זייערע שטעטלעך, און בכלל האָב איך געטון אַנדערע אַרבעטן וואָס די פאַרשיידענע אַמטן וואָס איך האָב פאַרנומען אין דער פאַרוואַלטונג, במשך אַ סך יאָרן, האָבן אויף מיר אַרויפגעלייגט.

זלמן טערעביזשניק

אַן איבערבליק איבער יידישע אינסטיטוציעס אין לאָמאַס

(געזען פון אינעווייניק)



די קהילה „ד״ר הרצל” אין לאָמאַס דע סאַמאָראַ, מערקט אָפּ איר ע 60 יאָר עקזיסטענץ, מיט אַ ריי אַקטן, פײַערונגען און מיט אַרויסגעבן אַן „אַלמאַנאַך”, אין וועלכן עס ווערט דערציילט די געשיכטע פון לאָמאַסער יידישן ישוב, פון בראשית ביז אין די איצטיקע טעג. און אַז מען זאָגט, יידישער ישוב, מיינט מען דאָך צו זאָגן, אָדער מען שטעלט דעם טראָפּ אויף די אינסטיטוציעס, וועלכע פּרעזענטירן פאַר דער וועלט דעם יידישן ישוב, ווען נישט, וואָס פאַר אַ יידישער ישוב איז ער?

ווייל איך געבן אַ קורצן איבערבליק, וועגן אייניקע אינסטיטוציעס אין וועלכע איך האָב גענומען און נעם אָנטייל במשך די 35 יאָר, וואָס איך וווין אין לאָמאַס (די צײַט וואָס איך בין אָנגעקומען קיין אַרגענטינע) און וועגן אַנדערע מיט וועלכע איך שטיי אין געזעלשאַפטלעכן קאָנטאַקט, אַלס קאָרעספּאָנדענט פון „די יידישע צייטונג” במשך די א. ד. 35 יאָר. און זאָל מיר נישט פאַרעכנט ווערן פאַר „זינדיקן” (קעגן מײַן ווילן) קעגן דער מאָס באַשיידנקייט, וואָס דאַרף אַרויסגעוויזן ווערן, ביים שרײַבן וועגן אינסטיטוציעס אין וועלכע מען האָט מיטגעאַרבעט, אָדער גאָר געגרינדעט.

ווען איך בין געקומען קיין לאָמאַס אין יאָר 1935, איז דער ישוב דאָ אַלט געווען 25 יאָר. עס האָבן שוין דאַן עקזיסטירט, די: כנסת ישראל „ד״ר הרצל”, אַ יידיש-העברעאישע שולע, אַ ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אַגודת הציונים „ד״ר טשלענאָווי”, אַ לײַ-קאַסע נומ׳ 1 — הײַנט קרעדיט-קאָאָפּעראַטיווע „ישראל שטרעכער” און דער יוגנטלעכער קולטור-צענטער „אַטענעאַ”.

וועגן אַט די פריער-דערמאָנטע אינסטיטוציעס, ווערט ווי איך זע, אַלס סעקרעטאַר פון דער רעדאַקציע-קאָמיסיע פון „אַלמאַנאַך”, געשריבן באַזונדער און אויספירלעך, עס ווערט דערציילט פון דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן אין אונדזער ישוב פון אַלע אינסטיטוציעס און זייערע טעטיקייטן, פון דער גרויסער פּלעיאַדע עסקנים, די וואָס זיינען שוין ליידער אַוועק אין דער אייביקייט און יבדלו לחיים, די וואָס זיינען טעטיק, אַקטויִרן הײַנט צו טאָג, יעדער אין זיין רעס-

פעקטיווער אינסטיטוציע. איז ווען מען גיט אַ רעטראָספּעקטיוון בליק, אויף דעם אַלעם וואָס איז געטאָן געוואָרן, „דערזעט" מען אַ בהדרגהדיק צעצווייגט געזעלשאַפטלעך לעבן אין אונדזער ישוב, וואָס איז זיך צעוואָקסן במשך די 60 יאָר.

שטעלט זיך די פראַגע: ווי אַזוי און דורך וועמען, איז אָט דער געזעלשאַפטלעך-צעצווייגטער בוים אַרויסגעוואַקסן און געפלעגט געוואָרן? און זײַנע צווײַגן די צעשפּרייטע, בליען און געבן פרוכט? דעם ענטפער נעמען מיר אַרויס פון דער געשיכטע וואָס ווערט דאָ אין „אַלמאַנאַך" דערציילט, פון די ערשטע עטלעכע משפחות יידישע אימיגראַנטן, וועלכע האָבן, אַנפאַנג הײַנטיקן יאָרהונדערט, זיך באַזעצט אין לאָמאַס און אַרומיקע נאָענט-ליגנדע שטעטלעך, פון זיי און פון זייער „פאַריין אָן אַ נאָמען", פון זייער „מנין" און קליין ספר תורהלע וואָס זיי האָבן געקויפט פאַר 130 פּעזעס, זיי, אָט די אָרעמע נאָר־וואָס אָנגעקומענע יידן, ווער אַנטלאָפן פון פּאָגראָמען אין רוסלאַנד, ווער אויס דחקות און נויט פון אַנדערע לענדער, זיי האָבן עס געלייגט דעם יסוד, אָדער איך וואָלט געזאָגט דעם „קרן היסוד" פון יידישן ישוב אונדזערן אין לאָמאַס און אומגעגנט, וועלכער איז אויסגעוואַקסן צו אָט דער שטופע און פאַרנעם אין געזעלשאַפטלעך-אינסטיטוציאָנעלן יידישן לעבן, ווי מיר זעען אים הײַנט צו טאָג.

זיך אומקערנדיק צו די יידישע אינסטיטוציעס: די כנסת ישראל „ד"ר הרצל", אָדער ווי מען האָט זי דאַן גערופן „חברה קדישא", האָט אין יאָר 1935, שוין פאַרמאָגט אַן אייגן הויז אויף גאַרריטי 333, אין וועלכער עס איז אויך געווען די שיל און די שולע אין וועלכער עס האָבן געלערנט אַ 12-10 קינדער נישט מער און וואָס מען האָט אויסגעהאַלטן מיט שוועריקייטן. דאָרט אין דעם בנין האָט אויך געפירט זיין טעטיקייט דער יוגנט-קלוב „אַטענעאָ", די ציוניסטישע אגודה „ד"ר טשלענאָוו" און די לײַ-קאַסע נומ' 1. וועגן אָט די אַלע אינסטיטוציעס, ווערט געשריבן באַזונדער און עס ווילט זיך נישט איבערהזרן.

צו דער שול-אַרבעט, האָט מיך צוגעצויגן י. ש. ליאַכאָוויצקי ע"ה, ווען ער איז אין יאָר 1935 געווען פּרעזידענט פון (מיר וועלן זי אָנרופן מיטן הײַנטיקן נאָמען) דער קהילה פון לאָמאַס, און צוזאַמען מיט נאָך עסקנים, האָבן מיר זיך אָפּגעגעבן, צו פאַרגרעסערן די צאָל שילער און די שולע אַוועקשטעלן אויף אַ פעסטערער באַזע, וואָס איז אונדז נישט אָנגעקומען אַזוי לײַכט.

במשך עטלעכע יאָרן, האָט מען געאַרבעט, פּראָפּאַגאַנדירט פאַר דער שולע, עס זיינען געווען יאָרן, שפּעטער, פון אַ גרעסערער צאָל קינדער און פון אַ קלענערער צאָל, וואָס האָבן באַזוכט די שולע, אָבער מען האָט זיך נישט מייאש געווען, נישט אַראָפּגעלאָזט די הענט און אַ דאַנק אָט די עקשנים-עסקנים, האָט מען באַוויזן, פאַרשטייט זיך, אַז מיט דער שטענדיקער שטיצע און הילף פון דער פאַרוואַלטונג פון דער קהילה, אין פאַרלויף פון יאָרן צוציען צו דער שול-אַרבעט, אויך יונגע מענטשן, פון דעם, אַזוי גערופענעם, נייעם אָדער צווייטן דור ביז מיר זיינען צוגעקומען צום איצטיקן גלענצנדן מצב, ווען מיר האָבן אַ יידישע אינטעגראַלע שולע, אין וועלכער עס לערנען 150 קינדער כן ירבו און עס איז צו האָפן, אַז אין קומענדיקן יאָר, וועט די צאָל קינדער פאַרגרעסערט ווערן.

אין יאָר 1941, ווען ד"ר אַברהם מבשן ע"ה, איז געקומען קיין לאָמאַס צו פּראָקלאַמירן דעם קרן היסוד-קאַמפּיין, איז אַדאַנק זיין אָנרעגונג און איניציאַטיוו, האָב איך און שלום וואַקס ע"ה פאַרופן אַ פאַרזאַמלונג פון פרויען אין הויז פון די ציונים-עסקנים יוסף און קלאַראַ שטרעכער ע"ה און דאָרט איז געגרינדעט געוואָרן דער „וויצאָ"-צענטער „עמאַ לאַזאַרוס" אין לאָמאַס און אין אייניקע יאָר אַרום, האָבן זיך אויך געגרינדעט „וויצאָ"-צענטערן אין די, נאָענטע צו לאָמאַס, שטעטלעך: באַנפילד. אַדראָגע, מאָנטע-גראַנדע און לאָוואַזשאַל.

ביי מיר אין הויז און אויף מײַן איניציאַטיוו איז אין יאָר 1942 געגרינדעט געוואָרן אַן אָפּטייל פון דער „ליגע פאַרן אַרבעטנדן ארץ ישראל" און מיך געוויילט אַלס סעקרעטאַר און אין עטלעכע יאָר אַרום, האָט זיך געשאַפן דער פּועלי-ציוניסטי-

שער צענטער „מפלסים״ פון וועלכן איך בין אויך געווען איר ערשטער סעקרעטאַר, נאָך דעם האָבן פאַרנומען דעם זעלבן אַמט יעקב ליקערמאַן ע״ה און ראָזאַריאָ סיקולער. מיטן שאַפן דעם „מפלסים״-צענטער, האָט זיך די „ליגע״ אויפגעלייזט.

דערמאָנענדיק פריער די אגודת הציונים „ד״ר טשלענאָוו״ אין לאָמאַס, איז כדאַי איבערצוגעבן, ווי עס האָבן מיר דאָס דערציילט, די אין זייער צײַט אַקטיווע עסקנים משה שוואַרצמאַן און שלמה קאַגאַרליצקי ע״ה, פון זייער און די אַנדערע ציוניסטישע עסקנים אין לאָמאַס, טעטיקייט פאַר די נאַציאָנאַלע קרנות: קרן קימת און קרן היסוד און טייל עסקנים האָבן באַקומען אויסצייכענונגס-דיפלאָמען, פאַר זייער געטרייער עסקנות, און אין יאָר 1923 איז געווען דעלעגאַט צום 8טן ציוניסטישן קאָנגרעס שלמה קאַגאַרליצקי.

אין יאָר 1942 ווען עס איז געקומען קיין אַרגענטינע דער גאַסט פון ישראל, דיכטער נתן ביסטריצקי און האָט פאַרופן א צוזאַמענפאָר אין ראָזאַריע צו גרינדן דעם „כפר אַרגענטינע״ האָב איך געהאַט דעם כבוד צוזאַמען מיט ישראל שטרעכער ע״ה זיך צו באַטייליקן אין דאָזיקן צוזאַמענפאָר, אין פאָרשטייערשאַפט פון לאָמאַסער ציוניסטישע קרײַזן.

אזוי איז די טעטיקייט פון די עסקנים יעדער אין זיין רעספעקטיווער אינסטיטוציע און באַזונדער די „קהילה״ גופא געווען און זיינען טעטיק פאַרן יידישן לעבן דאָ און פאַר ארץ ישראל, באַזונדער זיינען נאָך מער די טעטיקייטן פאַרשטאַרקט געוואָרן מיטן אַנטשטיין פון מדינת ישראל. און אַלס פועל יוצא פון דעם נאַציאָנאַלן ציוניסטישן גײַסט וואָס הערשט אין אונדזערע אינסטיטוציעס, האָבן מיר צו פאַרצייכענען צו אונדזער צופרידנקייט, אַ צאָל עולים און חלוצים, צווישן וועלכע איך האָב דעם זכות, צו האַבן מײַן טאָכטער, אַלס ערשטע חלוצה פון לאָמאַסער ראַיאָן.

וואָס שייך דער מוטער-אינסטיטוציע גופא, די קהילה „ד״ר הרצל״, ווו איך בין געווען אין דער פאַרוואַלטונג כמעט די 35 יאָר, וואָס איך וווין אין לאָמאַס, מיט אייניקע איבעררײַסן, און מײַן טעטיקייט אין דער זעלבער, ווערט דאָך דאָס דערציילט אין דער געשיכטע פון דער קהילה, אויספירלעך און עס ווילט זיך נישט איבערחזרן.

וועל איך פאַרענדיקן מײַן „איבערבליק״ וועגן די יידישע אינסטיטוציעס אין לאָמאַס, מיט אַ פּאָר ווערטער וועגן דער שיל, וואָס געפינט זיך אין קהילה-בנין אַלע יאָרן זינט איר גרינדונג, און פאַרוואַלטונגס-מיטגלידער פון דער „קהילה״ זיינען פּערמאַנענט פאַרטראָטן אין דער שיל-קאָמיסיע אַלס די גבאים און באַזאָרגער פון די רעליגיעזע הצטרכותן און ווערט מצד דער קהילה געשטיצט מיט אַלעם נויטיקן.

און ביים אַסאָציאירן קהילה און בית הכנסת, קומט מיר אויפן געדאַנק די שילדערונג פון שלמה קאַגאַרליצקי ע״ה וועגן דעם ערשטן „מנין״ זייערן אין אַ געדונגען פריוואַטן צימער, ווי זיי האָבן געקויפט אַ קליינע ספר תורה און ווען עס איז געגרינדעט געוואָרן דער פאַריין „כנסת ישראל ד״ר הרצל״, האָבן זיי איבערגעגעבן זייער ספר, דער ניי-געגרינדעטער אינסטיטוציע, און מיט דעם איז געלייגט געוואָרן דער יסוד פון אַ יידישן ישוב אין לאָמאַס, וואָס איז מיט דער צײַט זיך צעוואָקסן און נעמט אַרום דאָס גאַנצע יידישע געזעלשאַפטלעכע לעבן, ווי מיר זען דאָס הײַנט צו טאָג. אין עס ציט דער געדאַנק ווײַטער, איז עס אפשר דערפאַר, וואָס מיר יידן האָבן אַ ספר תורה און אין יעדער קהילה אָדער ישוב, ווו מער און ווו ווייניקער, ווערט דאָס לעבן, דאָס יידישע געשטאַלטיקט לויט דער לערע פון די אַלטע יידישע ווערטן, און דערפאַר האָט דאָס יידישע לעבן אַ ווערט און אַ חיזוק? דעם ענטפער, מיין איך, קען מען באַקומען, נעמענדיק אַלס ביישפיל, אונדזער לאָמאַסער יידישן ישוב.

איך וויל פאַרענדיקן מיט די בעסטע ווונטשן פאַר אונדז אַלע וואָס מיר פײַערן איצט די 60-יאָריקע עקזיסטענץ פון אונדזער קהילה אין לאָמאַס, אַז מיר זאָלן זוכה זײַן צו מיטפייערן די ווייטערדיקע יובילעאומס און נאָך אויף לאַנגע יאָרן קענען זײַן טעטיק לטובת דער יידישער געזעלשאַפט און פאַר מדינת ישראל.

צבי (ענריקע) קודלאַטש

די קהילה און די קולטור־אַרבעט אין לאָמאַס

(צו איר 60־יאָריקן יובל)

די קהילה „ד״ר הרצל״ פון לאָמאַס איז אומגעגנט, ווערט וואָס אַמאָל אַרײַנגעצויגן אין דער יידישער קולטור־אַרבעט און דאָס איז צו פאַרדאַנקען אירע פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער און פאַרשיידענע קאָמיסיעס וואָס אַרבעטן אינטענסיוו אין דעם זינען, און נעמען אויף די פּראָבלעמען פון דער יוגנט מיט פאַרשטענדעניש און דערפאַר מיט אַ פאָזיטיוון דערפאָלג.

אַלס עקס־פּרעזידענט פון דער מוטער־אינסטיטוציע און אַלס קאָרעספּאָנדענט פון דער צײַטונג „די פּרעסע״, באַגריס איך דער פאַרוואַלטונג צו דעם נייעם יובילײ, וועלכער ווערט געפײַערט אין הײַנטיקן יאָר מיט אַ נײַער פּערספּעקטיוו, וואָס מיר האָפן וועט זיין גינסטיק פאַר אונדזערע קינדער און יוגנט.

דער נייער יובילײ איז זייער אַ פריידיקער, הויפּטזאַכלעך דערפאַר, וואָס ער ווערט באַגלייט מיט דער גרינדונג פון דער אינטעגראַלער שולע „ד״ר הרצל״, אין וועלכער עס לערנען איבער 150 קינדער און ווי עס פאַרזיכערט די עלטערן־קאָמיסיע אין זייער אָפּטימיסטישן פאָראויסזאָג, איז צו דערוואַרטן, אַז אין קומענדיקן יאָר זאָל די צאָל קינדער אין שולע פאַרדאָפּלט ווערן. אָט דאָס אַלץ איז צו פאַרדאַנקען דער עלטערן־קאָמיסיע און דער קהילה־פאַרוואַלטונג, וועלכע דערלאָזן אויך נישט צו קיין גרויסע דעפיציטן אין שול־ביודזשעט.

דער גרעסטער טייל עלטערן פון דער אינטעגראַלער שול־קאָמיסיע זיינען אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער קהילה־פאַרוואַלטונג און די זעלבע האָבן זיך אויך אַריינגעוואָרפן אין חינוך־טעטיקייט, מיט פלײַס און פאַראַנטוואָרטלעכקייט, כדי צו פאַרבעסערן און פאַרגרעסערן דעם שול־וועזן אין לאָמאַס און אונדזער חוב איז, זיי, אָט די יונגע שול־טוערס אַרויסצוווייזן אָנערקענונג און צו באַגריסן זיי עפנטלעך פאַר זייער אָנגעשטרענגטער אַרבעט לטובת אונדזער אונטערוואַקסנדיקן יונגן דור.

עס איז אויך צו פאַרדאַנקען דער קהילה, פאַר איר מיטאַרבעט מיט דער יוגנט פון קולטור־צענטער „אַטענעאָ איזראַעליטאַ אַרכענטינאָ״, וועלכער איז זייער אַקטיוו און ווײַזט אַרויס אַ טעטיקייט אין אַלע קולטורעלע, סאָציאַלע אונטערנעמונגען און אין דע־

פֿאָרטיווע פֿאַרמעסטן וואָס ווערן דורכגעפֿירט אין לאַנד און אין אייניקע לענדער אויסער אַרגענטינע. עס איז באַזונדערס כדאי אונטערצושטרייכן די הילף פֿון דער קהילה אין לאָמאַס, צו גונסטן די אַלע יידישע אינסטיטוציעס פֿון לאָמאַס און אומגעגנט, וואָס, דאָס גלויב איך, וועט בולטער און אויספֿירלעכער אַרויסגעבראַכט ווערן פֿון די וואָס שרייבן די אַלגעמיינע געשיכטע פֿון דער לאָמאַסער קהילה, וואָס אויף דעם געביט האָט זי זייער פֿיל אויפֿגעטון און בײַגעשטײַערט.

אין הײַנטיקע צײַטן, ווען די מענטשהייט האַלט ביי אַן איבערגאַנגס־פּעריאָד, מיט נײַע עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און סאָציאַלע אויסוועגן, אין דער צײַט ווען די יוגנט זוכט נײַע וועגן צו דערגרייכן אירע רעוואָלוציאָנערע (?) אידעאַלן, אין אַ צײַט אין וועלכער עס בושעוועט אויפֿסנײַ דער אַנטיסעמיטיזם, אַדאַנק דער אַראַביש־סאָוועטישער פּאָליטיק, איז נויטיק צו פֿאַראייניקן די יידישע כוחות אין דער אונטערוואַקסנדיקער יוגנט, די צוקונפֿטיקע דורות.

מיר האָפֿן און ווינטשן, אַז גאָר אין גיכן וועט מדינת ישראל קענען אויספֿירן איר גרויסע אַרבעט אין אַ פֿרידלעכער אַטמאָספֿערע פֿאַרן ווויל פֿון אונדזער יידיש פֿאָלק און פֿאַר דער גאַנצער מענטשהייט.

מיט אָט די שורות און אין אַ סינטעטישער פֿאָרם, באַנעם איך, די ספּעציפֿישע אַרבעט פֿון דער קהילה און איך וויל פֿאַרענדיקן מיט מײַן האַרציקער באַגריסונג דער קהילה אין לאָמאַס צו איר 60־יאָריקן יובילײ און ווינטשן אַלעמען צו דערלעבן די ווײַטערדיקע יובילײ־פֿײַערונגען, מיט גרויסע דערגרייכונגען פֿאַרן ווויל פֿון יידישן חינוך און אַלע געזעלשאַפֿטלעכע אינסטיטוציעס.

מיכל גרייווער (תל אביב)

אַ קאַפּיטל זכרונות פון דער ערשטער מאָדערנער יידישער שולע אין לאָמאַס (1916-17)

מיינע פריינט פון דעם עלטערן דור, וועלכע געדענקען דעם אַמאָליקן אָרימען אויסזען און קליינעם פאַרנעם פון די יידישע געמיינדעס אין טאַזשערעס (היינט רעמעדיאָס דע עסקאַלאַדאַ) און אין לאָמאַס, קענען זיך דעראינערן אַז אין די יאָרן 1915-1914 האָבן עקזיסטירט אין די ביידע אויבנדערמאָנטע ישובים צוויי זעלבסשטענדיקע תלמוד־תורות, סובווענסיאָנירט פון דער יק״אַ, מיט אַ לערן־פּראָגראַם אינספּירירט פון דער „אַליאַנס״ פון פּאַריז, וואָס האָט זיך באַזירט אויף אַ מיני־מום פון קענגשטאַנדן ווי: קענען אַביסל דאַווענען אין סידור, און וויסן ווי מען מאַכט אַ ברכה אויף אַ דונער וכדומה. אין לעצטן סך הכל האָבן די תלמידים פון אַזעלכע שולעס פאַרענדיקט זייערע 4-3 מאַקסימאַלע לערן־יאָרן מיט זייער קנאַפּע ידיעות וועגן יידישע רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע ווערטן, וועלכע האָבן זיך גלייך אויסגעוועפּט פון זייער זכרון, בלייבנדיק נאָר דער פאַרנעפּלטער באַוווסטזיין אַז מען האָט ווען עס איז אַ מאָל באַזוכט אַ יידישע שולע.

צום גליק איז דער דאַמאָלסדיקער יידישער ישוב פון אַרגענטינע (באַשטייענד פון בערך 70 טויזנט יידן) געווען פאָרמירט אין זייער גרויסער מערהייט פון נייע אימיגראַנטן, וועלכע האָבן אין זייער פּריוואַטן לעבן און געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט געאָטעמט מיט די אידעאַלן און אַספּיראַציעס פון דער אַלטער היים, און זיי האָבן זיך באַזירט אויף אָפּהיטן כשרות, אַלגעמיינע יידישע טראַדיציעס, ימים טובים, און דער עיקר באַנוצט זיך סיי אין הויז ווי אין די צוזאַמענקונפטן — מיט דער יידישער שפּראַך, קולטיווירט מיט עמאָציעס און זכרונות פון דער נישט לאַנגער פאַרגאַנגענהייט, ווען מען האָט געפירט אַן אינטענסיוון יידישן לעבן אין די אַמאָליקע שטעטלעך פון צאַרישן רוסלאַנד.

מיין פאָטער ע״ה איז אָנגעקומען קיין אַרגענטינע אין 1912 מיט דער גרויסער אידייע צו באַזעצן זיך אין איינער פון די יק״אַ קאָלאָניעס, אַ זאַך וואָס איז לײדער נישט רעאַליזירט געוואָרן ווייל זיין משפּחה איז נאָך געבליבן אין רוסלאַנד. ערשט אין 1914 ווען עס האָבן אָנגעהויבן צירקולירן קלאַנגען וועגן אַ מלחמה צווישן רוסלאַנד און דייטשלאַנד האָט מיין פאָטער געקויפט פינף שיפסקאַרטן (טיילווייז אויף אויסצוצאָלן) און אַרויסגעבראַכט מיין מוטער ע״ה און מיך מיט מיינע דריי ברידער קיין אַרגענטינע. דאָס איז געשען אין יוני 1914, בעת איך דער עלטסטער פון די ברידער האָב געהאַט 14 יאָר. פון דעם

פּאָרט פון ב. איירעס זיינען מיר אָפּגעפירט געוואָרן קיין טאַזשערעס, און איינגעאָרדנט געוואָרן אין אַ געגנט פון היבשע בלאָטעס, אין שכנות פון אייניקע לאַנדסלייט פון דער אַלטער היים. ערשט דאָ האָבן מיר זיך דערוווסט אַז אונדזער פאָטער ציט זיין פרנסה אַרבעטנדיק שווער און ביטער אַלס פּעדלער פון היטלען און שליאַפּעס, אין אַ רייע שטעטלעך וואָס זיינען געלעגן איבער אַ שעה רייזע מיט דער באַן פון אונדזער וווינאָרט. פון דעם ערשטן מאָמענט איז געווען קלאָר אַז איך אַלס דער בכור פון די ברידער, וועל מוזן אַרויסהעלפן דער משפחה מיט געבן פּריוואַטע לעקציעס אין עברית צווישן יענע פאַמיליעס וועלכע זיינען געווען נישט באַפרידיקט פון דער מאָגערער פּראָגראַם פון די ייק"א-שולעס.

אין זיינע רייזעס איבער די נאָענטע ישובים האָט מיין פאָטער ע"ה געשלאָסן אַ נאָענטע פריינטשאַפט מיט דער באַליבטער משפחה פון ר' מאיר און סימע חיה סלאַפּאַק ז"ל פון אַדראָגע, וועלכע איז געווען ברייט באַקאַנט מיט אירע גרויסע מידות פון הכנסת אורחים פאַר אימיגראַנטן-פּעדלערס וועלכע פלעגן אַרומטראָגן זייערע סחורות צווישן די גויים פון יענער זאָנע. ר' מאיר סלאַפּאַק איז געווען אַ ייד אַ תלמיד-חכם, געלערנט אין אַ ישיבה אין ביאַליסטאָק און גלייכצייטיק געווען אַ וועבער פון פאַך, ווי עס האָבן עס געטון אַ סך בחורים אין יענער צייט. סיי ער און סיי זיין אומפאַרגעסלעכע פרוי האָבן זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט די ניי אָנגעקומענע משפחות פון אימיגראַנטן. מיין פאָטער פלעגט יעדע צוויי וואָכן אַרבעטן אַ טאָג ביי זיינע קליענטן אין אַדראָגע, און ער האָט שטענדיק געמוזט עסן ביי די סלאַפּאַקס נאָך אַ טאָג פון שווערער און ביטערער האָרעוואַניע. ביי דער געלעגנהייט פלעגט מיין פאָטער ווייזן ר' מאירן מיינע העברעאישע בריוו וואָס איך האָב געשריבן פון מיין שטעטל אין רוסלאַנד אין די יאָרן 1912-1914, ווו איך האָב געלערנט אין אַ מאָדערנעם חדר מיט דריי באַזונדערע לערער, גרייטנדיק זיך צו פאָרזעצן מיין שטודיום אין דער לידער ישיבה. מיר האָבן דעמאָלט געלערנט אינטענסיוו עברית, חומש מיט רש"י, נ"ך, תלמוד, און נאָכמיטיק האָבן מיר געלערנט רוסיש, דייטש און פראַנצויזיש לויט די פּראָגראַמען פון די רוסישע גימנאַזיעס.

מיינע בריוו האָבן געמאַכט אַ שטאַרקן רושם אויף דער משפחה סלאַפּאַק, און ר' מאיר האָט אָנגערעגט מיין פאָטער צו ברענגען וואָס פריער די משפחה קיין אַרגענטינע, אין אָנזיכט פון די צירקולירנדיקע קלאַנגען אַז אַ וועלט-מלחמה איז נאָענט און אומפאַרמיידלעך. מיין פאָטער האָט געמאַכט איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונגען כדי צו שיקן אונדז אויף הוצאות הדרך און אַ דאַנק זיין אינטואיציע זיינען מיר אָנגעקומען קיין אַרגענטינע בלויז קאַרגע דריי חדשים פאַרן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט-מלחמה, וועלכע האָט זיך פאַרענדיקט אין אונדזער געגנט (פאַליעסיע) מיט פּאָגראָמען מצד די האָרדעס פון פּעטליורא, באַלאַכאָוויצעס אאַ"וו.

פון דעם ערשטן מאָמענט וואָס איך האָב זיך באַקאַנט מיט דער פאַמיליע סלאַפּאַק, האָבן זיך צווישן אונדז פאַרבונדן פעדים פון אַ טיפער פריינטשאַפט, און איך בין געוואָרן אַ בן-בית פון דער גאַנצער משפחה. איך בין געוואָרן דער לערער פון עברית פאַר אַלע 4 קינדער פון זייער משפחה און זייער זון יואל ע"ה איז געוואָרן מיין לערער אין שפּאַניש און מיין בעסטער חבר פון יענע יאָרן. ר' מאיר האָט געזוכט צו קריגן פאַר מיר נאָך פּריוואַטע לעקציעס אַלס יידישער לערער אין אַדראָגע און אין לאָמאַס. אין דער לעצטער איז אין יענער צייט געווען אַ פּערמאַנענטער מנין יעדן שבת, אין אַ צימער וואָס ר' אליהו קראַוז ע"ה האָט געשטעלט צו דיספּאָזיציע פון אַ צוויי מנינים יידן, אין זיין מעבל-געשעפט אין גרויסן הויף אויף לאַפּרידאַ 340. ר' מאיר פלעגט אָפט קומען צו דעם מנין, און אויך איך פלעג אָנטיילנעמען אין דעם זעלבן באַזונדערס אין די שבתים ווען מען האָט געבענטשט ראש-חודש, און די מתפללים האָבן שטאַרק הנאה געהאַט פון מיין דאַווענען אָפּטער מוסף ביים עמוד און פון מיין קריאת התורה.

דאָס איז געשען אין איינעם פון די זומער-

חדשים פון 1916, ווען ר׳ מאיר סלאָפּאַק האָט אין איינעם אַ שבת פאַר קריאת התורה געהאַלטן אַ וואַרימע דרשה פאַר די מתפללים און זיי פאָרגעשלאָגן צו גרינדן אַ מאָדערנע יידישע שולע אין לאָמאַס, מיט 2 טורנעס, אינדערפרי און נאָכמיטיק. אַלס לערער פאַר דער דאָזיקער שולע האָט ער אַרויסגעשטעלט מיין קאַנדידאַטור און דערביי פאַרזיכערט די צוהערער אין דעם דערפאָלג פון מיין שליחות. זיין פאָרשלאַג איז אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס סימפּאַטיע און אויפן אָרט האָט ר׳ אליהו קראַוז אָנגעבאָטן דעם גרויסן ליכטיקן קאָמעדאָר פון זיין רחבותדיקן הויף פאַר דער איינריכטונג פון דער שולע. עס האָבן זיך ספּאָנטאַן אָפּגערופן אויף דער איניציאַטיוו די ה״ה מאָטל כהן מיט 4 תלמידים, כוליאָ געפנער מיט 2 תלמידים, לאַדיזשענסקי, מעזשיבאָווסקי און נאָך אַ צענדליק בעלי בתים מיט איינעם אָדער מער תלמידים. דער געהאַלט איז געווען זייער אַ באַשיידענער, ווייל דער ישוב איז באַשטאַנען פון נייע אימיגראַנטן לרוב וועלכע האָבן שווער געקעמפט פאַר פרנסה. אָבער די שולע האָט פונקציאָנירט פּינקטלעך און מיט הצלחה ביז ענדע 1918, ווען איך האָב אָנגענומען דעם פּאָסטן אין דער רעאָרגאַניזירטער שולע פון לאַ פּלאַטאַ, ווו איך האָב געפונען אַ ברייט פעלד נישט נאָר פאַר דערציערישער, נייערט אויך פאַר אַ ברייט פאַרצווייגטער ציוניסטישער טעטיקייט, ווערנדיק גלייך אויסגעוויילט אַלס סעקרעטאַר פון דער טיכטיקער ציוניסטישער אַגודה „ד״ר ב. עפּשטיין”.

און זאָל דאָ פאַרצייכנט ווערן נאָך אַ אינטערעסאַנטער פּרט וואָס איז נוגע דעם אָנהויב פון דער ציוניסטישע טעטיקייט אין לאָמאַס און אומגעגנט. אין נאָוועמבער 1918 האָב איך אָרגאַניזירט און דורכגעפירט די ערשטע ציוניסטישע פאַרזאַמלונג אין לאָמאַס מיט דער מיטהילף פון די דאַמאָלסדיקע אוניווערזיטעט־סטודענטן פון לאַ פּלאַטאַ, די שפּעטערדיקע כימיקער דר. מאַקס אַבשלום, און מעדיקער דר. בעניטאָ סאַזאָוועצקי. אויף יענער אומפאַרגעסלעכער פאַרזאַמלונג האָט מען פּראָקלאַמירט דעם ערשטן שקל־קאַמפּיין אין לאָמאַס, און געהערט צום ערשטן מאָל דריי ציוניסטישע פאָרטראָגן. די פאַרזאַמלונג האָט אויסגעקליבן איינשטימיק דעם שרייבער פון די דאָזיקע שורות אַלס דעלעגאַט צו דער פערטער לאַנדעס־קאָנפערענץ פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע אין אַרגענטינע, אין נאָמען פון אַלע ישובים פון דעם געגנט. דאָס איז געווען דער ערשטער אָנשלוס פון די יידישע ישובים פון יענעם ראַיאָן צו דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג, און די געשעעניש איז אויפגענומען געוואָרן זייער וואַרים מצד די יידן פון יענעם ראַיאָן. פון דאַן אָן האָט זיך אָנגעהויבן די ענגע קאָאָפּעראַציע פון לאָמאַסער יידן פאַר דער ציוניסטישער זאַך, וועלכע ווערט פאָרגעזעצט נאָך מיט מער אימפּעט און פאַרנעם זינט דער אַנטשטייאונג פון דער מדינה. פאַר מיר איז אַ גרויסער נחת־רוח צו קענען באַגריסן די קינדער און אייניקלעך פון יענעם דור, די גרינדער און בויער פון דער בליענדיקער יידישער קהילה פון לאָמאַס. צו דער געלעגנהייט פון מיין ווערן אַ בן־שבעים.

און צום שלום אַ באַשיידענער ווונטש — זאָלן די פירער פון לאָמאַסער קהילה פּרובירן לאָקאַליזירן די אַקטן־ביכער פון יענער אינטערעסאַנטער תקופה, און פאַראייביקן די נעמען פון די ערשטע גרינדער דורך חורשות אין די פעלדער פון קרן קימת אין מדינת ישראל.

ד״ר מאַרקאָס מאַנטשאָר (מאָנקסאָר)

זכרונות פון אַ געוועזענעם לערער אין לאָמאַס

א. איך קום קיין לאָמאַס אַלס לערער

געקומען קיין אַרגענטינע בין איך אין מאָנאַט אַפּריל 1922, ניט האָבנדיק קיין קרובים אָדער באַקאַנטע, אויך ניט קיין געלט, האָב איך מיך אויפגעהאַלטן עטלעכע טעג אין אימיגראַנטן־האָטעל פון דער רעגירונג און פון דאָרט בין איך טאָג־טעגלעך געגאַנגען אין „אימיגראַנטן־שוץ פאַריין”, בעטן וועלכע עס ניט איז רעקאָמענדאַציע אויף אַרבעט. דאָרט, אין „אימיגראַנטן־שוץ פאַריין” האָב איך זיך אינפאָרמירט, אַז די יִק״אַ נויטיקט זיך אין לערערס פאַר אירע שולעס, די אַ״ג „קורסאָס רעליגיאָסאָס אַרגענטינאָס” וואָס זי האַלט אויס צוזאַמען מיט די עלטערן פון די קינדער אין אַ צאָל שטעט און קאָלאָניעס, אונטער דער דירעקציע פון ראַבינער פון טעמפל אויף ליבערטאַד, ד״ר חלפן.

זייענדיק אַ געוועזענער ישיבה־בחור, קענענדיק העברעאיש, פאַרשטייט זיך — אויך יִדיש, אָבער ניט האָבנדיק קיין פעדאַגאָגישע צוגרייטונג אַלס לערער, האָב איך דאָך באַשלאָסן פרוּוון און זיך פאָרגעשטעלט פאַר די שול־אויטאָריטעטן אין דער ייִק״אַ־אַדמיניסטראַציע און געבעטן ביי זיי אַ שטעלע אַלס לערער.

מען האָט מיך געשטעלט צום עקזאַמען און איך בין אָנגענומען געוואָרן אַלס לערער. אין אַ מאָנאַט אַרום האָט מען מיך גערופן אין דער ייִק״אַ־אַדמינסטראַציע און געהייסן אונטערשרייַבן אַ קאָנטראַקט, וועלכן אינהאַלט איך האָב ניט פאַרשטאַנען (ווייַל ס׳איז געשריבן אין שפאַניש) אָבער פון אייניקע פונקטן אין קאָנטראַקט, וואָס אַ אָנגעשטעלטער האָט מיר איבערזעצט אויף יידיש, האָב איך זיך דערוווּסט, אַז איך פאַרפליכטע זיך אויסצולערנען די שפאַנישע שפראַך אין פאַרלויף פון איין יאָר, ווען ניט, ווער איך אָפגעזאָגט.

מען האָט מיר געמאַכט פראַקטיצירן אַ מאָנאַט צייַט אין בוענאָס־איַירעס אין זייער אַ שול און נאָכער מיר געמאָלדן, אַז עס ווערט מיר געגעבן אַ פאָסטן אַלס לערער אין שטעטל לאָמאַס דע סאַמאָראַ. מען האָט מיר מיטגעגעבן אַ בריוו צו ה׳ כוליאַ געפּנער, אַ איַינוווינער פון לאָמאַס, צו וועמען איך זאָל זיך ווענדן. געקומען קיין לאָמאַס, זיך דערפרעגט צום ה׳ געפנער, וועלכער האָט מיר אויפגענומען אין זיַין געשעפט פון גענוצטע מעבל, אויף דער גאַס לאַפרידאַ און אים געוויזן דעם בריוו פון דער ייִק״אַ.

דער ה׳ געפנער, איבערלייענענדיק דעם בריוו, האָט אַרויסגעוויזן אומצופרידנקייט מיט דעם, וואָס מען האָט אים געשיקט אַ לערער אַ „גרינעם”, 2 מאָנאַטן אין לאַנד, וואָס קען ניט קיין שפאַניש. ער האָט אָפגערופן טעלעפאָניש צו דער ייִק״אַ און מיט

זיי דאָרט דיסקוטירט, זייער געשפּרעך האָב איך נישט פאַרשטאַנען, אָבער דער ה׳ געפּנער האָט מיר שפּעטער איבערגעגעבן דעם אינהאַלט פון זײַן טעלעפאָן-געשפּרעך מיט דער ייק״אַ-אַדמיניסטראַציע און די סיבה פון זײַן אומצופרידנקייט מיטן צונעמען אין שולע אַ „גרינעם״ אַלס לערער, ווײַל, זאָגט ה׳ געפּנער, אין פאַרלויף פון 8 מאָנאַטן האָבן זיך שוין געביטן 3 לערערס אין לאָמאַס און אַלץ דערפאַר וואָס זיי קענען ניט די שפּאַנישע שפּראַך, זיי קענען זיך ניט אײַנפאַרשטיין מיט די קינדער, און ער וואָלט געוואָלט, זאָגט ער, אַז אַזעלכעס זאָל אויך מיט מיר, זיך איבערחזרן.

איך האָב דעם ה׳ געפּנער פאַרזיכערט, אַז איך וועל טון וואָס מעגלעך איז, אויסצולערנען וואָס שנעלער די שפּאַנישע שפּראַך. דער ה׳ געפּנער האָט אָנגענומען מײַן צוזאָג און אַגבֿ האָבן אַ סך עלטערן רעקלאַמירט די ווידער-דערעפנונג פון דער שולע, כדי די קינדער זאָלן ניט אומגיין פוסט און פּאַס אין גאַס אין מיטן לערן-יאָר און באַשלאָסן מיך אָנצונעמען אַלס לערער אויף פּרוּוו, ווי ער האָט געזאָגט, אויף אַ פּאָר חדשים.

ב. די שולע

צומאָרגנס נאָך מײַן פּרעזענטירן זיך פאַר ה׳ געפּנער, האָב איך אָנגעהויבן די לימודים אין שולע, וועלכע האָט פונקציאָנירט אין אַ „קאָמעדאָר״ פון אַ גרויס הויז מיט עטלעכע שכנים, אויף דער גאַס לאַפּרידאַ אין די 500-ער. דער „ענקאַרגאַדאַ״ און הויפּט-שכן איז געווען דער ה׳ משה שוואַרצמאַן. דער זעלבער „קאָמעדאָר״ האָט אויך געדינט פאַר אַ שיל צום דאַוונען אין די שבתים און ימים טובים.

געלערנט האָט מען אין 2 טורנעס, פון 8 ביז 11 אין דער פרי און פון 2 ביז 5 נאָך מיטיק. אײַנגעשריבן זײַנען געווען 32 קינדער, אָבער צוליב פאַרשידענע סיבות, האָט שטענדיק געפעלט פון 10 ביז 20 פּראָצענט קינדער. דער לערן-פּראָגראַם, וואָס די אַ״ג „קורסאָס״ פון דער ייק״אַ האָבן מיר געגעבן געדרוקט אויף שפּאַניש, איז געווען פון 1) לערנען דאַוונען אין סידור, לייענען פון סידור און פאַרטײַטשן אויף שפּאַניש, פאַר די קינדער פון ערשטן גראַד, 2) תנ״ך פאַר די עלטערע קינדער פאַרטײַטשט אויף שפּאַניש, 3) לייענען און שרײַבן ייִדיש, 4) די באַדײַטונג פון די ייִדישע ימים טובים און 5) ייִדישע געשיכטע און געאָגראַפיע פון ארץ-ישראל. די תלמידים זײַנען געווען אין עלטער פון 5 ביז 12 יאָר, עטלעכע גראַדן צוזאַמען אין איין צימער מיט איין לערער, געלערנט האָט מען 5 טעג אין וואָך אויסער שבת און זונטיק. דעם גאַנצן חודש תשרי האָט מען ניט געלערנט, ווייל דאָס צימער פון דער שולע האָט דאָך אויך געדינט פאַר אַ בית תפלה.

פון צווישן די עסקנים, אין יענער צײַט, פאַר געזעלשאַפטלעכע און ייִדיש-נאַציאָנאַלע אינטערעסן, איז מיר געבליבן אין זכרון די פאַמיליעס פון די ברידער ישראל און יוסף שטרעכער, געפּנער, ראַכמילעוויטש, קעסעלמאַן, שוואַרצמאַן, זילבער, לאַדיזשינסקי, קאַסאַן, גאַראַכאָווסקי, סלאַפּאַק, גלוך, דראַנאָווסקי, סיקולער, קאַגאַרליצקי און אַנדערע וועמענס נעמען עס איז מיר איצט שווער צו געדענקען

טראָץ די פריער דערמאָנטע שוועריקייטן און אומבאַקוועמלעכקייטן, בעיקר דאָס פעלן פון טעקסטן פאַר דער שולע (אויסער אַ סידור און אַ חומש, איז געווען שווער צו באַקומען וועלכע טעקסטן פאַר אַ שולע) און בכלל די ניט זייער העפלעכע באַציאונג, אין דער ערשטער צײַט, פון די קינדער צום ייִדישן לערער דעם „גרינגאָ״, איז מיר דאָך געלונגען בהדרגה צו אָרגאַניזירן די שולע און געווינען דעם צוטרוי פון די קינדער. איך האָב אין פאַרלויף פון אַ האַלבן יאָר, זיך אויסגעלערנט דאָס שפּאַנישע לשון, גענוג זיך אײַנצופאַרשטיין מיט די קינדער בעתן לערנען און עס איז געווען צו מערקן אַ געוויסן דערפאָלג אין די לימודים, אויף אַזוי פיל, אַז צו ענדע יאָר, איז געקומען אין שולע דער הויפּט-אינספּעקטאָר ידידיה אפרון, נעמען עקזאַמענס ביי די קינדער, איז ער געבליבן צופרידן און אויך די עלטערן פון די קינדער האָבן מיר באַגריסט אין די „אידישע צײַ-

טונג״ און האָבן מיר געהעכערט די שכירות מיט 10 פּעזעס אַ חודש.

איך בין געווען לערער אין לאָמאַסער ייִדישער שולע ביז ענדע יאָר 1926, און דאָ וועל איך אפשר אָפּנויגן פון מײַן אָנגעצייכנטער טעמע, אָבער איך מיין, אַז איך וועל ניט איבערטרײַבן מיט דער מאָס באַשיידנקייט, ווען איך וועל צוגעבן אין מײַנע „זכרונות״, אַז אין פאַרלויף פון די עטלעכע יאָר, וואָס איך בין געווען לערער, אין לאָמאַסער ייִדישער שול, האָב איך אין מײַן פרײַער צײַט גענומען פלײַסיק לערנען די שפּאַנישע לימודים לויטן פּראָגראַם פון די 6 גראַדן אָנפאַנג שול, נאָכהער די 5 יאָר נאַציאָנאַל־שול, אָפּגעגעבן פרײַע עקזאַמענס און אַרײַנגעטראָטן אין מעדיצינישן פאַקולטעט, ווּ איך האָב באַקומען דעם דיפּלאָם פון דאָקטער אין מעדיצין.

פאַרשטענדלעך, אַז איך האָב שוין ניט געהאַט די מעגלעכקייט צו אַרבעטן אַלס לערער און גלײַכצײַטיק שטודירן אין פאַקולטעט און האָב אין יאָר 1926 אויפגעגעבן די שטעלע מײַנע אַלס לערער אין דער לאָמאַסער ייִדישער שולע.

ג. די ייִדישע יוגנט אין לאָמאַס

די ייִדישע יוגנט אין לאָמאַס, ווי איך האָב זי געקענט אין דער צײַט פון מײַן אַקטיווירן אַלס לערער אין דער דאָרטיקער יידישער שול, איז באַשטאַנען די מערהייט פון קינדער פון די ערשטע אימיגראַנטן און פון געקומענע נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה; יוגנטלעכע פון פאַרשיידענע פּאָליטישע און נאַציאָנאַל־יידישע פּאַרטייען מיט אַ געוויסן קולטור־באַגאַזש, אויך אומפּאַרטייאישע און אינדיפערענטע צום יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן, אָבער עס האָט זיי אַלעמען באַהערשט אַ ווילן זיך צוזאַמענטרעפן אין אַ וועלכער עס ניט איז יידישער אָרגאַניזאַציע, כדי ניט פאַרשלעפּט צו ווערן מיטן שטראָם פון דער אַסימילאַציע.

צוזאַמענטרעפנדיק זיך אָפט מיט אָט דעם יוגנטלעכן עלעמענט און מיט אַ טייל פון מיינע שוין אונטערגעוואָקסענע עקס־תלמידים ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן, האָבן מיר באַשלאָסן צו גרינדן אַ יידישן יוגנט־פאַריין. נאָך אַ פּאָר פאַרזאַמלונגען און צוגרייטונגען איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1924 דער „יידישער יוגנט־פאַריין״ אין לאָמאַס. דער ציל פון פאַריין איז געווען: דורכפירן צוזאַמענקונפטן, פאַרווײַלונגען, קולטור־אָוונטן און גרינדן אַ ביבליאָטעק פון יידישע און שפּאַנישע ביכער אויף יידישע טעמעס און אַנדערע.

איך וועל דערמאָנען אַ טייל פון די גרינדער, די וועלכע זיינען מיר געבליבן אין זכרון: קעסלמאַן, טשאַרני, פריילן שוואַרצמאַן, פריילן קאַגאַרליצקי. עס זיינען צווישן די גרינדער געווען פיל אַנדערע יוגנטלעכע אָבער נאָך עטלעכע און פערציק יאָר, געדענק איך נישט זייערע נעמען. פון איינקונפט פון דער ערשטער באַליע, וואָס מיר האָבן דורכגעפירט אין יאָר 1925, האָבן מיר געקויפט יידישע און שפּאַנישע ביכער און אונטער מיין לייטונג איז אָנגעפירט געוואָרן אַ געוויסע קולטור־טעטיקייט, פאָרלעזונגען און קאָנפערענצן אויף קולטור־טעמעס און פאַרווײלונגען. דער פאַרדינסט פון אָט דעם ערשטן קולטור־צענטער אין לאָמאַס, איז געווען דאָס, וואָס ער איז געווען אַ דאַמבע קעגן אַסימילאַציע און אַרויסגעפירט דער יוגנט פון דער אינדעפערענטקייט צום יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן, וואָס איז געווען צו מערקן, איידער דער יוגנט־צענטער איז געשאַפן געוואָרן.

יידישע נאַציאָנאַלע דערציאונג

יחיאל קעניג

(שול־דירעקטאָר)

דאָס פּראָבלעם פון דער יידישער דערציאונג איז איינע פון די וויכטיקסטע פּראָבלעמען פון דער היינטיקער יידישער ווירקלעכקייט אין די תפוצות.

די יידישע שול דאַרף נישט זיין בלויז קיין לערן־אַנשטאַלט, ווייל ס'איז נישט גענוג צו לערנען יידישקייט, נאָר די קינדער דאַרפן לעבן אין יידישקייט. דאָס קאָן נישט דערגרייכט ווערן נאָר אין דער שול.

דערציאונג קומט פאָר קודם־כל אין דער היים ביי די עלטערן און עס ווירקן אויך די גאַס און די אַרומיקע סביבה. דאָרט ווו די שול געפינט זיך אין קעגנזאַץ צו דער היים און צו דער אַרומיקער סביבה — דאָרט האָט די דערציאונג אין שול נאָר א צייטווייליקע באַדייטונג. די אַסימילירנדיקע סביבה שוואַכט פּאַמעלעך אָפּ די באַקומענע דערציאונג אין שול.

נאָך דער שול מוז געזאָרגט ווערן פאַר דער היים. זאָל דאָס קינד, קומענדיק פון שול נישט געפינען אין שטוב דעם קעגנזאַץ, נאָר די פאָרזעצונג פון דער שול. דאָס קינד דאַרף זיך פילן אין שטוב, האַרמאָניש מיט דער שול. אויף אַזאַ אופן, וועט געשטאַרקט ווערן ביים קינד די נאַציאָנאַלע אַטמאָספער פון יידישקייט.

די יידישע שול דאַרף חוץ לימוד, קענען געבן דעם קינד, דאָס וואָס אים פעלט אין דער היים, אין דער גאַס און אין דער סביבה.

די יידישע שול דאַרף איינפלאַנצן די קולטור־ווערטן, סיי מאָראַלישע און גייסטיקע, פון יידישן פאָלק, אויך אונדזער טראַדיציע און געשיכטע, און דאָס טאָג־טעגלעכע שטייגער־לעבן פון פאָלק.

די דערציאונג דאַרף זיין דורכגעדרונגען מיט אידעאַלן פון מענטשלעכער און יידישער פרייהייט און יושר, און אויך מיט דעם זין פון אויפקום פון מדינת ישראל.

די נאַציאָנאַלע, עטישע און סאָציאַלע דערציאונג דאַרף אויסנוצן סיי די עמאָציאָנעלע וועלט פון קינד און סיי די מענטשלעכע ראַציאָנעלקייט. די אויפגאַבע פון דער שול איז ברייטער צו מאַכן דעם לעבנס־האָריזאָנט, צו פאַרשטאַרקן די פעאיקייט צו זען, פילן, פאַרשטיין און באַנעמען. די שול דאַרף לערנען דאָס קינד, אַז דער מענטש איז בכוח צו בייטן און צו פורעמען די וועלט. זי דאַרף איינפלאַנצן בטחון און מוט צום לעבן. די יידישע דערציאונג קען זיך נאָר אָריענטירן אויף דער גאַנצקייט פון אונדזער פאָלק, זיין היסטאָרישן לעבנסוועג און זיינע האָפענונגען, ווייל די דערציאונג פון יעדן פאָלק מוז אירע אידעאַלן שעפּן קודם־כל פון אייגענעם לעבן, פון דער אייגענער געשיכטע און טראַדיציע.

דאָס קינד דאַרף איינגעגלידערט ווערן נאַטירלעך און זעלבסטפאַרשטענדלעך אין דעם יידישן פאָלק, און ער דאַרף וויסן אַז ער

געהערט צו אים. מיר ווילן דערציִען אַ יידישע פערזענלעכקייט וועלכע זאָל וויסן אָפהיטן איר באַזונדערע אייגנאַרטיקייט. אַזוי אַרום וועט די יידישע דערציאונג וואָס דאָס קינד באַקומט, איינגעפלאַנצט ווערן אין די אָפגעפרעמדטע היימען.

דערציאונג איז אַ לאַנגער פּראָצעס, וואָס מוז געהיט ווערן. פון איין זייט, דאַרף איינגעהאַלטן ווערן די איינגעפירטע פאַסיקסטיע ליניע, פון דער צווייטער זייט טאָר מען נישט אַריינפאַלן אין קיין רוטין.

מיר ווייסן גוט, אַז פּראָבלעמען פעלן נישט אין דער יידישער שול אָבער די יידישע שול קען אַליין נישט פאַרענטפערן אַלע פּראָבלעמען. די אַחריות פאַר דער יידישער דערציאונג ליגט אויף אונדז אַלעמען, דאָס הייסט, אויף אונדז, לערער, אויף די שול-פאַרוואַלטונגען, אויף די עלטערן, און אויף דער קהילה. און מיר אַלע צוזאַמען, וועלן מיר קענען אויספירן בשלימות אונדזער דערציערישע אַרבעט.

מיר דאַרפן וויסן, אַז די יידישע דערציאונג איז דער פונדאַמענט פון אונדזער גייסטיקער עקזיסטענץ. די גאַנצע געזעלשאַפט איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם. אָן יידישער דערציאונג, האָבן מיר נישט קיין צוקונפט. די דערציאונג דאַרף און מוז זיין דער צענטער פון געזעלשאַפטלעכן לעבן.

בצלאל באַלער

אַביסל זכרונות און אַ התנצלות



דער פאַרלייג, איך זאָל שרײַבן די געשיכטע פון יידישן ישוב אין לאָמאַס דע סאַמאָרא און רעדאַגירן דעם „אַלמאַנאַך”, וואָס די לאָמאַסער קהילה גיט אַרויס צו דער געלעגנהייט פון פײַערן 60 יאָר עקזיסטענץ, האָט מיך, באמת, געשטעלט פאַר אַ נסיון: פון יאָ, אָדער נישט אָננעמען די דאָזיקע פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט. איך בין געשטאַנען, וואָלט איך געזאָגט אין אַ „פּראָ און קאָנטראַ”-דיאַלאָג מיט זיך אַליין, אויב מען קען זיך אַזוי אויסדריקן. פאַר יאָ, האָט מיך „צוגערעדט” דאָס אָנגענעמע געפיל וואָס איך וועל האָבן, וואָס בעתן שרײַבן די געשיכטע פון יידישן ישוב אין לאָמאַס דע סאַמאָראַ, וועל איך ווידער אַמאָל זען פאַר זיך (אין דמיון) אַט די אַלע יידישע יידן, וועלכע זײַנען געווען די פּיאָנערן, די גרינדער און בויער פון יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין לאָמאַס און אומגעגנט, וועמען אַ טייל פון זיי, איך האָב געהאַט דעם כבוד פערזענלעך צו קענען, מיט אַ טייל באַפרײַנדעט און צוזאַמען מיטגעאַרבעט אין דאָרטיקע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, מיט וועמען געשמועסט און אויסגעהערט די זכרונות זייערע פון די בראשית-יאָרן אין לאָמאַס, וואָס האָט מיר געדינט פאַר מאַטעריאַל צום ערשטן „אַלמאַנאַך” וואָס די כנסת ישראל „ד”ר הרצל” אין לאָמאַס, הײַנט — קהילה „ד”ר הרצל”, האָט צוריק מיט 25 יאָר אַרויסגעגעבן צו איר 35-יאָריקן יובילײַ. פאַרקערט, האָט אָבער געטענהט אַ צווייטער געדאַנק: איצט, ווען די קהילה אין לאָמאַס דע סאַמאַרא איז נישט מער די אַמאָליקע, אַזוי גערופענע חברה קדישא, ווי מיט 25 יאָר צוריק, הגם זי האָט אויך דעמאָלט געפירט אַ געזעלשאַפטלעך-נאַציאָנאַלע טעטיקייט פון אַ קהילה-מעסיקן כאַראַקטער, איז אָבער דאָס אַלץ פאַרגעקומענע און אָפּגעטוענע במשך די פאַרגאַנגענע 60 יאָר, איבערהויפּט אין די לעצטע יאָרן, אַרויסצוברענגען, ווען נאָר אַפילו בקיצור, און אפשר טאַקע דערפאַר, גאָר אַן אַנדער ענין און נישט קיין לײַכטער.

נו, ווי מיר זעען, האָט דער ערשטער אַרגומענט אין מײַן שיקול הדעת און אויך אַנדערע סיבות, וועגן וועלכע איך וועל שרייבן שפּעטער, גובר געווען און כ'האָב די אחריות-פולע אַרבעט יאָ אָנגענומען און הלוואי איך זאָל מיך נישט האָבן טועה געווען.

עס געדענקט זיך די צײַט פון מײַן קורצן וווינען אין לאָמאַס דע סאַמאָראַ (אַ צען יאָר בערך) מיט אַריבער 30 יאָר צוריק, מײַן אָנטייל אין דער דאָרטיקער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט אין איניקע אינסטיטוציעס און בעיקר אין דער כנסת ישראל „ד”ר הר-

צל״ — די היינטיקע קהילה און אין דער יידיש-העברעאישער שולע, און די מענטשן מיט וועמען ס'איז מיר אויסגעקומען מיטצואַרבעטן. הגם נישט שטענדיק איז געווען איינשטימיקייט אין די מיינונגען ביים באַהאַנדלען ענינים וואָס זיינען געשטאַנען אויפן סדר היום, דאָך איז געווען אַ פריינטלעכע באַציאונג און די געהעריקע אָפּשאַצונג פון איינעם צום צווייטן, ווי צווישן חברים, ווייל אַפילו בעת חילוקי דעות, אָדער אַפילו אין אַ מחלוקת ((בעיקר פאַר וואַלן צו אַ גענעראַל-פאַרזאַמלונג, צווישן צוויי קאַנדידאַטן־ליסטעס) איז מען אָבער געווען זיכער אַז דאָס איז אַ מחלוקת לשם שמים, אַזוי צו זאָגן, ד״ה לטובת דער אינסטיטוציע, לטובת דער געזעלשאַפט און נישט חלילה פאַר פערזענלעכע אינטערעסן.

און איצט, ווען די גרינדער, די פּיאָנערן פון יידישן ישוב אין לאָמאַס (אויסער איינער, שאול סאַפיר, עד מאה ועשרים, וועלכער וווינט שוין נישט לאַנגע יאָרן אין לאָמאַס) געפינען זיך שוין ליידער נישט צווישן די לעבעדיקע איז אַ פרייד צו זען, ווי אויך יונגע עסקנים, קינדער פון די גרינדער און אַנדערע, די אַזוי גערופענע נייע דורות, אַרבעטן האַרמאָניש צוזאַמען מיט די עלטערע עסקנים לטובת דער אינסטיטוציע זייערע, די קהילה „ד״ר הרצל״, אין דער שולע און אין אַ ריי אַנדערע געזעלשאַפטלעכע און נאַציאָנאַלע מוסדות, מיט ענטוזיאַזם, ליבע און אַחריות.

איך וויל דאָ מאַכן אַ שטיקל דיגרעסיע און זיך מתנצל זיין פאַר דער עפנטלעכער מיינונג בכלל און פאַר מבינים, יודעי דבר, בפרט, אַז ווען זיי וועלן בלעטערן דעם „אַלמאַנאַך״ און אָן ספק, געפינען געוויסע פּראָפעסיאָנעל-שרייבערישע „פגימות״ אָדער טאָקע פעלערן, זאָלן זיי נעמען אין אַכט, אַז דעם מחבר און רעדאַקטאָר, איז געגעבן געוואָרן, מצד דער פאַרוואַלטונג, צוליב טעכנישע אָדער אַנדערע סיבות, נישט מער ווי 5-4 חדשים, צו שרייבן, זאַמלען, רעדאַגירן און קאָרעגירן דעם גאַנצן מאַטעריאַל שוין צוזאַמען מיט דער צייט וואָס עס דאַרף געדויערן דאָס דרוקן און איינבינדן, וואָס דאָס איז, מיין איך, לכל הדעות, גאָר ווינציק צייט פאַר אַזאַ אַרבעט, אַפילו פאַר אַ פּראָפעסיאָנעלן שרייבער און רעדאַקטאָר ובפרט, פאַר איינעם וואָס איז עס נישט.

דערפאַר איז מיר אויך געווען שווער זיך צו דעצידירן, ווי איך האָב עס געזאָגט אין אָנפאַנג, צי זאָל איך די פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט אָננעמען, נישט זייענדיק זיכער, צי וועל איך קענען אין אַזאַ קורצער צייט באַוויזן זי אויסצופירן ווי געהעריק. אָבער אַדאַנק דעם, מוז איך דאָ אָנערקענען, וואָס עס איז מיר צוגעטיילט געוואָרן אַ סוב-קאָמיסיע פאַרן „אַלמאַנאַך״, אַן אַזוי-גערופענע רעדאַקציע-קאָמיסיע, מיטן פריינט זלמן טערעביזשניק אַלס איר סעקרעטאַר, וועלכער האָט געזאַמלט די מאַטעריאַלן, בילדער אאַ״וו האָב איך באַשלאָסן דעם פאָרלייג פון דער פאַרוואַלטונג פון דער קהילה, יאָ אָננעמען, האָבנדיק דעם גלויבן אַז דער „אַלמאַנאַך״ וועט דערשיינען צו דער געהעריקער צייט, ד״ה ווען די לאָמאַסער קהילה וועט פייערן אי״ה איר זעכציק יעריקן יובילייי.

אויף וויפל די אַרבעט איז אונדז (דעם רעדאַקטאָר און זיינע מיטהעלפער) געלונגען? אויף דעם זיינען מיר שוין נישט באַרופן צו ענטפערן. מיר קענען נאָר דאָס זאָגן: אַז מיר האָבן געטון דאָס בעסטע וואָס מיר האָבן געקענט טון און וואָס עס איז געווען אין אונדזערע מעגלעכקייטן און מיר זיינען זיכער, אַז סיי דער עלטערער ווי דער יונגערער עסקן און סתם מיטגליד, ווען זיי וועלן לייענען דעם „אַלמאַנאַך״ און וועלן זיך פון אים דערוויסן, פון די אָנשטרענגונגען און טעטיקייטן פון די ראשונים, די פּיאָנערן און אַלע אַנדערע עסקנים אין לאָמאַסער יידישן ישוב און אומגעגנט, ווי אַזוי זיי ווערן פאַר זייערע וויכטיקע יידיש-געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן אָפּגעשאַצט צום גוטן, וועט דאָס זיי זיכער צוגעבן נאָך מער סטימול און ווילן, ממשיך צו זיין זייער געזעלשאַפטלעכע אַרבעט און פאָרזעצן צו גיין אין די אויסגעטראָטענע יידישע וועגן פון זייערע פאָרגייער, שטאַרקן דאָס יידישע לעבן דאָ וווּ מיר וווינען און טון ממשותדיקע הילפס-אַרבעט פאַר מדינת ישראל.

יידישע אינסטיטוציעס אין די ישובים,
אין דער סביבה פון לאָמאַס

רעמעדיאָס דע עסקאַלאַדאַ

אַרייַנפיר

שרייַבן, איצט, פון די בראשית־יאָרן פון יידישן ישוב אין רעמעדיאָס דע עסקאַלאַדאַ, וועלכער איז געווען, אפשר, דער ערשטער יידישער ישוב פון אימיגראַנטן, אַריבערגעקומענע פון רוסלאַנד, וואָס האָבן זיך באַזעצט אויף דער דרום־ליניע, נאָענט צו בוענאָס־איירעס, נאָך פאַר דעם, ווען יידן האָבן זיך באַזעצט אין די נאָענטע שטעטלעך: לאַנוס, לאָמאַס און אַנדערע; איצט ווען די ערשטע אימיגראַנטן־פיאָנערן, וועלכע וואָלטן אונדז געקענט דערציילן פיל פרטים פון זייערע איבערלעבענישן אין יענער צייַט, זייַנען שוין, לײדער, אַלע אויפן עולם האמת — איז ניט קיין לייַכטע עובדה. אָבער מיר האָבן נישט געקענט משלים זייַן מיטן געדאַנק, אַז אויב מיר זייַנען כולל אין דאָזיקן אַלמאַנאַך, אייניקע יידישע ישובים נאָענטע צו לאָמאַס, זאָל לגמרי איגנאָרירט ווערן דער עלטסטער יידישער ישוב פון צווישן זיי — רעמעדיאָס דע עסקאַלאַדאַ, וועלכער האָט אָנטיילגענומען אין דער גרינדונג פון דער כנסת ישראל „דר. הרצל" אין לאָמאַס דע סאַמאָראַ און במשך די 60 יאָר עקזיסטענץ פון דער דאָזיקער אינסטיטוציע, האָבן עסקאַלאַדער יידן, אין פאַרשידענע פעריאָדן פאַרנומען און פאַרנעמען ביז הייַנט צו טאָג, פאַראַנטוואָרטלעכע אַמטן אין דער פאַרוואַלטונג, ווי: וויצע־פרעזידענט, סעקרעטאַר, קאַסיר אאַ"וו.

כדי צו דערפילן אונדזער אויפגאַבע, האָבן מיר זיך געווענדעט צום געזעלשאַפטלעכן און נאַציאָנאַלן עסקן יוסף זלאָטניק, אַ געוועזענער אייַנוואוינער אין לאָמאַס און פאַר די לעצטע 17 יאָר אַ תושב און אַקטיווער עסקן אין די עסקאַלאַדער און לאָמאַסער אינסטיטוציעס און ער, פ' זלאָטניק האָט אונדז געבראַכט דרייַ אַקטן־ביכער (נאָך צוויי פעלן) פון דער ערשטער אינסטיטוציע, וואָס די יידן אין עסקאַלאַדאַ האָבן געגרינדעט, די „תלמוד תורה בית ישראל" און אויפן סמך פון דעם וואָס אין די אַקטן איז פאַרצייכנט, וועלן מיר פרווון איבערגעבן בקיצור נמרץ, ווי אַזוי די אינסטיטוציע איז געגרינדעט געוואָרן, דעם אָנשטרענג פון די גרינדער־פיאָנערן, מיט זייער עלעמענטאַרן און פרימיטיוון וויסן און קנאַפע עקאָנאָמישע מיטלען, די תלמוד תורה אָנצופירן און אויסצוהאַלטן, די „שטיצע" פון דער ייק"א אאַ"וו.

ווי געזאָגט, וועלן מיר פון דעם אַלעם שרייַבן, צוליב פאַרשטענדלעכע טעמים, בקיצור און נאָר פון אייניקע פעריאָדן, אָבער אין גאַנצן גענומען, איז נאָך אונזער באַשיידענער מיינונג, פאַראַן אין די דאָזיקע אַקטן, אַ שלל מיט פאַקטן און עפיזאָדן וואָס קענען דינען אַלס אַ מוסטער פאַר פאָרשער און היסטאָריקער, וועלכע וועלן שרייַבן די געשיכטע פון דער גרינדונג פון די יידישע ישובים אין אַרגענטינע אין די יאָרן 1900, בערך, און דעם אָנשטרענג פון די יידן־פיאָנערן, זיך צו האַלטן ביי יידישקייט און זאָרגן פאַר דער יידישער דערציִונג פון זייערע קינדער, זייער דראַנג זיך אויסצולעבן יידיש־געזעלשאַפטלעך אאַ"וו. וואָס פון דעם אַלעמען, מיר וועלן פרווון דערציילן אין די ווייַטערדיקע שורות.

ב. ב.

מיר האָבן ניט קיין קאָנקרעטע ציפערן פון דער צאָל יידישע נפשות וואָס האָבן זיך געפונען אין רעמעדיאָס דע עסקאַלאַדאַ, אין די ערשטע יאָרן פון הייַנטיקן יאָר־הונדערט. דאָך, וועלן מיר נישט זייַן ווייַט פון אמת, ווען מיר וועלן זאָגן, אַז די צאָל איז דאַן געווען צווישן צוויי און דרייַ הונדערט נפ־

---

* רעמעדיאָס דע עסקאַלאַדאַ, האָט, ווען ייִדן האָבן זיך דאָרט אָנגעהויבן באַזעצן, געהייסן: „טאַזשערעס דעל פעררָאָקאַרריל סוד".

שות. די דאָזיקע צאָל געבן מיר אָן, ערשטנס, אויפן סמך פון דעם, וואָס ווי עס האָט אונדז דערציילט הערמאַן (הערש-ישראל צבי) ווײַנער ע"ה, אין יאָר 1945, אַז ווען ער האָט זיך באַזעצט אין יאָר 1900 אין רעמעדיאָס דע עסקאַלאַדאַ (אָדער טאַזשערעס, ווי עס האָט דאַן געהייסן), האָט ער שוין דאַן געטראָפן אַ פּאָר צענדליק יידישע משפּחות, צעזייטע און צעשפּרייטע אין שטעטל גופא און אין די נאָענטע צום שטעטל „וויזשאַס". און צווייטנס, זײַנען מיר זיך סומך אויפן פאַקט, וואָס אויף דער פאַרזאַמלונג, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 2-טן אָקטאָבער 1911 צו גרינדן אַ תלמוד תורה, זײַנען בײַגעווען (ווי עס זאָגט זיך אין ערשטן אקט) זעכציק פאָטערס פון קינדער און מיר זײַנען משער, אַז ניט אַלע וואָס האָבן געהאַט קינדער אין שול-עלטער, זײַנען צו דער פאַרזאַמלונג געקומען.

די ערשטע פאַרזאַמלונג, וואָס איז ווי דערמאָנט, פאָרגעקומען דעם 2-טן אָקטאָבער 1911, איז דורכגעפירט געוואָרן אונטערן פאָרזיץ פון הערש ווײַנער און עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו גרינדן אַ תלמוד תורה מיטן נאָמען „בית ישראל". עס איז געוויילט געוואָרן פאָלגנדע פאַרוואַלטונג: פּרעזידענט, שלמה זלאָטניק; וויצע-פּרעזידענט, הערש ווײַנער; סעקרעטאַר, אבא זמוד; קאַסיר, גאָלאָנשקע; וואָקאַלן: דוד קראַוועץ, משה שעפּיג, פײַוול טריגוב, יוסף קאַנסענזאָן און חיים סיקיניפּקער, רעכענונגס-איבערזעער: משה בלאָנק און יונה שטיינווייטער. עס זײַנען אויף דער פאַרזאַמלונג אָנגענומען געוואָרן פאָלגנדע באַשלוסן:

1) „דער וויצע-פּרעזידענט זאָל נאָכזוכן אַ מלמד";

2) „דער פּרעזידענט זאָל דינגען אַ „הייפל" פאַרן חדר און מײַן און אַז דאָס דירה-געלט זאָל באַטרעפן נישט מער ווי 25 פּעזעס אַ חודש;

3) „די פאַרוואַלטונגס-מיטגלידער זאָלן גיין צו יידן פאַרשרײַבן זייערע קינדער אין דער תלמוד תורה און אײַנמאָנען די צוגעזאָגטע נדרים בײַ עליות" און

4) דער פּרעזידענט זאָל פאַרן קיין בוענאָס איירעס קויפן אַ אתרוג, וואָס זאָל קאָסטן ניט מער ווי 5 ביז 6 פּעזעס".

באַלד אויפן צווייטן טאָג נאָך דער גענעראַל-פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען אַ זיצונג פון דער פאַרוואַלטונג. דער פּרעזידענט האָט באַריכטעט, אַז ער האָט געדונגען אַ „הייפל" אויף דער גאַס פּעדראָ סאָלאָ. דער וויצע פּרעזידענט — אַז ער האָט געדונגען אַ מלמד פאַרן חדר. (עס זאָגט זיך נישט אין די אַקטן ווי דער מלמד האָט געהייסן, וויפל מען האָט אים געצאָלט און מיט וויפל קינדער די תלמוד תורה האָט זיך געעפנט). דעם 12-טן נאָוועמבער איז פאָרגעקומען די אָפיציעלע דערעפנונג פון דער תלמוד תורה אויף וועלכער עס זײַנען בײַגעווען 12 פּערזאָן און יעדער פון זיי האָט געשאָנקען צו איין (1) פּעזע. די 12 פּעזעס האָט מען צווישן זיך רעמאַטירט און האָבן אַרײַנגעבראַכט 30 פּעזעס, וועלכע דער זוכה בגורל האָט געשאָנקען פאַר דער תלמוד תורה. עס איז אויך אויף דעם א. ג. חנוכת הבית, באַשלאָסן געוואָרן אַז דער שכר לימוד פאַר אַ קינד זאָל זײַן ניט ווינציקער ווי 2 פּעזעס אַ חודש און פאַר 2 קינדער ביי איין און דעם זעלבן פאָטער — 3 פּעזעס. עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו פאַרקויפן ריפעס צו 25 סענט יעדע, און צו פאַרדינגען אַ צימער אין דעם הייפל, צו אַ שכן פאַר 8 (אכט) פּעזעס אַ חודש.

אויף איינער פון די ווײַטער פאָרגעקומענע זיצונגען, איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז דער מלמד זאָל גיין מיט אַ בריוו פון דער פאַרוואַלטונג (אויך צו אייניקע יידן פון לאָמאַס) „אויב זיי וועלן ניט צאָלן, זאָל דער מלמד מער מיט זייערע קינדער ניט לערנען".

דעם 1-טן יאַנואַר 1912, קומט פאָר אַ גענעראַל-פאַרזאַמלונג. עס ווערט באַהאַנדלט:
1) די פאָדערונג פון „רבין" פון אַ הוספה פון 10 פּעזעס אַ חודש; 2) וועגן שיקן אַ דעלעגאַציע צו דער ייק"אַ בעטן שטיצע פאַר דער תלמוד תורה. עס ווערט באַשלאָסן: די הוספה דעם רבין צו געבן, „בתנאַי, אײַנצוהאַלטן 20 פּעזעס, אַלס משכן, אַז ער, דער

רבי, זאָל נישט אַוועק פון חדר פאַר ראש השנה און אַז הערש ווייַנער און משה שעפּיק זאָלן פאָרן קיין בוענאָס-אײַרעס צו די אינספּעקטאָרן פון די „קורסאָס רעליגיאָסאָס" ביי דער ייק״אַ בעטן שטיצע פאַר דער תלמוד תורה.

נאָך עטלעכע מאָל פאָרן קיין בוענאָס-אײַרעס (אין די זונטיק-טעג) צו דער ייק״אַ און די אינספּעקטאָרן נישט געטראָפן, האָט מען זיך ענדלעך „דערשלאָגן" צו דעם אינספּעקטאָר ד״ר כרמל, און ווינער און שעפּיק האָבן אים דערקלערט דעם צוועק פון זייער באַזוך. ד״ר כרמל האָט די דעלעגאַטן צוגעזאָגט אַ שטיצע פון 75 פּעזעס אַ חודש, בתנאַי, די תלמוד תורה זאָל זײַן „אײַנגעאָרדנט ווי געהעריק", מיט טישן, בענק און עס זאָלן אין איר לערנען ניט ווייניקער ווי 40 קינדער. און ד״ר כרמל האָט דער דעלעגאַציע געמאָלדן אַז מאָרגן (מאָנטיק) וועט ער קומען באַזוכן די תלמוד תורה.

כדי דער אינספּעקטאָר זאָל זען, אַז די תלמוד תורה איז אײַנגעאָרדנט „ווי געהעריק", האָט מען מיטן פרימאָרגן, פאַר דעם ווי דער אינספּעקטאָר איז געקומען, געליִען ביי שכנים עטלעכע טישן און בענק, „ער זאָל האָבן וואָס צו זען". מיט שוועריקייטן: עקאָנאָמישע און צוליב אַנדערע פאַרשיידענע סיבות, ווי דאָס איבערציִען זיך אָפט פון איין דירה אין אַ צווייטער, פון איבערײַסן דאָס לערנען אויף אַ פּאָר חדשים אין יאָר, דאָס אָפטע בײַטן זיך פון די מלמדים אין איין און דעם זעלבן יאָר, און פון דעם וואָס די ייק״אַ האָט צײַטנווײַז אויפגעהערט צו געבן די צוגעזאָגטע שטיצע, — איז אויסגעקומען די פאַרוואַלטונגען, וועלכע האָבן זיך אויך אָפט געביטן (טיילמאָל 2 אָדער 3 פאַרוואַלטונגען אין איין יאָר) אויסצוהאַלטן די תלמוד תורה. דאָך האָבן די עסקנים-עקשנים, זיך ניט מייאש געווען און די תלמוד תורה ווײַטער מיט אַלע מעגלעכע מיטלען אָנגעפירט און אויסגעהאַלטן.

ביז אין יאָר 1916, איז אין די געדונגענע „הייפלעך" אָדער צימערן, ווו די תלמוד תורה, איז געווען, נישט געווען קיין עלעקטריש ליכט און קיין לויפנדיק וואַסער (אַגוואַ קאָרריענטע). געווען צײַטן (חדשים) וואָס די תלמוד תורה איז געווען געשלאָסן מחמת מאַנגל אין לערער אָדער מלמדים, צײַטן פון אַ קליינער צאָל תלמידים און געווען חדשים פון אַ אַסיסטענץ פון 60 קינדער (איבערהויפּט אין די זומער-חדשים).

די שול-עסקנים האָבן זיך טורנירט, צו גיין אײַנמאָנען דעם שכר לימוד. געווען אַ צײַט, ווען דער מלמד אַליין איז געווען דער אײַנמאָנער פון שכר לימוד, אָבער, ער האָט פאַרלאַנגט אַ פערד און וועגעלע, ווען ניט, וועט ער אין די ווײַטערע געגנטן ניט גיין **„קאָוורירן"**.

געלערנט מיט די קינדער אין תלמוד תורה האָט מען, דאַוונען פון סידור, לשון קודש פון ביכל „ראשית דעת", לייענען און שרײַבן יידיש. די עלטערן האָבן אַליין פאַרהערט די קינדער אין די שבתים און אין די זונטיק-טעג און טיילמאָל ווען זיי זיינען געגאַנגען פון דער אַרבעט אַהיים, האָבן זיי זיך „אַרײַנגעכאַפּט" אין דער תלמוד תורה, זען ווי אַזוי די קינדער לערנען,, צי זיי „אַדעלאַנטירן" יאָ, צי נישט. עס פלעג אויך אַמאָל קומען דער אינספּעקטאָר ד״ר כרמל אָדער ד״ר חלפן, מאַכן אַ אינספּעקציע אין דער תלמוד תורה און עקזאַמינירן די קינדער און...געשטראָפט די עלטערן . . .

אויף אויסצוהאַלטן די תלמוד תורה, האָט מען פון צײַט צו צײַט דורכגעפירט טעאַטער-אונטערנעמונגען, מיט „ליוביטעלעס" און אַמאָל מיט פּראָפעסיאָנעלע אַקטיאָרן אין ב.-אײַרעס, אין לאָמאַס דע סאַמאָראַ, אַדראָגע און אין אַוועזשאַנעדאַ, מיט דער מיטהילף פון דער אונטערוואַקסנדיקער יוגנט, וועלכע האָט אנטייל גענומען אין אָרגאַניזירן די אונטערנעמונגען, באַלעס און אַנדערע פאַרווײַלונגען; „פּלעטן" (אויסשפּילן לויט אַ גורל) פאַרשיידענע חפצים און בעיקר דורך נדרים ביי עליות אין שיל און פון באַשטײַערונגען ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן פון שמחות או״וו

צוויי ספרי תורה׳ס האָט מען געקויפט אין אָדעס (רוסלאַנד, 1914) אַ הונדערט יידישע ביכער פאַר דער ביבליאָטעק, וואָס מען האָט אײַנגעאָרדנט בײַ דער תלמוד תורה, האָט מען אויסגעשריבן פון נאָרד-אַמעריקע (אין דער בוכהאַנדלונג פון סעגאַל,

זאָגט זיך אין אַן אַקט, זיינען נישט געווען צו באַקומען די ביכער, וואָס מען האָט געוואָלט האָבן). די ספרי תורה׳ס און ביכער, ווען זיי זיינען אָנגעקומען אין דער „אַדואַנאַ" (צאָל־אַמט), זיינען זיי דאָרט געלעגן אַ שטיקל צײַט, ביז מען האָט צונויפגעזאַמלט געלט זיי אַרויסצונעמען פון דאָרט. צוערשט האָט מען אַרויסגענומען די ספרי־תורה׳ס און שפּעטער מיט אַ צײַט — די ביכער. צו האָבן די רעכט אויף אַרויסצונעמען פון דער ביבליאָטעק, אַ בוך צו לייענען, האָט מען געדאַרפט צאָלן 25 סענט אַ חודש.

אָט אַזוי, בערך, האָבן אין פאַרלויף פון יאָרן די עסקאַלאַדער יידן, די ראשונים, די פּיאָנערן פון ישוב, זיך געראַנגלט מיט פאַרשיידענע שוועריקייטן אין זייער טעטיקייט, ביים קלאַמערן זיך אָנצוהאַלטן דעם יידישן פּרצוף־פּנים פון ישוב און ביים אָנפירן מיט דער תלמוד תורה און שיל, (פון וואָס מיר געבן דאָ איבער גאָר בקיצור), ביז עס זיינען צו די ערשטע, שוין אַ ביסל מידע עסקנים: הערש וויינער, שלמה זלאָטניק, מענדל סמוד, אַברהם קראַוועץ, משה בלאַנק, מאַרקוס קיטייגאָראָדסקי, שעפּיק, בולשטיין און אַנדערע און די שפּעטער צוגעקומענע עסקנים: משה גאָלדמאַן, יוסף צווײַג, יוסף פישער, אַדאָלפאָ טעפּליצקי, אויך צוגעקומען אַ צאָל עסקנים, שוין פון יונגערן דור אין עסקאַלאַדאַ: די ברידער יצחק און לואיס סמוד, די ברידער סאַמועל און מאַוריסיאָ וויינער און נאָך אייניקע, וועלכע האָבן געהאָלפן די עלטערע עסקנים אין זייער טעטיקייט, אויפצוהאַלטן די תלמוד תורה, די שיל, די ביבליאָטעק אאַ״וו.

געווען אַ צײַט (1950 בערך) ווען מען האָט געמאַכט אַ פּרוּוו צו גרינדן אַ פאָלקסשול אין עסקאַלאַדאַ, צוזאַמען מיט לאַנוסער יידישן ישוב, אָבער נאָך עטלעכע חדשים עקזיסטענץ, האָט זיך די שולע (לערערן רות גאָלד) פאַרמאַכט.

אין יאָר 1953, נאָך לאַנגע יאָרן פון וואַנדערן פון איין דירה אין אַ צווייטער, איז געלונגען, נאָך פיל אָנשטרענגונגען מצד אַ ריי עסקנים און מיט דער שטיצע פון עסקאַלאַדער יידישן ישוב, צו קויפן אַ אייגענעם בנין אויף דער גאַס מאַנועל קאַסטראָ 3172 אין עסקאַלאַדאַ, ווו די אינסטיטוציע, די „בית הכנסת־־בית ישראל", ווי זי רופט זיך היינט, געפינט זיך ביז היינטצו טאָג.

דאָס דערווערבן דאָס אייגנטום, וואָס איז צושטאַנד געקומען, אַדאַנק דעם אַקטיוון אָנטייל פון די עסקנים משה גאָלדמאַן, יוסף פישער, יוסף צווײַג, יוסף זלאָטניק, די ברידער יצחק און לואיס סמוד, די ברידער סאַמועל און מאַוריסיאָ וויינער און אַנדערע עסקאַלאַדער תושבים, האָט טאַקע אַרײַנגעבראַכט אַ ביסל אויפלעבונג און אַ גרעסערע טעטיקייט, אין געזעלשאַפטלעכן לעבן פון אַלגעמיין־יידישן און לאָקאַלן פאַמיליאַרן כאַראַקטער, אָבער, דער פאַקט, וואָס רעמעדיאָס דע עסקאַלאַדאַ געפינט זיך אויף דער ליניע, צווישן לאַנוס אין איין זײַט און לאָמאַס דע סאַמאָראַ אין דער צווייטער זײַט און אין אָט די ביידע יידישע ישובים זיינען פאַראַן אַ ריי אינסטיטוציעס און געזעלשאַפטן, אין וועלכע יונגע און עלטערע לעבן זיך אויס געזעלשאַפטלעך און ווו די עסקאַלאַדער יידן נעמען אַ וויכטיקן אָנטייל, האָט די אינסטיטוציע ווײַט ניט געקענט פּראָגרעסירן.

טראָץ דעם, איז די מוטער־אינסטיטוציע פון עסקאַלאַדער ייִדישן ישוב, די „בית הכנסת בית ישראל", דער צענטראַלער פונקט פון ייִדיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן. עס געפינען זיך דאָ, די קרעדיט־קאָאָפּעראַטיווע, די סוב־קאָמיטעטן פאַרן „מגבית" און פאַרן קרן קימת, סוב־קאָמיטעט פון „וויצאָ" וואָס איז אָנגעשלאָסן אין ראַיאָן־קאָמיטעט מיטן זיץ־אָרט אין לאָמאַס דע סאַמאָראַ און אַ יוגנט־קלוב.

עס ווערן פון צײַט צו צײַט דורכגעפירט אונטערנעמונגען. עס ווערן דורכגעפירט די אַקטן לכבוד יום העצמאות אאַ״וו, און אַוודאי ווערן דורכגעפירט אין די ימים טובים, שבתים און ביי אַנדערע געלעגנהייטן די תפילות אין בית הכנסת און עס ווערן לויט די אומשטענדן און מעגלעכקייטן, געגעבן באַשטײַערונגען פאַר פאַרשיידענע נאַציאָנאַלע און געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס און צוועקן, נעמענדיק אָנטייל, אויף אַזאַ אופן, אין דעם אַלגעמיין ייִדיש־נאַציאָנאַלן און געזעלשאַפטלעכן לעבן אין אַרגענטינע.

לאַנוס

איסר קאַמינסקי

דער יידישער ישוב אין לאַנוס און זיינע אינסטיטוציעס

איינע פון די עלטסטע יידישע אינסטיטוציעס אין לאַנוס, וואָס וועט בקרוב ציילן מיט 60 יאָר עקזיסטענץ, איז דער בית-הכנסת אין דער געגנט ווילזשאַ אינדוסטריאַלעס. ביי דער דאָזיקער שיל, האָט עקזיסטירט אַ צייט מיט יאָרן אַ ביבליאָטעק אויפֿן נאָמען פון שלום עליכם. אויך אַ שולע, די ערשטע יידישע שולע אין לאַנוס איז געגרינדעט געוואָרן אין דער אַ „וויזשאַ" פון לאַנוס, אָנגעפירט פון די שיל-באַלעבאַטים און שול-עסקנים אַ פּאָר צענדליק יאָר. דער ערשטער לערער איז געווען יעקב עפּלבוים.

אין וויזשאַ אינדוסטריאַלעס (וואָס איז אייגנטלעך — לאַנוס) איז אויך געגרינדעט געוואָרן די ערשטע ליי און שפּאָר-קאַסע. אירע גרינדער זיינען געווען: די משפּחה לאַנג, וואָלף אַרענדאַר, יוסף באָבער, וועלכער איז געווען יאָרן-לאַנג פּרעזידענט פון דער אינסטיטוציע און נאָך אַ גרופּע מענטשן וועלכע האָבן געזען אַלס אַ נויטווענדיקייט צו גרינדן אַזאַ ליי-און שפּאָר-קאַסע, כדי צו העלפן מיט אַ הלוואה יידן קליין-הענדלער, אויסצוצאָלן אין באַקוועמע ראַטעס.

נאָענט צו 50 יאָר עקזיסטענץ ציילט די „אוניאָן איזראַעליטאַ — אחדות ישראל" אין לאַנוס, וואָס געפינט זיך אויף דער גאַס טוקומאַן 480, אַרום וועלכער עס האָבן באַלד אין אָנפאַנג פון איר גרינדונג, זיך אָנגעהויבן צו קאָנצענטרירן די יידן וואָס האָבן געוווינט אין די נאָענטע צו לאַנוס „וויזשאַס" ווי „וויזשאַ אָברעראַ" א"א וווּ עס האָט שוין געוווינט אַ באַדייטנדע צאָל יידן, אָבער

די פאַרוואַלטונג פון „אוניאָן איזראַעליטאַ" אין לאַנוס, אין יאָר 1922

אידיש־העברעאישע
שולע י. ל. פרץ אין לאנוס

די תּלמידים מיט זייער לערער ישׂראל שטשוטשינסקי ע״ה אין דער י. ל. פּרץ־שולע
אין לאַנוס אין יאָר 1942

נישט געווען געזעלשאַפטלעך אָרגאַניזירט, מחמת דער ווייטקייט און אומבאַקוועמען צופאָר, אין יענער צייט, צום צענטער פון לאַנוס, וווהין די מערהייט יידן פון די דאָזיקע ווייטערע מקומות, האָבן זיך שפּעטער אַריבערגעצויגן און אַזוי אַרום פאַרגרעסערט דעם יידישן ישוב אין לאַנוס און אָנגעהויבן פירן אַ געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט אויף אַן אָרגאַניזאַציאָנעלן אופן אויף אַ ריי געביטן. אַגב, דאַרף דערמאָנט ווערן, אַז נאָך פאַר דער גרינדונג פון דער „אוניאָן איזראַעליטאַ — אַחדות ישראל״, זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן „מנינים״ אין די ימים נוראים, שלוש רגלים און שבתים אין די פּריוואַטע וווינונגען פון ה׳ בורדמאַן, דוד פּריבלודאַ א״אַ, ערשטע תושבים אין לאַנוס.

אין בנין פון „אוניאָן״ איז אויסער דער בית־הכנסת, מיט יאָרן שפּעטער איינגעאָרדנט געוואָרן די יידישע שולע „ח. נ. ביאַליק״ (וועגן וועלכער מיר וועלן שרייבן ווייטער) און וועלכער עס זיינען געווען די ערשטע לערער יצחק איסאַקסאָן און מרדכי דאַווידזאָן עליהם השלום. אויך איז אין דעם זעלבן בנין געווען אַ ביבליאָטעק, ווו די יוגנט פלעגט זיך צוזאַמענקומען און דורכפירן קאָנפערענצן, פאַרווײַלונגען אאַ״וו. אויך די ערשטע קרעדיט־קאָאָפּעראַטיווע וואָס וועט בקרוב פייערן 45 יאָר עקזיסטענץ, איז געגרינדעט געוואָרן ביי דער „אוניאָן״ און דאָרט פונקציאָנירט במשך די ערשטע 25 יאָר.

די שיל בית יעקב וואָס איז געגרינדעט געוואָרן דורך אַ גרופּע יונגע אימיגראַנטן, די מערהייט פון זיי, פון וואָלינער שטעטלעך און האָבן זיך אויפגעהאַלטן ביי זייער פּראָטעזשירער און מורה דרך אליהו מעסער ע״ה, האָט זיך תחילת ווי אַן אַזוי־גערופענער „מנין״, געפונען אין פּריוואַטע הייזער, פון

אַקט פון דער פייערונג 25 יאָר פאַראייניקטע יידיש־העברעאישע „ח נ. ביאַליק״־שולע אין לאַנוס. ביים מיקראָפאָן, דער איניציאַטאָר פון דער דורכגעפירטער פאַראייניקונג, יוסף פאַראַסאַל

יחזקאל באַרילקאָ, חיים פייגעלים און יעקב ווייסברויט. נאָכהער איז מען אַריבער מיט דעם „מנין״ אין אַ געדונגענער דירה אויף מאָנראָע אין די ערשטע הונדערטער און ווען די פאַרוואַלטונג פון שיל, אונטער דער אָנפירונג פון אברהם רעזניק ע״ה, האָט שוין געהאַט די מאַטעריעלע מעגלעכקייטן צו דערווערבן אַן אייגנטום, איז געקויפט געוואָרן דאָס הויז אויף פּאַוואָן אין די 48 הונדערטער, וואָס איז אייניקע מאָל איבערגעבויט און רעמאָנטירט געוואָרן, און צוגעפּאַסט געוואָרן פאַר אַ באַקוועמען בית הכנסת, ווו עס ווערט אויך אָפּגעגעבן אַ באַזונדער פּלאַץ פאַר אייניקע נאַציאָנאַלע און געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס אָנצופירן זייערע טעטיקייטן. אין דעם איבערבוי פון דאָזיקן בנין, דאַרף באַזונדערס דערמאָנט ווערן דער געזעלשאַפטלעכער עסקן בעריש קוזניעץ ע״ה, וועלכער האָט מיטגעהאָלפן און ווירדיק בייגעשטייערט פאַר דעם א״ד צוועק. די לעצטע צען יאָר, שטייט בראש פון דער שיל־פאַרוואַלטונג דער געז. עסקן שמואל קופּערבערג.

דער יונגער עלעמענט אין לאַנוס, דער רוב ציוניסטיש געשטימט. אַנגעהעריקע אין ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס נאָך אין דער אַלטער היים און וועלכע האָבן נישט געהאַט די מעגלעכקייט עולה צו זיין קיין ארץ ישראל, מחמת דעם באַגרענעצטן סערטיפיקאַטן־סיסטעם און האָבן „דערווייל״ אימיגרירט קיין אַרגענטינע, האָבן זיך אָרגאַניזירט אין אַ ציוניסטישן צענטער און געטון ציוניסטישע אַרבעט: דורכגעפירט יאָר־יערלעך די קאַמפּיינען פאַר קרן קימת, קרן היסוד, פאַרקויפט שקלים אאַ״וו. עס איז שוין אין יענער צייט אויך געווען אַ גרופּע יידן ציוניסטן אַנגעשלאָסענע אין דער ציוניסטישער פעדעראַציע אין ב. איירעס און ווי עס דערציילן אַלטע תושבים פון לאַנוס, איז דאָס געבן די באַלפור־דעקלאַראַציע אין יאָר 1917, געפייערט געוואָרן דורך די לאַנוסער יידן אויף גאָר אַן אימפּאָזאַנטן אופן.

אין די דרייסיקער יאָרן איז געגרינדעט געוואָרן אַ פּועלי ציון־צענטער אויפן נאָמען פון ד״ר חיים אַרלאָזאָראָוו ע״ה, פון צווישן די פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער אין דאָזיקן צענטער זיינען אַרויסגעקומען אַ ריי געזעלשאַפטלעכע עסקנים אין די לאַנוסער יידישע אינסטיטוציעס און אויך אייניקע צענ-

טראַלע אינסטיטוציעס אין דער הויפּטשטאָט. ווען עס איז פאָרגעקומען די פאַראייניקונג פון מפא״י מיט אחדות עבודה אונטער דעם נאָמען „העבודה״-פּאַרטיי, האָבן זיך דאָ אין לאַנוס פאַראייניקט דער פּועלי ציון-צענטער, ד״ר ארלאזאראָוו״ מיט דעם „אחדות עבודה״-צענטער, וואָס איר גרינדער איז געווען יוסף פּאַראַסאָל אונטער דעם נאָמען תנועה ציונית עבודה-צענטער „ד״ר אַרלאַזאראָוו״.

די גרופּע עסקנים פון דער „ליגע פאַרן אַרבעטנדיקן ישראל״, וואָס מיר האָבן פריער דערמאָנט, האָט נאָך אַ שטיקל צייט פירן זייער טעטיקייט אין אומבאַקוועמע, נישט צוגעפּאַסטע לאָקאַלן, באַשלאָסן, אויסצוברייטערן זייער אַקטיוויטעט צווישן דער יוגנט און זיי צוציען צו ציוניסטישער טעטיקייט און גלייכצייטיק זיי אַוועקנעמען פון דער פרעמדער נישט-יידישער סביבה, אין וועלכער אַ גרויסער טייל פון דער יוגנט האָט פאַרקערט. ס׳איז געדונגען געוואָרן אַ באַקוועמער לאָקאַל, שיין אויסגעשטאַט מיט צוגעפּאַסטע איינריכטונגען פאַר דער יוגנט צום פאַרברענגען אין זייער פרייער צייט, וואָס זאָל דינען ווי אַ קלוב פאַר צוזאַמענקומען, קאָנפערענצן אא״וו.

די גרינדער פון דאָזיקן קלוב, וואָס מען האָט אַ נאָמען געגעבן „יוסף חיים ברענער״-קלוב זיינען געווען: איסר קאַמינסקי, נח כהן, שלמה כהן, ישראל האַניק, משה האַניק, לייבל באַקלער, יוסף ליבערמאַן, אליהו כהן, הערשל באַבער און בנציון קאַליסקי ע״ה. צען יאָר בערך, האָט זיך דער „י. ח. ברענער״-קלוב געפונען אין געדונגענע לאָקאַלן, און איז אַריבער דערנאָך צו פירן די טעטיקייט אין „אוניאָן איזראַעליטאַ״, וואָס איז דאָן געווען אָנגעפירט פון מרדכי סירקאָוויטש און יונה פּריבלודאַ.

אויך אין דער „אוניאָן״, איז מחמת דעם באַגרענעצטן פּלאַץ, נישט געווען די מעגלעכקייט צו פירן אַ טעטיקייט אַזאַ, וואָס זאָל צופרידנשטעלן דער יוגנט, דהיינו: עס זאָל זיין אַ ספּאָרט-פּלאַץ, אַ שווים-באַסיין און אַנדערע איינריכטונגען, ווי זיי זעען עס ביי די נישט-יידישע קלובן. זוכנדיק אַ לייזונג צום דאָזיקן פּראָבלעם, איז געקומען אַ פאָרשלאַג פון יעקב פוקס צו גרינדן אַ „בית-עם״, ווו עס זאָל מיט דער צייט, קענען איינגעאָרדנט ווערן, וואָס נויטיק איז, פאַר דער יידישער געזעלשאַפט אין לאַנוס, פאַר יונג און אַלט. דער פאָרשלאַג איז אָנגענומען געוואָרן און עס

בעריש קוזניעץ ע״ה, אַלס פּרעזידענט פון בוי־קאָמיטעט פון דער ח. נ. ביאַליק שולע אין לאַנוס, טיילט צו דעם כבוד די פאַרשטייער פון ווייזשאַ־אינדוסטריאַלעס, ה׳ פורשיפּער און פרוי, איבערצושניידן דעם באַנד פון אַריינגאַנג אין שולע.

דער פאָרשטייער פון דער קהילה אין לאָמאַס דע סאַמאָראַ, ה׳ יוסף זלאָטניק, שרייבט אונטער דעם „פּערגאַמין״ בעת דער פייערונג פון 25 יאָר פּאַראייניקטע יידישע שולע ח. נ. ביאַליק אין לאַנוס

איז געקויפט געוואָרן אַ דירה אויף איטוסאַינגאָ אין די זעקס הונדערטער. די גרופּע גרינדער: יעקב פוקס, איסר קאַמינסקי, מאַרקאָס בזשאַנאָווסקי, משה לאַנגענאַוער און י. ל. הויכמאַן, האָבן זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט, צוזאַמען מיט נאָך פריינט פון דער דאָזיקער אידעע, צוצופּאַסן דעם געקויפטן בנין פאַר אַ „בית-עם״, וואָס איז אפשר דער ערשטער פון דעם מין, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין די אַרגענטינער יידישע ישובים.

דער „בית-עם״, וואָס איז פּאַקטיש די פאָרזעצונג פון „י. ח. ברענער״-קלוב, האָט זיך, וואָס ווייטער, אַלץ מער, אַנטוויקלט און פאַרגרעסערט, צוציענדיק אַ גרויסע צאָל מיטגלידער און צוזאַמען מיט דעם, האָט זיך אויך פאַרגרעסערט די הוצאה וואָס די פאַרוואַלטונג האָט נישט געקענט נאָכקומען לויט די פאָדערונגען, דאַן איז געגרינדעט געוואָרן די קרעדיט-קאָאָפּעראַטיווע א״נ „בית עם״, וואָס אַ דאַנק איר מאַטעריעלער שטיצע, איז געקויפט געוואָרן אַ „קינטע״ פאַר די זומער-וואַקאַציעס, אויסגעבויט געוואָרן אַ שווימבאַסיין און עס איז געקויפט געוואָרן צוויי פּלעצער, וואָס זיינען געשאָנקען געוואָרן דער שולע, וווּ עס ווערט איצט, מיט דער הילף פון די דריי עקזיסטירנדיקע קרעדיט-קאָאָפּעראַטיוועס, וועלכע ווערן אָנגעפירט פון נאַציאָנאַל-געשטימטע יידן, געבויט אַ מאָנו[illegible]ע געביידע פאַר אַן אינטעגראַלער יידיש-העברעאישער שולע און קינדער-גאָרטן. דער „בית-עם״ ווערט איצט אָנגעפירט פון אַ גרופּע יונגע עסקנים, בראש מיט משה נעמיראָווסקי אַלס פּאָרזיצער.

די דריטע קרעדיט-קאָאָפּעראַטיווע „נועווע דע כוליאָ״, איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1964, פון אַ גרופּע געזעלשאַפטלעכע טוער מיט איסאַק ליפּאָוועצקי אַלס פּרעזידענט און האָט זיך אין פאַרלויף פון אַ קורצער צייט ראַשיק אַנטוויקלט און פּראָגרעסירט און האָט אַ נאָמען פון אַ גוט-שטייענדע סאָלידע פינאַנציעלע אינסטיטוציע.

אָט די פריער-דערמאָנטע דריי קרעדיט-קאָאָפּעראַטיוועס, זיינען די ערשטע מיט זייערע ווירדיקע באַשטייערונגען פאַרן מגבית, קרן קימת און פאַר אַלע יידישע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס און הצטרכותן אין לאַנוס און אין בוענאָס איירעס.

עס האָט יאָרן-לאַנג עקזיסטירט אַ גמילת-חסדים קאַסע, וואָס האָט אויסגעפילט אַ וויכטיקן בלויז אויף דער יידישער גאַס אין לאַנוס, מיטן געבן אַ גמילת חסד אַן אומפאַרמעגלעכן ייד, איז אָבער געשען אַזוי, אַז מיט עטלעכע יאָר צוריק איז די דאָזיקע גמ״ח-קאַסע אַריבער אין די „פּראָגרעסיווע״ הענט און מען ווייסט נישט און מען הערט נישט ביז היינט פון איר עקזיסטענץ. האָבן אַ גרופּע נאַציאָנאַלע יידן געשאַפן אַ גמילת חסדים-קאַסע „אַחיעזר״, וואָס האָט איר זיץ-אָרט אין דער שיל „בית יעקב״ און העלפט יידן מיט אָן-פּראָצענטיקע הלוואות.

פֿאָרשטייער פֿון דער שולע, ביים גרונטשטיין־לייגן פֿון בנין פֿאַר דער „אוניאָן איזראַע־ליטאַ״ אין לאַנוס אין יאָר 1952. עס שטייען פֿון רעכטס: בעריש קוזניעץ ע״ה, נח כהן, לייבל באַקלער, יוסף פֿאַראַסאָל און איסר קאַמינסקי (ביים מיקראָפֿאָן).

די פֿאַרוואַלטונג פֿון דער „ח. נ. ביאַליק״־שולע אין לאַנוס אין יאָר 1955

נאַציאָנאַל־געזעלשאַפטלעכער קאָמיטעט אין לאַנוס, צו פּײַערן דעם 75טן געבוירנטאָג פון דוד בן גוריון.

דריי „וויצאָ״-צענטערן עקזיסטירן אין לאַנוס, זיי האָבן זיך געגרינדעט לויט דער ריי אין פאַרלויף פון יאָרן. דער ערשטער — אויפן נאָמען פון „ענריעטע סזאָלד״, דער צווייטער — „חנה סענעש״ און צוריק מיט עטלעכע יאָר — דער דריטער „וויצאָ״-צענטער א״נ פון „יהודית מאָנטעפיאָרע״. אַ גרויסע צאָל פרויען זיינען אָנגעשלאָסן אין די דאָזיקע דריי „וויצאָ״-צענטערן, וועלכע זיינען אַ טייל פון רעגיאָנאַל „וויצאָ״-צענטער אין לאָמאַס דע סאַמאָראַ. עס ווערט מצד די „וויצאָ״-טוערינס אָנגעפירט אַן אינטענסיווע טעטיקייט פאַר „וויצאָ״, קרן קימת, אויך זיינען אַ טייל „וויצאָ״-טוערינס טעטיק אין

דער אויבנאָן אויף דער פּײַערונג פון 75טן געבוירנטאָג פון בן גוריון

בעריש קוזניעץ ע״ה, ביי אַ מסיבה פון אַ גרופּע עסקנים, האַלט זיין באַגריסונגס־וואָרט אין צוזאַמענהאַנג מיט זיין געשאַנק פאַר גמ״ח־קאַסע אין לאַנוס

די פרויען־קאָמיסיעס פון דער ח. נ. ביאַליק שולע און פון „בית־עם״.

צענדליקער יאָרן שוין, אַז עס עקזיסטירן אין לאַנוס סוב־קאָמיטעטן פאַר קרן קימת לישראל און פאַרן פאַראייניקטן קאַמפּיין — מגבית, אָנגעפירט פון נאַציאָנאַלע יידן וואָס פירן דורך די זאַמלונגען. אַ צייט לאַנג איז געווען פרעזידענט פון מגבית שמואל קופּערבערג און איצט איז דער פאָרזיצער פון מגבית־קאָמיטעט — קאָנטאַדאָר משה פּענדזיק

פון די רייען פון די יוגנט־אָרגאַניזאַציעס: השומר הצעיר, דרור (היינט איחוד הבונים) און הנוער הציוני, זיינען עולה געווען אַ גרויסע צאָל חלוצים, אויך גאַנצע משפחות עולים פון לאַנוס געפינען זיך איצט אין מדינת ישראל.



ביים שענקען פון עסקן בעריש קוזניעץ ע״ה, אַ אייזערנע קאַסע פאַר דער גמילת חסדים־קאַסע „אַחיעזר״ אין לאַנוס. עס שטייען פון רעכטס: בעריש קוזניעץ ע״ה, ה׳ האָלצמאַן ע״ה, יוסף פּאַראַסאָל און יוסף זלאָטניק

אויפנאַמע פאַר דעם געוועזענעם אַרגענטינער אַמבאַסאַדאָר אין מדינת ישׂראל ה׳ ראַדאָלפאָ באַלטיערעס, אין „בית עם”, אין לאַנוס

די פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער פון דער עלטסטער קרעדיט־קאָאָפּעראַטיווע אין לאַנוס: פּרעזידענט סאַול סקלאַדמאַן, סעקרעטאַר מרדכי לאַנדסמאַן און דירעקטאָר יוסף פּאַראַסאָל, ביים צוטיילן הילף פאַר די געליטענע פון דער פאַרפלייצונג אין יאָר 1967

אַ גרופּע עסקנים פון געזעלשאַפטלעכע און נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס אין לאַנוס

א דעלעגאַציע פון קרן קימת־עסקנים פון לאַנוס און אוועזשאַנעדאַ ווערן אויפגענומען אין דער ישׂראל־אַמבאַסאַדע פון שגריר מר אליעזר דורון און פרוי (אין צענטער) אין יאָר 1969

אַ סוב־קאָמיטעט „פריינט פון העברעאישן אוניווערזיטעט" עקזיסטירט אין לאַנוס, וואָס ווערט אָנגעפירט פון ד"ר נחום גאָרעליק, ד"ר מאיר פריבלודאַ, ד"ר אברהם כהן, ד"ר ישראל מנקר, נאָטאַר משה גלאַזמאַן, ברוך באָרד און י. מאָרסאָן.

די יידיש־העברעאישע שולע ח. נ. ביאַליק

מיר האָבן בכיוון געלאָזט אויף לעצט צו באַריכטן, ווען אפילו נאָר בקיצור, וועגן אונדזער יידישער שולע אין לאַנוס, ווײַל זי איז דאָס קרוין־ווערק פון אַלע אונדזערע אינסטיטוציעס און ווי זאָגט מען דאָס: אחרון, אַחרון חביב. ביז מיט 25 יאָר צוריק זײַנען געווען דרײַ באַזונדערע שולעס, ווי מיר האָבן פריער, דרך אגב, דערמאָנט, איינע אין ווישאַ אינדוסטריאַלעס, אַ צווייטע אין לאַנוס גופא, די ח. נ. ביאַליק־שולע און אַ דריטע — וואָס איז געווען אָנגעפירט פון אַזוי גערופענעם „פראָגרעסיוון" פרץ־קלוב און אין אָט די אַלע דרײַ שולעס, האָבן געלערנט אַ רעדוצירטע צאָל קינדער. האָבן די נאַציאָנאַלע עסקנים: ישראל האָניק, יוסף פּאַראַסאָל און איסר קאַמינסקי, צוזעענדיק דעם צושטאַנד אין דעם חינוך פון די יידישע קינדער אין לאַנוס, אַז מיט צעטיילטע כוחות קען מען ווײַט ניט אַוועקגיין און פּראָגרעסירן, האָט מען זיך באַראַטן וועגן דעם אָנגעווייטיקטן ענין און פון ווערטער איז מען אַריבער צו מעשים. פיל מי, אָנשטרענג און צײַט האָבן די אויבנדערמאָנטע עסקנים אַוועקגעגעבן, ביז עס איז זיי געלונגען צו פאַראייניקן אַלע דרײַ שולעס אין איין גרויסער יידיש־העברעאישער „חיים נחמן ביאַליק"־שול. אוודאי פאָדערט זיך אַ גרויסער ביודזשעט אויסצוהאַלטן די שולע, מיט אַ פאַרגרעסערטער צאָל תלמידים און אַ גרויסן שטאַב לערער אאַ"וו, האָבן מיר אין לאַנוס, ווי מיר האָבן פריער דערמאָנט, דרײַ קרעדיט־קאָאָפּעראַטיוועס, אָנגעפירט פון נאַציאָ-

די פאַרוואַלטונג פון דער קרעדיט־קאָאָפּעראַטיווע „לאַנוס" אין 1970
פּרעזידענט, לעאָן אַספּיס; וויצע־פּרעז. אברהם זינאַוועץ; סעקרעטאַר, יוסף קראַוס; פּראָ־סעקר. בערנאַרדאָ ווגליטשער; קאַסיר, שיקע קופּערבערג; פּראָ־קאַסיר, סאַמועל לוסטגאַרט. וואָקאַלן: יוסף פּאַראַסאָל, אָסקאַר בוקס, יודל לייבטער, איסאַק ווערבין, איסאַק ראָזנבערג. וואָקאַלן סופּלענטעס: משה טאָקער און מאַרדוך סאַפּאָזשניק. סינדיקאָס: שואל סקלאַדמאַן און סאַמועל קריוואָפּיסק

פראָנט פון דער געבײַדע פון דער קרעדיט־קאָאָפּעראַטיווע „לאַנוס”

נאָלע ייִדן, און די שולע ווערט מצד זיי געשטיצט און סובסידירט מיט אַלעם נויטיקן. אין יאָר 1967 ווען די שולע אונטער דער אָנפירונג פון פּרעזידענט אשר זעליג קאַנעווקא, סעקרעטאַר יעקב שניידערהויז און קאַסיר משה אַספּיס, האָבן באַשלאָסן אײַנצואָרדנען אַ קינדער־גאָרטן אויפן נאָמען פון „חנה סענעש”, האָבן די דרײַ קאָאָפּעראַטיווס באַצאָלט דעם גאַנצן באַטרעף פון דעם בנין וואָס איז געקויפט געוואָרן פאַרן קינדער־גאָרטן און איצט ווערט דורך זיי, ווי שוין דערמאָנט, געבויט דער גרויסער בנין פאַר דער שולע.

אַגב, וועלן מיר דאָ באַמערקן, אַז די שולע באַקומט אויך סובסידיעס פון דער קהילה אין בוענאָס־אײַרעס און פון דער קהילה אין לאָמאַס דע סאַמאָראַ.

ביי הײַנט צו טאָג, לערנען אין שול אַריבער 200 קינדער, כן ירבו, אָנגעפירט פון דירעקטאָר דוד לעוו און אַ שטאַב לערער, וועלכער דער גרעסטער טייל פון זיי, זיינען געוועזענע תלמידים פון דער ה. נ. ביאַליק־שול אונדזערער, און מיט אַ באַזונדער צופרידנהייט און שטאָלץ שטרײַכן מיר אונטער דעם פאַקט, וואָס 40 תלמידים וואָס האָבן געענדיקט די שולע אין לאַנוס, לערנען איצט אין די סעמינאַרן אין דער הויפּטשטאָט און פון אַוועזשאַנעדאַ.

און די שול־עסקנים? כמעט אַלע יונגע עלטערן פון קינדער, פון אַזוי־גערופענעם צווייטן דור, זיינען טעטיק אין דער שול־פאַרוואַלטונג, פּרעזידירט פון יונגן שול־עסקן מרדכי גאַלוז און שטרעבן דערצו, אַז די שולע וואָס וועט זײַן אַ אינטעגראַלע (נאָכדעם ווי דער בנין וועט פאַרענדיקט ווערן) זאָלן אַלע יידישע קינדער אין לאַנוס און אומגעגנט (איצט באַזוכן די שולע נאָר 50 פּראָצענט) באַקומען צוגלײַך מיט די אַלגעמיינע לימודים אויך אַ יידישע אויסבילדונג און דערציאונג.

:: :: ::

פון אָט דעם קורצן איבערזיכט, איז צו זען, אַז אין דעם יידישן ישוב אין לאַנוס און זײַנע אינסטיטוציעס, מיט אַכט אייגענע בנינים (פרײַ פון חובות) ווערט געפירט אַ כמו קהילה־טעטיקייט אויף פאַרשידענע געביטן פון יידיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן, אָבער קען ניט פיגורירן אַלס אַ קהילה ניט האָבנדיק קיין אייגענעם בית עלמין, ווי עס זאָגט דער רעגלאַמענט פון ועד הקהילות.

די לאַנוסער יידישע באַפעלקערונג, וועלכע ווערט געשאַצט ביי די 700 משפחות, זיינען אין רוב אָנגעשלאָסן אין דער קהילה אין בוענאָס־אײַרעס און אַ טייל — אין דער קהילה פון לאָמאַס דע סאַמאָראַ, האָבנדיק פאַרשטייער אין ביידע קהילות אין פאַרשידענע פעריאָדן. אין בוענאָס־אײַרעסער קהילה האָבן פאַרנומען פאַרשידענע אַמטן אייניקע פעריאָדן: איסר קאַמינסקי, יוסף פאַראַסאָל און אין דער קהילה פון לאָמאַס אַ ריי פעריאָדן: עובדיה ביבער, לייבל באַקלער, אליהו מנקר, יצחק שיף, ירחמיאל זינאָוועץ, אברהם זינאָוויעץ יוסף זלאַטניק,

שמואל קופּערבערג, בעריש קוזניעץ ע"ה און אשר גרינשטיין ע"ה.

אויך אין דער שטאָט־פאַרוואַלטונג פון לאַנוס, די אַ"ג „קאָנסעכאָ דעליבעראַנטע", זיינען אייניקע פעריאָדן געווען פאַרטראָטן די לאַנוסער תושבים: מאַטעאָ אָסטראָווסקי, מאַרקאָס בוזשאַנאָווסקי און אַ פּאָר פעריאָדן געווען געזונטהייטס־סעקרעטאַר ביי דער לאַנוסער מוניציפּאַליטעט ד"ר בערנאַרדאָ גרינשטיין.

⁂

מיר האָבן אין אונדזער איבערבליק, אָנגעוויזן נאָר אין ראשי פּרקים, אַזוי צו זאָגן, פון דעם אַנטשטיין פון יידישן ישוב אין לאַנוס און זיינע אינסטיטוציעס במשך די 60 יאָר ((אָדער מער) עקזיסטענץ, אויסמיידנדיק די כראָנאָלאָגישע דאַטן פון זייער גרינדונג און די גרויסע מחנה עסקנים, געזעלשאַפטלעכע טוער, במשך אַזאַ לאַנגן צייט־אָפּשניט. עס איז פאַרשטענדלעך, אַז דאָס פאָדערט צייט און געדולד נאָכצוזוכן אין די אַרכיוון פון פאַרשיידענע אינסטיטוציעס, אויסהערן עסקנים, געז.־טוער און גרינדער וועלכע זיינען נאָך ב"ה פאַראַן צווישן אונדז, אַ זאַך וואָס וועט אפשר, האָפן מיר, געטון ווערן ביי אַן אַנדער פּאַסיקער געלעגנהייט. אַגב, איז אין דעם אַלמאַנאַך וואָס די קהילה אין לאָמאַס דע סאַמאָראַ גיט אַרויס צו איר 60 יאָריקן יובילייִ, נישט דאָס פּאַסיקע פּלאַץ פאַר אַזאַ אַרבעט.

ווילן מיר פאַרענדיקן מיט ווינטשן סיי דער קהילה אין לאָמאַס און דעם גאַנצן יידישן ישוב פון אומגעגנט אונדזער לאַנוסער ישוב בתוכם, אַז מיר זאָלן דערלעבן צו פייערן די ווייטערדיקע יובילייען פון אונדזערע ביידע יידישע ישובים און זייערע אינסטיטוציעס אין צייט פון שלום ומנוחה אויף דער גאַנצער וועלט און באַזונדער זאָל זיין שלום על עם ישראל ומדינת ישראל.



די פאַרוואַלטונג פון „אוניאָן איזראַעליטאַ — אחדות ישראל" אין לאַנוס אין די לעצטע יאָרן עס שטייען: פון רעכטס: נטע מאַצקין, ישראל הערליך, בערל מאָסקאָוויטש, אהרן סירקאָוויטש, פייוול רויזן, יוסף קראַוס, בערל קליינער, איסאַאַק זאַלץ, פּנחת שוחט און איסר קאַמינסקי. עס זיצן פון רעכטס: אַברהם רעזניק, יונה פּריבלודאַ, עובדיה ביבער, שלמה וויטקאָפ ((פּרעזידענט), משה נעמיראָווסקי און יצחק פּריבלודאַ

מאָנטעגראַנדע

נאָענט צו לאָמאַס געפינט זיך דאָס דאָזיקע שטעטעלע. ביז אין יאָר 1930 בערך, האָבן דאָרט געוווינט, געציילטע עטלעכע יידישע משפחות, וועלכע זיינען געווען אָנגעשלאָסן אַלס מיטגלידער אין דער לאָמאַסער קהילה און די יוגנט — אין דער „אַטענעאָ״ אין לאָמאַס.

קיין לאָקאַלע יידיש־געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס זיינען נישט געווען, אָבער די מאָנטעגראַנדער יידן, אין יענער צייַט, זיינען דאָך געווען געזעלשאַפטלעך טעטיק אין דער קהילה אין לאָמאַס, ווי צ״ב: משה בערלין ע״ה, יצחק קוילע ע״ה און יל״א אהרן קלינאָוו, כוליאָ קוילע א״אַ און אין אַנדערע נאַציאָנאַלע און געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס אין לאָמאַס.

אַ זעלבסטשטענדיקע געזעלשאַפטלעכע אַקטיוויטעט, האָט זיך אָנגעהויבן מיט דעם באַזעצן זיך פון נאָך עטלעכע יידישע משפחות מיט די לאָמאַסער תושבים, די ברידער אַברהם און אפרים פייַערשטיין בראש, וועלכע האָבן זייער געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט „אַריבערגעפירט״ אויך קיין מאָנטעגראַנדע און עס האָבן זיך אָנגעהויבן שאַפן קאָמיטעטן און גרינדן אינסטיטוציעס, ווי מיר וועלן דאָס פאַרצייכנען ווייַטער לויטן סדר פון זייער גרינדונג, לויט די דאַטן וואָס עס האָט אונז איבערגעגעבן דער נאַציאָנאַל־געזעלשאַפטלעכער עסקן אַברהם פייַערשטיין.

אין יאָר 1949, האָבן אייניקע פערזאָנען געשאַפן אַ סוב־קאָמיטעט פאַרן פאַרייניקטן קאַמפיין, וועלכע האָבן דורכגעפירט זאַמלונגען צווישן די מאָנטעגראַנדער יידן און אין די צו מ.־גראַנדע נאָענטע שטעטלעך, ווו געציילטע יידישע משפחות וווינען. כדאי צו באַמערקן, אַז אין 1948, ווען עס איז אויפגעשטאַנען צום לעבן מדינת ישראל, האָבן די עסקנים פון מאָנטעגראַנדע אַהרן קלינאָוו און אברהם פייַערשטיין פון אַדראָגע, שלום וואַקס ע״ה און פון לאָמאַס זלמן טערעביזשניק, דורכגעפירט אַ זאַמלונג פאַרן פאַרייניקטן קאַמפיין אין מאָנטעגראַנדע און זייַנען אויך געפאָרן אין נאָענטן שטעטל קאַניועלאַס, און אין הויז פון בערנאַרדאָ מינדעל (איצט אַ תושב אין לאָמאַס) איז פאָרגעקומען אַ פאַרזאַמלונג. פון די עסקנים מיט די דאָרטיקע יידן, וועלכער האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ יום טוב און עס איז ביי דער געלעגנהייט געזאַמלט געוואָרן פאַר מדינת ישראל.

בעת דער גרינדונג פון פריער דערמאָנטן ס. ק. פאַרן פאַרייניקטן קאַמפיין, איז אויך געוויילט געוואָרן אַ פראָוויזאָרישע קאָמיסיע פאַר דער יידישער שולע מיט אַהרן קלינאָוו און אַברהם פייַערשטיין אַלס פרעזידענט און סעקרעטאַר רעספעקטיוו און נאָך אייניקע עסקנים, וועלכע האָבן די יידישע שולע אונטערן נאָמען „חיים ווייצמאַן״ געגרינדעט און יידישע קינדער באַקומען אַ יידישע דערציאונג.

אין אַ קורצער צייַט, נאָך דעם ווי עס איז געגרינדעט געוואָרן דער ס.ק. פאַרן פאַרייניקטן קאַמפיין און די שולע, איז אויך דורך אַ גרופע פרויען געשאַפן געוואָרן די וויצאָ־גרופע „דבורה עפשטיין״ אין מ. גראַנדע, וועלכע פירן דורך אָפט יום־טובים, פושקעס־אויסליידיקונגען אאַ״וו.

אין יאָר 1960 האָט די „וויצאָ״ אין מ. גראַנדע דורכגעפירט אַ יום טוב, אין וועלכן עס האָבן אָנטייל גענומען אַלע מ. גראַנדער יידן, פאָרשטייער פון לאָמאַסער קהילה: יצחק שטרעכער און זלמן טערעביזשניק און דער באַוווסטער עסקן און נדבן נח קאַצאָוויטש. אויף דעם דאָזיקן יום טוב, האָט אַברהם פייַערשטיין אין זייַן וואָרט צוו. אַנדערן, אַרויסגעזאָגט דעם געדאַנק, אַז עס וואָלט געווען פון גרויס וויכטיקייט, ווען מאָנטעגראַנדער יידישע אינסטיטוציעס זאָלן האָבן אַן אייגענעם בנין, דאַן וואָלט די אַרבעט פון די עסקנים געקענט פיל אויסגעברייטערט ווערן. דער פאָרשלאַג פון אַברהם פייַערשטיין איז מיט באַגייַסטערונג

אויפגענומען געוואָרן פון אַלע אָנוועזנדע. באַזונדער איז ווערט צו אונטערשטרײַכן די באַשטײַערונג פון ה׳ נח קאַצאָוויטש, פון 20 פּראָצענט פון דעם באַטרעף פון הויז, וואָס איז געקויפט געוואָרן אַ דאַנק דער פאַרמיטלונג פון ה׳ דוד בערלין און געפינט זיך אויף דער גאַס איריגאָזשען 37 אין צענטער פון מאָנטעגראַנדע, וואָס איז געוואָרן די „בית עם“ פאַר מאָנטעגראַנדער ייִדן און זייערע אינסטיטוציעס.

די פאַרוואַלטונג פון „בית עם“ בעת דער גרינדונג, איז געווען פאָלגנדע:

ערן־פּרעזידענט — נח קאַצאָוויטש, פּרעזידענט אַברהם פײַערשטיין, וויצע־פּרעזידענט — אַהרן קלינאָוו, סעקרעטאַר — אַברהם כהן; פּראָ־סעקרעטאַר — אַדאָלפאָ קיטעל; קאַסיר — כוליאָ קוילע; פּראָ־קאַסיר — מאַנועל בערלין. וואָקאַלן: דוד בערלין, יוסף בורשטיין, לעאָן ענטענבערג און אַדאָלפאָ גאָראָכאָווסקי. רעכנונג־איבערזעערס: אפרים פײַערשטיין און יעקב לעווינסאָן ע״ה.

די איצטיקע פאַרוואַלטונג איז פאָלגנדע: פּרעזידענט, אַברהם פײַערשטיין; וויצע, דוד בערלין; סעקרעטאַר אין שפּאַניש, בערטאַ דע גאָלדענטשער; סעקרעטאַר אין ייִדיש, לעאָן ענטענבערג; קאַסיר, ראָסאַ דע בורשטיין; פּראָ, יעקב גאָלדנטשער. וואָקאַלן: יוסף, בורשטיין, אַאידאַ דע בערלין, פאַני דע פײַערשטיין, אַנאַ דע בערלין, סאַבינאַ דע פײַערשטיין, טשעלאַ דע קאַץ, און מאַנועל בערלין. סינדיקאָ: אפרים פײַערשטיין.

אין זעלביקן יאָר 1960, איז געשאַפן געוואָרן אַ סוב־קאָמיטעט פאַרן קרן קימת, וועלכע גיבן זיך אָפּ מיט זאַמלען פאַרן נאַציאָנאַל־פאָנד, אויף פּריוואַטע שמחות און ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן. די ערשטע פאַרוואַלטונג פון דער קרן קימת־סובקאָמיסיע, איז געווען פון די פאָלגדע עסקנים: פּרעזידענט, אַברהם פײַערשטיין; וויצע, אַהרן קלינאָוו; סעקרעטאַר, אברהם כהן; פּראָ, לעאָן ענטענבערג; קאַסיר, ראָסאַ דע בורשטיין; פּראָ, כוליאָ קוילע. וואָקאַלן: אַנאַ דע בערלין, יעקב לעווינזאָן ע״ה, אַאידאַ דע בערלין, פאַני דע פײַערשטיין און דוד בערלין. רעכנונגס־איבערזעער:

די פאַרוואַלטונג פון דער ייִדיש־העברעאישער שולע „חיים ווייצמאַן“
אין מאָנטע־גראַנדע, אין יאָר 1970

עס זיצן פון רעכטס: פאַני דע פײַערשטיין, נח קאַצאָוויטש (ערן־פּרעזידענט), אברהם פײַערשטיין (פּרעזידענט), בערטאַ גאָלדענשער און ראָזאַ בורשטיין. עס שטייען פון רעכטס: אפרים פײַערשטיין, דוד בערלין, פרוי בערלין, מיגעל בערלין, פרוי בערלין, יעקב גאָלדענשער און יוסף בורשטיין

אפרים פײַערשטיין און מאַנועל בערלין. די טעטיקייט פאַרן קרן קימת ווערט פאַרגעזעצט פון די אויבנדערמאָנטע עסקנים און אַ רײ אַנדערע צוגעקומענע לעצטנס, לויט די אומשטענדן און רעדוצירטער צאָל יידישע אײַנוווינער אין דער געגנט.

אויף דער איניציאַטיוו פון אברהם פײַערשטיין און לעאָן ענטענבערג און מיט דער מיטהילף פון ועד הקהילות, וועלכער האָט געשאָנקען אַ ספר תורה, איז אײַנגעאָרדנט געוואָרן אין בית עם אַ שיל וווּ ס׳ווערן אויך דורכגעפירט בר־מצוות, אַ נאָמען געבן אַ נײַ־געבוירן קינד, יאָרצײַטן אאַ״וו. די פאַרוואַלטונג פון בית הכנסת זיינען אברהם פײַערשטיין, לעאָן ענטענבערג, יוסף בורשטיין, אפרים פײַערשטיין, דוד בערלין און יעקב גאָלדנטשער. ביים חנוכת הבית פון שיל איז אַרײַנגעפירט געוואָרן די ספר תורה און דורכגעפירט געוואָרן אַ סיום הספר יום טוב מיטן אָנטייל פון הרב שלמה בן חמו און חזן גרשון קופּערשטאָק און די פאָרשטייער פון דער קהלה אין לאָמאַס דע סאַמאָראַ, פרעזידענט יצחק שטרעכער און סעקרעטאַר זלמן טערעביזשניק און אַלע יידישע אײַנוווינער פון מאָנטע גראַנדע.

אויך אַ קרעדיט־קאָאָפּעראַטיווע איז געשאַפן געוואָרן אין יאָר 1961, מיטן צוועק צו שטיצן די יידישע שול מיט 40 פּראָצענט פון די דיווידענדן און מיט 20 פּראָצענט פאַרן מגבית. די גרינדער פון דער קאָאָפּעראַטיווע זיינען פּרעזידענט אפרים פײַערשטיין, וויצע כוליאָ קווילע, סעקרעטאַר ראובן ברויטמאַן, פּראָ — יעקב גאָלדענטשער, קאַסיר אַדאָלפאָ קיטעל, פּראָ — יוסף בורשטיין. וואָקאַלן: דוד בערלין, אברהם כהן, לעאָן ענטענבערג, אַדאָלפאָ גאָראָכאָווסקי און מאַנועל בערלין. סינדיקאָ — אַברהם פײַערשטיין.

די איצטיקע פאַרוואַלטונג פון דער קרעדיט־קאָאָפּעראַטיווע איז פאָלגנדע: פּרעזידענט אפרים פײַערשטיין, סעקרעטאַר יוסף בורשטיין, קאַסיר יעקב גאָלדענטשער, וואָקאַלן: דוד בערלין, אַדאָלפאָ קיטעל און לעאָן ענטענבערג. סינדיקאָ, אַברהם פײַערשטיין.

אַדראָגע

אַ קליינער ישוב פון אַ פאָר צענדליק יידישע משפחות, אַלע אָנגעשלאָסענע אין דער קהילה אין לאָמאַס דע סאַמאָראַ, ווערט אָבער אויך געפירט אַן אייגן יידיש-געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט אויף פאַרשידענע געביטן. אַגב, שוין אין יאָר 1910, בעת ס'איז געגרינדעט געוואָרן די כנסת ישראל „ד״ר הרצל” אין לאָמאַס, האָבן שוין געוווינט אין אַדראָגע עטלעכע יידישע משפחות. באַזונדער איז צו פאַרצייכענען די פאַמיליע סלאַפאַק, וועלכער זייער ראש השפחה מאיר יונה סלאַפאַק ע״ה, איז געווען דער גורם, וואָס אַדאַנק אים, איז צוגעגאַנגען די שנעלע אָרגאַניזירונג פון דעם דאַן אַזוי-גערופענעם פאַריין „ד״ר הרצל” אין לאָמאַס, ווי עס ווערט אויספירלעך געשריבן אין דער געשיכטע פון דער אינסטיטוציע.

עס האָבן במשך אַ ריי יאָרן געוווינט אין אַדראָגע אויך אַזעלכע נאַציאָנאַלע יידן, טעטיקע אין די ציוניסטישע מוסדות און קרנות, ווי די משפחה אַלעסקער, שלום וואָקס ע״ה, אייזעל סלאַפאַק ע״ה און אין די לעצטע יאָרן זיינען אויך טעטיק אַ צאָל געזעלשאַפטלעכע טוער אין איניקע אינסטיטוציעס, וואָס זיי האָבן געגרינדעט, נעמענדיק, גלייכצייטיק אַנטייל מיט זייערע פאַרשטייער אין דער פאַרוואַלטונג פון דער לאָמאַסער קהילה.

דער קולטור-צענטער „שלום עליכם” אין אַדראָגע, איז געגרינדעט געוואָרן דעם 10טן נאָוועמבער פון יאָר 1944. די ערשטע פאַרוואַלטונג איז געווען פאָלגנדע:

פרעזידענט — אַברהם איינהאָרן;
סעקרעטאַר — יצחק טשעסלער;
קאַסיר — אַברהם ראָפּע;
וואָקאַלן: שמואל שערער, אַברהם קאַשטאַן, שמעון ריפסקי, חיים טשעסלער, משה בורשטין, חיים צימערמאַן און יוסף בורשטיין.

דער דאָזיקער קולטור-צענטער האָט דורכגעפירט פון צייַט צו צייַט, קולטור-אַקטן און אונטערנעמונגען ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן, אין זייער אייגן-דערוואָרבן הויז אויף דער גאַס טאָלל 1650 און לעצטנס ווערט געפירט די טעטיקייט פון דער אינסטיטוציע אין נייעם בנין אויף דער גאַס סאַנטשעז 1531 אין אַדראָגע.

ביי דעם דאָזיקן קולטור-צענטער איז אויך געגרינדעט געוואָרן אַ יידישע שולע, וועגן וועלכער מיר קענען דאָ נישט איבערגעבן קיין גענויע דאַטן פון איר גרינדונג, אירע אָנפירער, צאָל קינדער און אַזוי ווייטער, ווייל עס זיינען אונדז אַזעלכע דאַטן נישט צוגעשטעלט געוואָרן.

די איצטיקע פאַרוואַלטונג איז פאָלגנדע:

פרעזידענט — יעקב סאַפאָסניק;
וויצע-פרעזידענט — יוסף נוסבוים;
סעקרעטאַר — מאַוריסיאָ לאָדיזשינסקי;
פראָ-סעקרעטאַר — ד״ר מאַריאָ דאָליצקי;
קאַסיר — אַלבערטאָ גאָלדבערג;
פראָ-קאַסיר — לעאָנאַרדאָ טייטלבום.
וואָקאַלן: כאָרכע קעמפלער, גוסטאַוואָ מאַטשאַראָסקי, פעדראָ טענענבוים, איסאַק פעלדמאַן און כוליאָ דראַנזשיק.
וואָקאַלן-פאַרטרעטער: מאַוריסיאָ גאָלדנבערג, מאַוריסיאָ מאַטוס און סאַמועל נאַראָסקי.
רעכענונג-איבערזעער: כאָסע נאַראָסקי און כאָסע בערנשטיין.

אַ סוב-קאָמיטעט פאַרן קרן קימת לישראל, איז פאַראַן אין אַדראָגע, אין וועלכן עס זיינען טעטיק די עסקנים לעאָפאָלדאָ אַראָנאָוויטש אַלס פרעזידענט, סעקרעטאַר שלמה קאַמענעצקי, קאַסיר ה' פורמיגאַזש און יוסף נוסבוים.

אין סוב-קאָמיטעט פאַרן מגבית, זיינען טעטיק די עסקנים יעקב סאַפאָזשניק, יוסף נוסבוים און ה' גאָלדבערג.

די פרויען וועלכע גיבן זיך אָפּ מיט דער טעטיקייט פאַר דער „וויצאָ” און זיינען פאַרטרעטן אין ראַיאָן-קאָמיטעט, זיינען: קלאַראַ סאַפאָזשניק, ראָסאַ אַלעסקער און אַנדערע.

בילדער פון פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער,
עסקנים און געזעלשאַפטלעכע טוער

אין לאַמאַס דע סאַמאָראַ און אומגעגנט*)

---

*) די בילדער זיינען אויסגעשטעלט לויטן סדר פון א״ב.

יעקב אַלעסקער

עקס פאַרוואַלטונגס־מיטגליד, עסקן אין געז. אינסטיטוציעס אין לאָמאַס און אַדראָגע

לייבל באַקלער

עקס פאַרוו.־מיטגליד אַ ריי פעריאָדן, נאַציאָנאַלער עסקן אין אַ ריי אינסטיטוציעס אין לאָמאַס און לאַנוס

בצלאל באַלער

עקס פאַרוו.־מיטגליד אַ ריי פעריאָדן, רעדאַקטאָר פון די אַלמאַנאַכן פון דער קהילה אין לאָמאַס אין די יאָרן 1945 און 1970



אינזש. לואיס בישוטי

עקס פאַרוו.־מיטגליד. אונטער זיין דירעקציע „אַד האָנאָרעם", ווערט איצט איבערגעבויט דער בנין פון דער קהילה אויף גאַריטי 333



מענדל באַרנשטיין

עקס פאַרוואַלטונגס־מיטגליד אַ ריי פעריאָדן, געז. עסקן

מאַנועל בערלין

געוועזן פאַרוו.־מיטגליד אין דער קהילה פון לאָמאַס, געז. טוער אין די אינסטיטוציעס פון מאָנטע־גראַנדע

מאַרקאָס בערנשטיין

עקס פאַרוואַלטונגס־מיטגליד אין פאַרשיידענע פעריאָדן

בערל גאַללער

עקס פרעזידענט, געוו. קאַסיר איצטיקער וויצע־פרעזידענט א"אַ אַמטן פאַרנומען. נאַצ. געז. עסקן

משה גאָלדמאַן

פון די ערשטע מיטגלידער. עקס פאַרוואַלטונגס־מיטגליד אַ ריי פעריאָדן, געז. עסקן אין לאָמאַס און עסקאַלאַדאַ

לעאָן גיטין

עקס פאַרוואַלטונגס־מיטגליד, טע־
טיק אין פאַרשיידענע געז. און
נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס

אינזש. מלך דאַדיוק

סעקרעטאַר פון דער קהילה אין
איצטיקן פעריאָן 1970, א״אַ
אַמטן פאַרנומען אייניקע
פּעריאָדן

פאַביאָ דיק

עקס סעקרעטאַר פון דער קהילה,
סעקרעטאַר פון מגבית און קרן
קימת־קאָמיטעט אין לאָמאַס אין
די לעצטע יאָרן



דאַניאל דיק

יונגער געז. עסקן אין „אַטענעאָ"
פון לאָמאַס א״אַ אינסטיטוציעס.
קאָנטאַדאָר פון דער קהילה

יעקב האָלוב

איצטיקער און געוו. פאַרוו.־מיט־
גליד אייניקע פעריאָדן אין דער
קהילה, גבאי פון בית הכנסת

קאַרלאָס האָלוב

עקס פאַרוואַלטונגס־מיטגליד, יונ־
גער געזעלשאַפטלעכער עסקן אין
דער „אַטענעאָ" א״אַנד
אינסטיטוטוציעס

עדואַרדאָ האַרצנשטיין

עקס סעקרעטאַר פון דער קהילה
און אַנדערע אַמטן פאַרנומען אין
פאַרשיידענע פעריאָדן

מאַוריסיאָ האָלקום

פאַרוואַלטונגס־מיטגליד אין לוי־
פנדן פעריאָד 1970, יונגער געז.
נאַציאָנאַלער עסקן

וואָלף וואַרשאַווסקי

געוועז וויצע־פרעזידענט, קאַסיר
און אַנדערע אַמטן פאַרנומען
אייניקע פעריאָדן, געז. עסקן אין
אַ ריי אינסטיטוציעס

סאַמועל ווײַנער

עקס וויצע־פּרעזידענט, עקס קאַסיר א״א אַמטן א ריי פעריאָדן, געז. טוער אין אינסטיטוציעס פון עסקאַלאַדאַ

מאַוריסיאָ ווײַנער

אקטן־סעקרעטאַר אין איצטיקן פעריאַד און פאַרשיידענע אַמטן פאַרנומען אין פריערדיקע פעריאָדן

איסאַק ווײַסמאַן

עקס פאַרוואַלטונגס־מיטגליד פון דער קהילה אין לאָמאַס, טעטיק אין פאַרשיידענע אינסטיטוציעס

יעקב זאַק

לאַנג־יאָריקער פאַרוו.־מיטגליד, גבאי אין בית הכנסת, עסקן אין רעליגיעזע און נאַצ. הצטרכותן

יוסף זלאָטניק

פיל־מאָליקער פאַרוו.־מיטגליד, שול־עסקן, טעטיק אין געז. און נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס אין לאָמאַס און עסקאַלאַדא

וואָלף זאָמערפלעק

עקס וויצע־פּרעזידענט פון דער קהילה, פאַרזיצער פון מגבית אין די לעצטע יאָרן, געז. עסקן

ירחמיאל זינאָוויעץ

עקס פאַרוואַלטונגס־מיטגליד אייניקע פעריאָדן, געזעלשאַפטלעכער און נאַצ. עסקן אין לאַנוס

אַברהם זינאָוויעץ

געוועזן פאַרוו.־מיטגליד אייניקע פעריאָדן, עסקן אין די לאַנוסער געז. און נאַצ. אינסטיטוציעס



ד״ר אַברהם זאָמערפלעק

עקס פאַרוואַלטונגס־מיטגליד, יונגער געזעלשאַפטלעכער עסקן אין „אַטענעאָ" אין לאָמאַס א״אַנד

זלמן טערעביזשניק

עקס סעקרעטאַר א״אנד אמטן פאַרנומען במשך אייניקע פעריאָדן, קאָרעספּאָנדענט פון „די יידישע צייטונג״, נאַציאָנאַלער עסקן

ישראל כהן

עקס קאַסיר און אַ ריי אנדערע אמטן פאַרנומען אין פאַרשיידענע פעריאָדן, נאַציאָנאַלער און געזעלשאַפטלעכער עסקן

אפרים לאַזאָוויק

געווען אין דער פאַרוואַלטונג פון דער קהילה אין פאַרשיידענע פעריאָדן

משה ליבערס

א לאַנגע צייט געווען יאָר־חזן אין בית הכנסת, וואָס ביי דער קהילה אין לאָמאַס

סאַמועל מינדעל

פאַרוואַלטונגס־מיטגליד אין דער קהילה אין לויפנדן פעריאָד 1970, נאַציאָנאַל־געז. און שול־עסקן

עליאַס מענאַקער

עקס פאַרוואַלטונגס־מיטגליד נאַציאָנאַל־געזעלשאַפטלעכער עסקן אין לאַנוסער אינסטיטוציעס



יוסף נוסבוים

פאַרוואַלטונגס־מיטגליד אין פאַרשיידענע פעריאָדן, עסקן אין די נאַצ. אינסטיטוציעס אין אדראָגע

סאַול סאַפיר

איינציקער לעבנס־געבליבענער (עד מאה ועשרים) פון די גרינדער פון דער כנסת ישראל „ד״ר הרצל״ — היינט קהילה אין לאָמאַס דע סאַמאָרא

איסאַיאַס סמוד

עקס פאַרוואַלטונגס־מיטגליד אויף פאַרשיידענע אַמטן אין דער קהילה, געז. עסקן אין עסקאַלאַדאַ

לואיס סמוד

געוועזענער סעקרעטאַר, איצטיקער פּראָ־סעקרעטאַר, נאַציאָנאַל־געזעלשאַפטלעכער עסקן אין לאָמאַס און עסקאַלאַדאַ

ראָסאַריאָ סיקולער

עקס סעקרעטאַר פון דער קהילה, געזעלשאַפטלעכער עסקן אין אַ ריי נאַציאָנאַלע און פינאַנץ־אינסטיטוציעס

ד״ר ישראל סימקין

קאַסיר פון דער קהילה אין לויפנדן פעריאָד 1970, שול־טוער אין נאַציאָנאַל־געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס

משה סאַנטימער

געוועזענער פאַרוואַלטונגס־מיטגליד אין פאַרשיידענע פעריאָדן אויף אַ ריי אַמטן

ירמיהו סווירינסקי

עקס פאַרוואַלטונגס־מיטגליד פון דער קהילה אין לאָמאַס במשך אייניקע פעריאָדן

אַברהם פייערשטיין

עקס וויצע־פּרעזידענט פון דער קהילה און אַנדערע אַמטן פאַרנומען, עסקן אין די אינסטיטוציעס פון מאָנטע־גראַנדע

דוד פעללער

געזעלשאַפטלעכער און נאַציאָנאַלער עסקן, עקס פאַרוו.־מיטגליד, געוו. גבאי אין בית הכנסת

אפרים פייערשטיין

עקס וויצע־פּרעזידענט און אַנדערע אַמטן פאַרנומען במשך אייניקע פעריאָדן, עסקן אין די אינסטיטוציעס פון מ. גראַנדע

הערמאַן פרישוואַסער

עקס פאַרוואַלטונגס־מיטגליד אין אייניקע פעריאָדן, גבאי פון בית הכנסת



משה פּענדזיק

פאַרוואַלטונגס־מיטגליד אין לויפנדן פּעריאָד 1970, עסקן אין דער אינטעגראַלער שולע אין לאַמאַס

יונה פּרעגער

עסקן אין פאַרשיידענע יידיש־נאַציאָנאַלע און געז. אינסטיטוציעס אין עסקאַלאַדאַ און לאַנוס

יוסף צווייג

עקס פאַרוואַלטונגס־מיטגליד אין פאַרשיידענע אַמטן אין דער קהילה, עסקן אין עסקאַלאַדער אינסטיטוציעס

חיים קאַסטעלאַן

פרעזידענט פון דער קהילה אין לויפנדן פּעריאָד 1970, עקס סעקרעטאַר און קאַסיר אייניקע פּעריאָדן

ענריקע קודלאַטש

עקס פרעזידענט פון דער קהילה, עסקן אין די סוב־קאָמיטעטן פון מגבית, קרן קימת און אַנדערע אינסטיטוציעס

מאַרקאָס קערזשנער

פון די ערשטע מיטגלידער, געוועזענער פאַרוו.־מיטגליד אין דער קהילה אויף פאַרשיידענע אַמטן

אַהרן קלינאָוו

געוו. פאַרוואַלטונגס־מיטגליד אין דער קהילה אין לאַמאַס, טעטיק אין די געז. אינסטיטוציעס אין מאָנטע־גראַנדע

שמואל קופּפערבערג

געוועזן פאַרוו.־מיטגליד אייניקע פּעריאָדן אין דער קהילה אין לאַמאַס, טעטיק אין אַ ריי אינסטיטוציעס אין לאַנוס

יצחק רובינשטיין

עקס פרעזידענט, עקס סעקרעטאַר און אַנדערע אַמטן פאַרנומען אין פאַרשיידענע פּעריאָדן

מאַריאָ ראָיסי

עקס פרעזידענט פון דער קהילה
אין דעם פעריאָד 1960־61, טע־
טיק אין געז. און פינאַנץ־
אינסטיטוציעס

יצחק שטרעכער

געוו. פרעזידענט פון דער קהילה
אין פאַרשיידענע פעריאָדן, געוו.
לאַנג־יאָריקער פרעז. פון דער
שולע, נאַצ.־געזע. עסקן

משה שטרעכער

פראַ־קאַסיר אין איצטיקן פעריאָד,
טעטיק אין „אַטענעאַ" און אין
אַנדערע נאַצ.־געז. אינסטיטוציעס

מאַרקאָס שוואַרצמאַן

עקס פאַרוו.־מיטגליד פון דער
קהילה, אין פאַרשיידענע פע־
ריאָדן אויף א רייע אמטן

לעאָן ש לדערגעמיין

עקס פאַרוואַלטונגס־מיטגליד אין
דער קהילה אין לאַמאַס איניקע
פעריאָדן

אַרטיקלען פון שרייבער און זשורנאַליסטן

בנציון ברוקער

דער אָנהייב פון די יידישע קהילות אין מזרח־אייראָפּע

אין די ערשטע יאָרן פון אונדזער עקזיסטענץ אין די תפוצות האָבן מיר געהאַט קהילות, וועלכע זיינען געווען די ראַמען פאַר אונדזער געזעלשאַפטלעכן צוזאַמענלעבן. אין פיל ערטער האָבן די דאָזיקע אָרגאַנען קאָאָרדינירט די אַרבעט פון פאַרשיידענע ישובים און געשאַפן אַ קעגנזייטיקע פאַרבינדונג.

אַזוי איז עס געווען אין נאָענט מזרח נאָכן ערשטן חורבן. די זעלבע לאַגע איז געווען אין די דרום-אייראָפּעאישע לענדער נאָך דער פאַרניכטונג פונעם צווייטן בית-המקדש. אין אַ שפּעטערדיקער תקופה האָבן זיך געשאַפן פאַרצווייגטע קהילות אין מערב-אייראָפּע און פונדאַנען האָבן זיך די יידן צעשפּרייט אין די מזרח-אייראָפּעאישע לענדער און באַזונדערס אין פוילן.

ווי באַקאַנט, האָבן די יידן — אין דערמאָנטן לאַנד — זיך געפונען דירעקט אונטערן רשות פונעם קעניג. ערשט אין 16טן יאָרהונדערט איז די דאָזיקע רעכט אָפּגעטרעטן געוואָרן דער לאָקאַלער מאַכט, די גרויסע גוטבאַזיצער, דעם גובערנאַטאָר (וואָיעוואָדאַ), אָדער דעם קלער. די דאָזיקע א״ד אינסטאַנצן זיינען די יידן געווען פאַרפליכטעט צו צאָלן שטייערן. היות ווי דער דאָזיקער אָפּצאָל איז נישט געגעבן געוואָרן אינדיווידועל איז געווען אַ נויטווענדיקייט צו שאַפן אַ קאָלעקטיוון אָרגאַניזם אויף צו צאָלן שטייערן, אַזוי אַז דאָס אַליין איז געווען אַ שטויס צו אָרגאַניזירן קהילות. אמת, אַזעלכע האָבן שוין עקזיסטירט אין פוילן נאָך אין 13טן יאָרהונדערט, אָבער נישט אין אַזאַ קאָנקרעטער פאָרם, ווי אין דער דערמאָנטער תקופה.

אויסערדעם איז כסדר געשטיגן די צאָל יידן אין פוילן דורך אַ צופלוס פון מערב. די קאָנצענטראַציעס אין די שטעט האָבן אַרויסגערופן קאָנקורענץ, אַזוי אַז ס׳איז געוואָרן נייטיק צו שאַפן נייע ישובים אין די קלענערע ערטער ווו זיי האָבן געדאַרפט גרינדן אינסטיטוציעס אויף צו באַפרידיקן זייערע רעליגיעזע באַדערפענישן. דאָס אַליין איז געווען דער אָנהייב פון דער קהילה, פאַר וועלכער ס׳זיינען מיט דער צייט, דערשינען נייע אויפגאַבעס.

זייער אָפט האָבן פאַרשיידענע פאַקטאָרן געפאָדערט, אַז די יידן זאָלן וווינען אָפּגעזונדערט. געווען אויך פאַלן, ווען דער יידישער ציבור האָט געהאַט אַ טענדענץ זיך אָפּצוזונדערן אין אַן אייגן וועלטל פון אַ שיל, בית מדרש, תלמוד תורה, און אַ קהילה-הויז ווו ס׳זיינען דערליידיקט געוואָרן אַלע ענינים.

שטופנווייז האָבן פיל קהילות זיך פאַרפולקאָמט: געוואָרן זעלבסטשטענדיק, מיט

אַן אייגענער אַדמיניסטראַציע און אַפילו מיט אַ ריכטער. די לייטונג האָט זיך געפינען אין די הענט פון פרנסים, וועלכע האָבן באַשטימט דעם ביודזשעט. די גבאים האָבן געזאָרגט פאַר פרייוויליקע וואָס זאָלן היטן, אַז ס'זאָלן נישט געמאַכט ווערן קיין מיסברויכן אין האַנדל און אַז די קינדער זאָלן באַקומען אַ גוטע דערציאונג.

די פרנסים זיינען געוויילט געוואָרן יעדן חודש און דער ראש־הקהל — איין מאָל אין יאָר. עס האָבן נישט געפעלט קיין תקיפים, וועלכע האָבן נישט געוואָלט פאַרלאָזן דאָס בענקל. זיי האָבן געשאַפן אַ קליקע, וואָס האָט שוין געזאָרגט, אַז זיי זאָלן ווערן „געוויילט" אויפסניי. די וואַלן אַליין זיינען נישט געווען גאָר דעמאָקראַטיש, אַזוי, אַז שוין דאַן האָבן מיר געהאַט „אייביקע פרעזידענטן"...

איבעראַל האָט געהערשט דיסציפלין: עמך האָט זיך צוגעפאַסט צו די אָנווייזונגען וועגן ריינקייט און כשרות. אויך דאַן האָט שוין עקזיסטירט אַן אָבליגאַטאָרישע פליכט צו העלפן ארץ ישראל. פאַרן נישט צופאַסן זיך צו די קהלישע פאַראָרדענונגען איז געווען אַ געפאַר אַריינצופאַלן אין „חרם", אָבער דאָס האָט זעלטן פאַסירט. אין אַזעלכע פאַלן האָט אינטערווענירט דער רב, וואָס איז געווען דער הויפט־אויטאָריטעט אין דער קהילה. נישט שטענדיק האָט דער ראש־הקהל געוואָלט משלים זיין מיטן דאָזיקן פאַקט; ס'זיינען דעריבער געקומען צו אָפטע קאָנפליקטן און אויף אייניקע ערטער זיינען די רעכטן פונעם מרא דאתרא באַגרענעצט געוואָרן.

די קהילה־זיצונגען זיינען אָפט פאָרגעקומען אין די שבת־צו־נאַכטסן. כמעט שטענדיק האָבן זיך אויך באַטייליקט די אָנגעשטעלטע; דאָס זיינען געווען מלמדים, ראשי הישיבות, דרשנים, סופרים, שמשים, שוחטים, מנקרים און שתדלנים. דאָס זיינען געווען יידישע פאַרלאַמענטן וועלכע האָבן זיך געפונען אין אַ סביבה פון האַס און איזאָלאַציע. ס'זיינען באַהאַנדלט געוואָרן ענינים פון דירה־געלט, מסחר, צדקה, שטראָפן, מאָראַל, לוקסוס און דער עיקר די שטייערן וואָס מען האָט געדאַרפט צאָלן דער מאַכט. ס'איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן אַ פראָטאָקאָל און אָנגענומען רעזאָלוציעס, וואָס זיינען דיסציפלינאַריש רעאַליזירט געוואָרן.

ווען די קהילות האָבן זיך סטאַביליזירט און ס'זיינען נישט פאָרגעקומען קיין ערנסטע פאַרפאָלגונגען האָבן זיך אָנגעהויבן צו שאַפן ראַיאָן־פאַרבאַנדן, אַזוי אַז צום סוף פונעם 16טן יאָרהונדערט האָט זיך געגרינדעט דער „וועד אַרבע הארצות", וועלכער איז געווען אַ מוסטער פון אַ יידישער אויטאָנאָמער אָרגאַניזאַציע. נאַטירלעך האָבן אויך נישט געפעלט קיין שאָטנזייטן, ווייל איין קהילה האָט געוואָלט באַהערשן די צווייטע און דאָס האָט אַרויסגערופן קאָנפליקטן.

אויפן יידישן האָריזאָנט האָבן זיך אָנגעיאָגט שווערע וואָלקנס: די פאָלקס־קאַטאַסטראָפע פון יאָר 1648 ווען די כמעלניצקי־באַנדעס האָבן חרוב געמאַכט גאַנצע קהילות, און אָן רחמנות דורכגעפירט שחיטות, וואָס האָבן אין זיך ענלעכקייט צו דער נאַצישער פאַרניכטונג אין אונדזער דור, האָבן די לעבנסגעבליבענע קהילות זיך געמיט צו ראַטעווען וואָס, ס'האָט זיך געלאָזט, אָבער דער פאַרנעם פון חורבן האָט ווייט איבערגעשטיגן זייערע מעגלעכקייטן.

די צווייטע טראַגעדיע איז געווען דער אַנטשטיין פון די שבתי צבי־באַוועגונג, וועלכע האָט אַרויסגערופן חילוקי דעות ביי דער יידישער מאַסע. די דאָזיקע שטרייטן האָבן געהאַט אַן ערנסטן אָפקלאַנג אויפן „וועד ארבע הארצות"; די קהילות פון גרויס־פוילן, קליין־פוילן, ליטע און רוסלאַנד האָבן געהאַט קעגנזעצלעכע מיינונגען צו דער דאָזיקער משיח־לעכצונג און צו אירע פערספעקטיוון.

די פינאַנציעלע לאַגע פונעם „וועד ארבע הארצות" איז געוואָרן וואָס אַמאָל שווערער, ווייל די שטייערן זיינען געוואָקסן און די הכנסות פון די יידן זיינען רעדוצירט געוואָרן. די יידישע אויטאָנאָמע אינסטאַנצן האָבן געמוזט נעמען הלוואות אויף פראָצענט. דאָס האָט גורם געווען צו פאַרגרעסערן די שטייערן ביי די סוחרים, ביי וועלכע די דאָזיקע האַנדלונג האָט אַרויסגערופן אומצופרידנקייט.

די אויסערלעכע מאַכט האָט געפאָדערט

פאַרקלענערן אַלע הוצאות און די גרעסטע טייל פון דער הכנסה איבערצוגעבן אַלס שטייער פאַר דער פּוילישער מאַכט. אין אַ געוויסער צייט איז געקומען אַ הסכם צווישן פּוילישן פאַרשטייער טשאַפּסקי און דעם כעלעמער פרנס יעקב הערשל, וואָס איז געווען באַפולמעכטיקט צו פאַרהאַנדלען וועגן שטייערן־פּראַגעס.

ליידער האָט דער אָפּמאַך נישט געהאַט קיין דויער, אין 1764 איז אין סיים אַריינגעטראָגן געוואָרן אַ פּראָיעקט אָפּצושאַפן דעם צענטראַלן פאַרבאַנד און באַשטימען אַ דירעקטן אָפּצאָל פון יעדן יידן. דער דאָזיקער פאָרלייג איז טאַקע אָנגענומען געוואָרן און אַזוי איז ליקווידירט געוואָרן דער „וועד ארבע הארצות".

איבעריקנס, ס׳האָט זיך דערנענטערט דאָס יאָר, ווען פּוילן איז צעטיילט געוואָרן צווישן דייטשלאַנד, עסטרייך און רוסלאַנד, אַזוי אַז די קהילות זיינען אַריבער אין גאַנץ אַנדערע אומשטענדן, אָבער אין פּוילן איז כמעט אַלץ געווען צעשטערט און מען האָט געמוזט אָנהייבן אויפסניי. דאָס לעבן איז געווען רייך מיט געשעענישן, וועלכע האָבן געהאַט אַ שייכות צו יידן, אַזוי אַז ווידער זיינען נייטיק געווען קהילות, אָבער דאָס איז שוין אַ נייע תקופה און אַ ניי קאַפּיטל.



פֿ. ניעמאַי

עסקנים און מנהיגים

פאַראַן אַן אונטערשייד צווישן אַן עסקן און אַ מנהיג. אַ מנהיג ווערט באַטראַכט אַלס פערזאָן פון אַ העכערע מדרגה, העכערע קאַטעגאָריע, אָבער אין דער ווירקלעכקייט איז עס נישט אַזוי.

פאַראַן עסקנים אָרנטלעכע, ערלעכע, באַשיידענע, אויפריכטיקע, עסקנים בצרכי ציבור באמונה, און פאַראַן מנהיגים וועלכע זיינען אויך עסקנים בצרכי ציבור, אָבער נישט באמונה, נישט אויפריכטיק, נישט ערלעך. פאַראַן ביי זיי אַן אַנדער סאָרט אמונה. זיי גלויבן בלויז אין די אייגענע כוחות, שטעלן צופיל אויף זיך, זיינען עגאָיסטן, רעכענען זיך נישט מיטן דעת הקהל, פרעגן קיינעם נישט קיין עצות, שטעלן אַליין על דעת עצמם.

דאָס מיינט נישט צו זאָגן, אַז יעדער עסקן איז אַ צדיק, אַן עוסק בצרכי ציבור באמונה און אַז יעדער מנהיג איז נישט אויפריכטיק אין זיין געזעלשאַפטלעכער אַקטואַציע, חס וחלילה. קיין כלל איז עס נישט, אָבער אין אַ סך פאַלן איז עס אַזוי.

וועגן די עוסקים בצרכי ציבור באמונה, איז פאַראַן אַ וויץ, שוין אַ גאָר אַלטער וויץ, אָבער פון די אַלטע וויצן וואָס זיינען שטענדיק ניי:

עס איז דאָ אין ראש חודש בענטשן דער זאָג: „וכל מי שעוסקים בצרכי ציבור באמונה, הקדוש ברוך הוא ישלם שכרם ויסר מהם כל מחלה וירפא לכל גופם״. (די אַלע וואָס טוען געזעלשאַפטלעכע אַרבעט מיט גלויבן, אויפריכטיק, זאָל גאָט באַצאָלן זייער לוין, זאָל זיי באַפרייען פון יעטוועדער קראַנקייט און היילן זייערע קערפּערס). פאַרוואָס־זשע פרעגט זיך, בעט מען ביים רבונו של עולם ער זאָל זיי שיקן אַ רפואה? ווייל ערלעכע עסקנים, אויפריכטיקע, וועלכע טוען זייער געזעלשאַפטלעכע אַרבעט באמונה, האָבן אַ קרענק. אַזוי איז עס.

געטרייַע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט, ווערט ניט שטענדיק אָנערקענט, ניט שטענדיק אָפּגעשאַצט און עס איז זייער אָפט פאַרבונדן מיט זאָרג, פאַרדרוס און עגמת נפש. אַ ערנסטער, אויפריכטיקער געזעלשאַפטלעכער עסקן נעמט זיך שטאַרק צום האַרצן, זעענדיק אַז די אינסטיטוציע אין וועלכער ער איז אַקטיוו, אַנטוויקלט זיך ניט לויט זייַן ווונטש, טרוים און אידעאַל, וואָס געשעט צוליב פאַרשידענע סיבות, שטערונגען, וואָס ער קאָן ניט פאַרמייַדן. עס איז ניט קיין סוד אַז אין יעדער אינסטיטוציע, זיינען אַקטיוו בלויז געציילטע עסקנים, געציילטע קאָמיסיאָנס־מיטגלידער.

ווען עס קומט צו וואַלן, זיינען פאַראַן פיל קאַנדידאַטן, די סיבות? ווייַל מען וויל פיגורירן אין די צייַטונגען, אין דער ליסטע, די רשימה וואָס ווערט פאַרעפנטלעכט אין די צייטונגען, אָבער ווען עס קומט צו דער אַרבעט, איז מען שוין נישטאָ אין דער היים. ריכטיקער געזאָגט, מען איז יאָ אין דער היים, מען זיצט אין דער היים אָבער מען קומט נישט צו די זיצונגען פון אַנשטאַלט. פאַלט דער גאַנצער עול אויף געציילטע עסקנים, וואָס נעמען דעם ענין ערנסט, וואָס זיינען אויפריכטיק, וואָס האָבן זיך געלאָזט דערוויילן אין דער פאַרוואַלטונג גרייט צו אַקטיוויטעט לטובת דער אינסטיטוציע. עסקנים וואָס דינען דעם אַנשטאַלט מיט טרייהייט, אַרבעטן לשמה, נישט לשם, נישט צוליב פיגורירן אין די צייטונגען, נישט צוליב זוכן כבוד. מען וואָלט געווען צופרידן ווען

מען האָט נישט קיין אומכבוד. ווייל עס פֿאַסירט אָפֿט אַזעלכע זאַכן ווען ערלעכע עסקנים ווערן באַליידיקט, פֿאַרלוימדעט פֿון שלעכטע, אַמביציעזע פּערזאָנען.

קומט צו אַ יום־טובדיקער אונטערנעמונג פֿון אַנשטאַלט, דאַן קומען אַלע קאָמיסיאָנס־מיטגלידער, אַפֿילו אַזעלכע וואָס האָבן במשך פֿון וואָכן נישט איבערגעטראָטן די שוועל פֿון דער אינסטיטוציע, אויף איין זיצונג נישט געקומען, זיך נישט מטריח געווען אַפֿילו צו קומען צו די זיצונגען אויף וועלכע מען האָט באַהאַנדלט דעם אופֿן פֿון די צוגרייטונגען צום יום־טוב, די אָרגאַניזירונג, איינאָרדענונג אַזוי, אַז עס זאָל פֿאַרזיכערן דעם מאַטעריעלן און מאָראַלישן דערפֿאָלג. מען קומט שוין צום גרייטן און מען בלאָזט זיך ווי חתנס צד אויף אַ חתונה. קומען מיט פּרעטענזיעס, אַמביציעס, פּרעטענדירן אויף אַן אַנגעזען פּלאַץ אויבנאָן פֿאַר זיך און דער פֿרוי און צומאָלם אויך פֿאַר אַ קינד. עס קומט זיי, זיי זיינען דאָך קאָמיסיאָנס־מיטגלידער און באשר מען קען דאָך נישט געבן יעדן דאָס בעסטע פּלאַץ, דעם אויבנאָן, שאַפֿט זיך רוגז, אומצופֿרידנקייט.

און נאָך אַלעמען פֿאַרדינען דאָך די אמתע עסקנים, די אויפֿריכטיקע, די אַקטיווע, די וואָס טראָגן אויף זייערע פּלייצעס דעם גאַנצן שווערן עול פֿון דער אינסטיטוציע, צי האַנדלט זיך עס פֿון אַ דערציאונגס, פֿילאַנטראָפּישע אָדער לאַנדסמאַנשאַפֿטלעכע אינסטיטוציע, זיי קומט דער אויבנאָן, זיי פֿאַרדינען עס דעם כבוד. אמת איז אויך, אַז זיי די טרייע אויפֿריכטיקע עסקנים, די עוסקים בצרכי ציבור באמונה, וואָלטן מוחל געווען דעם כבוד און וואָלטן אָפּגעטראָטן די פּלעצער, דעם אויבנאָן צו די אַמביציעזע, פּרעטענציעזע עסקנים, קאָמיסיאָנס־מיטגלידער וועמען מען זעט בלויז אויף אַ יום־טובדיקער אונטערנעמונג. זיי וואָלטן עס געטון אַבי אויסמיידן רוגז, אומצופֿרידנקייט, אָבער ס'פּאַסט נישט צוליב די פֿרויען וואָס באַטייליקן זיך אין יום־טוב.

די פֿרויען האָבן שטענדיק טענות צו זייערע מענער, די אויפֿריכטיקע עסקנים וועלכע פֿאַרנאַכלעסיקן פּרנסה, פֿאַרנאַכלעסיקן פֿאַמיליע און זיינען שטענדיק באַשעפֿטיקט לטובת די אינסטיטוציע, אַוועקגעבנדיק פֿאַר דער זעלבער זייער מי, טרחה, אָנשטרענגונג, געלט און געזונט. קומען אַהיים שפּעט ביינאַכט פֿון די זיצונגען, איז על כל פּנים קומט זיי דאָך די פֿרויען פֿון די אַקטיווע טרייע עסקנים, אַז ווען זיי קומען אויף אַ יום־טוב פֿון אַן אינסטיטוציע, זאָל מען זיי געבן אַ בכבודיק פּלאַץ אויבנאָן צוזאַמען מיט זייערע מענער, זאָל עס זיין פֿאַר זיי אַ סאַטיספֿאַקציע, זעענדיק, אַז די שווערע קהלישע אַרבעט פֿון זייערע מענער ווערט אָנערקענט.

נאָך אַ זאַך: די אַמביציעזע, פּרעטענציעזע קאָמיסיאָנס־מיטגלידער, וואָס קומען זעלטן אויף אַ זיצונג, נאָר קומען איין מאָל אין אַ יובל צו אַ יום־טובדיקער אונטערנעמונג, ווילן נאָך האַלטן אַ וואָרט, ווילן מען זאָל זיי צולאָזן צום עמוד, רעדן פֿאַרן עולם, און זאָל די פֿרוי זען, אַז ער איז נישט אַבי ווער, און זאָל זיין נאָמען דערמאָנט ווערן אין די באַריכטן אין די צייטונגען.

קען מען דאָך נישט געבן אַזוי פֿיל ווערטער, שאַפֿט זיך רוגז, אומצופֿרידנקייט אין די אויפֿריכטיקע עסקנים, די אַקטיווע, ליידן דערפֿון, האָבן עגמת נפֿש.

און וואָס אַנבאַלאַנגט דעם עניין מנהיגים, זיינען פֿאַראַן פֿאַרשידענע קאַטעגאָריעס. פֿאַראַן גרויסע מנהיגים, מנהיגי הדור, פֿאָלקס־פֿירער און פֿאַראַן מנהיגים פֿון אַ קלענערער מדרגה, מנהיגים פֿון לאָקאַלע צענטראַלע אינסטיטוציעס, געזעלשאַפֿטלעכע פּאַרטייאישע און אַנדערע.

אַ שולע למשל, אַ שיל, אַ פֿילאַנטראָפּישער, אַ לאַנדסמאַנשאַפֿטלעכער אַנשטאַלט, איז ווערט נישט באַטראַכט אַלס צענטראַלע אינסטאַנץ. די עסקנים פֿון די דערמאָנטע אַנשטאַלטן ווערן נישט באַטראַכט אַלס מנהיגים, זיי ווערט נישט אָפּגעגעבן דער פֿאַרדינטער כבוד, זיי ווערט נישט געשאָנקען די פֿאַרדינטע אויפֿמערקזאַמקייט, הגם זיי זיינען עס די אמתע בויער פֿון אָרגאַניזירטן יידישן לעבן.

זיי בויען, שאַפֿן, גרינדן, האַלטן אויס די אינסטיטוציע, אַרבעטן שווער, זיי זיינען עס די געזעלשאַפֿטלעכע האָרעפּאַשניקעס, אָבער

זיי האָבן נישט די פריווילעגיע פון די מנהיגים, פון די אַזוי גערופענע צענטראַלע אינסטאַנצן. זיי אַנטון דעם כבוד און שיקן אַלס דעלעגאַטן צו אַ יידישן וועלט-קאָנגרעס קיין ישראל אָדער ערגעץ אַנדערשווו, דאָס נישט, אַזאַ זאַך געשעט נישט.

זיי, די געזעלשאַפטלעכע האָרעפאַשניקעס האָבן נישט די פריווילעגיע פון פאָרן אויף קאָנגרעסן על חשבון הקהל און צו געניסן פון די כיבודים וואָס מען גיט זיי אָפ אויף די וועלט-קאָנגרעסן, וועלכע ווערן אויפגענומען בסבר פנים, פון די וואָס אָרדענען איין די קאָנגרעסן און פון גרויסע אינסטיטוציעס פון די ישובים וווּ די קאָנגרעסן קומען פאָר.

אמת איז, אַז קיין גרויסע ראָל אויף די וועלט-קאָנגרעסן שפילן זיי נישט די מנהיגים-דעלעגאַטן, ווייל די רעזאָלוציעס זיינען שוין אויסגעאַרבעט פון פריער און די אַפשטימונג איז בלויז — פאָרמאַליטעט, אָבער זיי קערן זיך אום צוריק פון די קאָנגרעסן און פאַרופן פרעסע-קאָנפערענצן און דערציילן זייער באַטייליקונג אין די קאָמיסיעס און די גרויסע אויפטוען. געקומען פון איין קאָנגרעס און מען טראַכט שוין וועגן אַ צווייטן, שטענדיק די זעלבע דעלעגאַטן, די מנהיגים פון די צענטראַלע אינסטאַנצן. פון איין קאָנגרעס אַרויס און אין צווייטן אַריין, אַלין אויפן חשבון הקהל, געוויינטלעך, און קיין פאָזיטיווע רעזולטאַטן זעט מען נישט.

פאַראַן עסקנים, שוין צענדליקער יאָרן אַקטיוו אויפן געזעלשאַפטלעכן געביט, טרייַע, איבערגעגעבענע עסקנים פון וווילטעטיקע אַנשטאַלטן, פון דערציאונגס-אינסטיטוציעס, אָבער נאָך קיינמאָל נישט באַטייליקט זיך אין אַ יידישן וועלט-קאָנגרעס. ווער רעכנט זיך מיט זיי? עס פאָרן שטענדיק די זעלבע מנהיגים פון די צענטראַלע אינסטאַנצן.

און אַז זיי פאָרן שטענדיק אַרום, בלייבט שוין ווינציק צייַט, פאַר לאָקאַלער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. עס זיינען פערזאָנען וואָס האָבן אַ גרויסן זכות, ווי שטייט געשריבן: „זכה מלאכתו נעשית על ידי אחרים" — אַז ווען מ'איז זוכה ווערט געטון די אַרבעט דורך אַנדערע, און די אַנדערע זיינען אַלטע עסקנים, די געזעלשאַפטלעכע האָרעפאַשניקעס, די וואָס האָבן געבויט און זאָרגן פאַרן אויפהאַלט פון די וווילטעטיקע און דערציאונגס-אַנשטאַלטן. זיי זיצן אין דער היים און אַרבעטן לטובת הכלל.

און אפשר איז עס אַ גליק, וואָס מען שיקט זיי נישט אַלס דעלעגאַטן צו וועלט-קאָנגרעסן, קענען זיי פאָרזעצן אומאיבערגעריסן זייער אַקטיוויטעט לטובת הכלל. אָבער פאַרדרוס האָבן זיי די עסקנים, צוליב דעם וואָס מען קוקט זיך נישט אום אויף זיי, מען רעכנט זיך נישט מיט זייערע מיינונגען, מען שענקט זיי נישט די פאַרדינטע אויפמערקזאַמקייט און נישט מען טראַכט אַפילו פון זיי דערוויילן אָדער באַשטימען אַלס דעלעגאַטן צו וועלט-קאָנגרעסן.

און עס איז נישט בלויז קיין פראַגע פון קאָנגרעסן. קומט אַ דורכגעפירטער יום-טוב אין דער ישראל-אַמבאַסאַדע, למשל, די פייערונג פון יום העצמאות, איז לאַדט מען איין בלויז די גדולים, די פירער פון די צענטראַלע אינסטאַנצן, די מנהיגים, אָבער מען לאַדט נישט איין די עסקנים פון די שולעס, שילן, פילאַנטראָפישע אַנשטאַלטן, איר זעט זיי דאָרטן זייער ווינציק. אַן עסקן, אַ לאַנגיאָריקער עסקן עטלעכע צענדליק יאָר אַקטיוו אויפן געזעלשאַפטלעכן געביט, אַ לעבן אַוועקגעגעבן לטובת הכלל, אָבער ער פיגורירט נישט אין דער רשימה פון די וואָס ווערן איינגעלאַדן צו די יום-טובדיקע אונטערנעמונגען אין דער ישראל-אַמבאַסאַדע.

פאַרדריסט עס נאַטירלעך, אָבער נישט דערפאַר, וועלן זיי, די טרייַע עסקנים, די געזעלשאַפטלעכע האָרעפאַשניקעס, פאַרלאָזן חלילה די אַרבעט אין די אינסטיטוציעס וועלכע זיי האָבן ליב ווי אַ מוטער איר קינד, ווייַל גענוג מי, אַרבעט, אָנשטרענגונג, געזונט האָט עס זיי געקאָסט, ביז מען האָט געשטעלט די אינסטיטוציע פעסט אויף די פיס, זיי האָבן די אינסטיטוציעס ליב, זיינען אידענטיפיצירט מיט זיי און זעצן פאָר די אַרבעט מיט טרייהייט און ליבשאַפט, הגם זייער אַרבעט ווערט נישט ריכטיק אַנערקענט און אָפגעשאַצט.

פאַליק לערנער

אַ דור וואָס האָט נישט געהאַט קיין המשך

(מחשבות וועגן דער עוואָלוציע פונעם יידישן לעבן אין אַרגענטינע)

מיר ווייַזט זיך אויס אַז דאָס יידישע לעבן אין אַרגענטינע געפינט זיך איצט אין אַ סיטואַציע און אין אַן עטאַפ, אַז מיר קאָנען מאַכן אַ שטיקל סך־הכול פון דעם וואָס מיר האָבן געשאַפן אין דעם דאָזיקן לאַנד אויף פאַרשידענע געביטן און — וואָס עס איז פון דעם געבליבן. דאָס דאָזיקע לעצטע וואָרט „געבליבן", וועט פאַר אַ סך קלינגען ווי אַ פאַראַדאָקס, אָבער עס זיינען פאַראַן צענדליקער פאַקטן אין אונדזער ציבורדיקן לעבן, וואָס באַווייַזן אַז די דאָזיקע דעפיניציע איז בשום אופן נישט קיין פאַראַדאָקס, נאָר אַ ביטערע ווירקלעכקייט. אונדזער ציבורדיק לעבן איז די לעצטע יאָרן אויסגעוואַקסן בלי עין־הרע, ווי אַ געדיכטער וואַלד, אָבער ווי עס פאַסירט בדרך־כלל... דערזעט מען נישט צוליב דעם וואַלד די ביימער. מיר וועלן אין די ווייַטערדיקע שורות פרוון אויפקלערן דעם ענין.

די וואָס קענען דאָס יידישע לעבן פון אַרגענטינע מיט פערציק און אַפילו דרייַסיק יאָר צוריק, וועלן מוזן אָנערקענען, אַז מיר האָבן פאַרלוירן איינעם פון די סימפאַטישסטע שטריכן מיט וועלכע אונדזער ישוב האָט זיך אויסגעצייכנט: דאָס געפיל פון פרייַוויליקייט. דער יסוד פון דעם ציבורדיקן יידישן לעבן אין אַרגענטינע איז געלייגט געוואָרן דורך וואָלונטירישער, פרייַוויליקער אַרבעט פון טויזנטער אידעאַליסטן. ד"ה, אַז די באַזע פון אונדזער ציבור איז פון סאַמע אָנהייב אָן געווען דער יחיד און זיין אַחריות פאַרן כלל. אַלע גרויסע וווילטעטיקע אינסטיטוציעס וואָס עקזיסטירן ביז הייַנט צו טאָג, זיינען געגרינדעט, אָנגעפירט און אויסגעהאַלטן געוואָרן פון אידעאַליסטישע יחידים וואָס האָבן אַוועקגעגעבן זייער צייַט, זייער אַרבעט און אויך זייער געלט אויף אַ פרייַוויליקן אופן פאַר די דאָזיקע אַנשטאַלטן. דאָס יידישע לעבן אין אַרגענטינע האָט זיך קיינמאָל נישט אויסגעצייכנט מיט דעם טיפ מעצענאַטן־יחידים, ווי מען טרעפט אין די פאַראייניקטע שטאַטן, און ווי עס זיינען אַמאָל געווען אין די מזרח־אייראָפעאישע ישובים, ווו איין יידישער גביר האָט געגרינדעט און אויסגעהאַלטן אַ שפיטאָל, אַ ישיבה אָדער אַ מושב־זקנים. עס זיינען דאָ שטענדיק געווען רייַכע יידן, וואָס האָבן זיך באַשטייַערט מיט גרעסערע סומעס פאַר געזעלשאַפטלעכע און וווילטעטיקע הצטרכותן, אָבער קיין אמתע מעצענאַטן האָבן מיר דאָ קיינמאָל נישט געהאַט. אַלין וואָס איז דאָ געשאַפן געוואָרן, איז געווען דורך דער פרייַוויליקער אַרבעט פון געזעלשאַפטלעכע עסקנים, וואָס האָט זיך געשטיצט אויף דער מאַסע פון יחידים.

נעמענדיק אין אַכט די דאָזיקע אַנטעצעדענטן פון אונדזער ציבורדיקן לעבן, שטעלט זיך די פראַגע: ווו איז אַהינגעקומען די דאָזיקע טראַדיציע פון פרײַוויליקייט? צי שוין זשע איז פאַר עמיצן אַ סוד אַז אונדזערע ווילטעטיקע אינסטיטוציעס בלײַבן וואָס אַמאָל אַלץ מער אָן עסקנים? אין אַזאַ ישוב ווי אונדזערער, ווו דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן איז געשאַפן געוואָרן און אין משך פון צענדליקער יאָרן אָנגעפירט געוואָרן פון פרײַוויליקע עסקנים, האָט מען געקאָנט האָפן אַז עס וועט זײַן אַ המשך, אַ נאָכוווקס אין דעם זין. און וואָס זעען מיר? מיר זעען אַ פונקט־פאַרקערטע דערשײַנונג. די נײַע דורות, וואָס האָבן געדאַרפט פאָרזעצן די דאָזיקע שיינע טראַדיציע פון געזעלשאַפטלעכער פרײַוויליקייט, ווילן כמעט גאָר נישט וויסן פון אונדזערע ווילטעטיקע אינסטיטוציעס און די אינסטיטוציעס ווו זיי אַקטואירן יאָ — באַזונדערס אין די קרעדיט־קאָאָפעראַטיוועס — האָבן עלפי־רוב אַ שייכות מיט מאַטעריאַליסטישע אינטערעסן. די שיינע מידה פון טאָן עפעס פרײַוויליק פאַר דעם אָרעמען און נויטבאַדערפטיקן, מיט וועלכער עס האָבן זיך אויסגעצייכנט הונדערטער און אפשר טויזנטער יידישע פאָלקס־מענטשן איז ווי עפעס אויסגערונען געוואָרן, ווי גלײַך אַזאַ זאַך וואָלט גאָר קיינמאָל נישט געווען עקזיסטירט ביי אונדז.

היוצא לנו מזה? וואָס דערציילט אונדז דער דאָזיקער פאַקט? ער דערציילט אונדז אַז דער דור וואָס האָט געשאַפן און געבויט דאָס היגע יידישע געזעלשאַפטלעכע לעבן האָט נישט קיין המשך אין דעם געזעלשאַפטלעכן זינען פון וואָרט. אמת, מיר האָבן היינט גרעסערע און שענערע בנינים פאַר אונדזערע אינסטיטוציעס; דער פאַרנעם פון אונדזער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט איז ראַשיקער, מיט מער אָנשטעל, ווי מיר וואָלטן געזאָגט, אָבער אין אידעאַליסטישער סובסטאַנץ שטייען די היינטיקע יידישע אינסטיטוציעס אויף אַ סך אַ נידעריקערער מדרגה ווי די אַמאָליקע קליינע און אָפטמאָל אַלטפרענקישע אינסטיטוציעס. אין די פאַראייניקטע שטאַטן, למשל, איז דער ענין פון פראָפעסיאָנעלער אָנפירונג פון די יידישע אינסטיטוציעס אַ נאַטירלעכע דערשײַנונג און עס איז אויף דעם דאָזיקן געביט אויסגעוואַקסן אַן אמתע אַרמיי פון פעאיקע באַאַמטע — די אַזויגערופענע „סאָשעל וואָרקערס” — וואָס ווייסן ווי מען דאַרף אָנפירן מיט אינסטיטוציעס. ביי אונדז, האָבן מיר לאַנגזאַם פאַרלוירן דעם דור פון די פרײַוויליקע עסקנים און קיין נײַעם דור אויף זייער פלאַץ האָבן מיר נישט באַקומען, און מיר פאַרמאָגן אויך נישט דעם דאָזיקן שיכט פון פראָפעסיאָנעלע געזעלשאַפטלעכע פירערס, ווי עס איז דער פאַל אין די פאַראייניקטע שטאַטן. מיר האָבן טויזנטער יידישע יוגנטלעכע וואָס אַרבעטן אין די יידישע אינסטיטוציעס אַלס אָנגעשטעלטע, אָבער דאָס זיינען פשוטע באַאַמטע און נישט קיין אָנפירנדיקע עלעמענטן און אָפטמאָל האָבן זיי אַפילו נישט דעם חוש פאַר דער ספעציפישקייט פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט.

דער בעסטער באַווײַז פון אַט דעם מצב, איז די הײַנטיקע יידישע לערערשאַפט. ווי באַוווסט, איז הײַנט די גרעסטע מערהייט לערערס (בעסער־געזאָגט, לערערקעס) היגע־בוירענע און דאָ אויסגעבילדעטע פראָפעסיאָנאַלן אויפן פעדאַגאָגישן געביט. מיר האָבן, הייסט עס, אויף דעם דאָזיקן געביט אַ המשך. עס איז אָבער גענוג צו פאַרפירן אַ פשוטן שמועס מיט איינער פון די דאָזיקע לערערקעס, אויף צו געבן זיך רעכענונג ווי פלאַך עס זיינען זייערע ידיעות נישט נאָר אויפן געביט פון דעם אַלגעמיינעם יידישן לעבן, נאָר אויף זייער אייגענעם געביט, אַלס דערציערס. פאַרשטייט זיך, אַז אין אונדזערע באַדינגונגען מוזן מיר זאָגן „גם זו לטובה” (עס וואָלט געקאָנט זײַן ערגער), אָבער קיין פאַקטן קאָן מען נישט פאַרלייקענען. די הײַנטיקע יידישע לערערס (פאַרדאָן, לערערקעס...) קאָנען האָבן געענדיקט אַ לערער־סעמינאַר, זיי קאָנען אַפילו זײַן גראַדואירט אין אַ נאָרמאַל־שול מיט די געהעריקע דיפלאָמען, אָבער דאָס וואָס אַן אַמאָליקער גוטער יידישער לערער האָט פאַרמאָגט אין יידיש וויסן אין יידיש געפיל און אידעאַליזם, האָבן זיי נישט די הײַנטיקע לערער. אויך

אין דעם זין איז דאָס אַ נייַער דור „אשר לא ידע את יוסף”...

און אויף צו פאַרענדיקן די דאָזיקע באַטראַכטונגען פון דעם וואָס מיר האָבן געהאַט און מיט וואָס מיר זיינען געבליבן, ווילן מיר באַרירן אַ צווייטן אַספּעקט פון אונדזער ציבורדיקן לעבן. ווי באַוווסט, גרויסן מיר זיך מיט דעם וואָס אונדזער געזעלשאַפטלעך לעבן געפינט זיך אונטערן קאָנטראָל פון פּאַרטייאישע ריכטונגען, דורך דעם וואָס אונדזערע צענטראַלע אינסטיטוציעס ווערן אָנגעפירט פון פאַרוואַלטונגען וואָס זיינען צוזאַמענגעשטעלט פון פאָרשטייער פון פאַרשידענע פּאַרטייען. מיר זאָגן אַז דאָס איז אַן עוואָלוציע צום גוטן פון אונדזער אַמאָליקן געזעלשאַפטלעכן לעבן, אַרום וועלכן עס האָבן זיך „געקהלט” סתם יידן, וואָס האָבן „קיינעם נישט פאַרטראָטן” אויסער „זיך אַליין”. איז ווי זשע זעט דאָס טאַקע אויס אין דער ווירקלעכקייט? האָט אונדזער ישוב אויף דעם געביט דורכגעמאַכט אַ פּראָגרעס אָדער איז אַוועק אויף צוריק, אויף וויפל עס האַנדלט זיך וועגן דעם קאָנטראָל פון דער עפנטלעכער מיינונג, אָדער דעת-הקהל, ווי מיר ווילן דאָס אָנרופן יידישלעך?

מיר ווילן נישט מוציא דיבה-זייַן אויף קיינעם און אויף גאָר נישט, אָבער ווידער זיינען די פאַקטן די וואָס דערציילן אונדז ווי מיר האַלטן אין דעם זין. די וואָס געדענקען דאָס יידישע לעבן אין אַרגענטינע פון פערציק און אַפילו דרייַסיק יאָר צוריק, ווילן זיך געוויס דערמאָנען וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן בעת וואַלן אין אַ יידישן שפּיטאַל, אין דער חברה קדישא, אין מושב זקנים און בית-יתומים. די פּשוטע יידן, וואָס האָבן „קיינעם נישט פאַרטראָטן” האָבן פונדעסטוועגן אַרויסגעוויזן אַ טיפן אינטערעס צו די אינסטיטוציעס און האָבן געהאַט זייערע פּרעפערענצן פאַר די מענטשן וואָס זאָלן מיט זיי אָנפירן. ווער פון אונדז געדענקט עס נישט די וואַל-אַקטן מיט די „ליסטעס”? און וואָס זעען מיר הייַנט? אויב מען קאָן צונויפנעמען הונדערט מענטשן צו אַ גענעראַל-פאַרזאַמלונג פון אַ גרויסער יידישער אינסטיטוציע, איז דאָס אַ גרויסע דערגרייכונג. וואָס מיינט עס? עס מיינט אַז די נייע סיסטעם מיט וועלכער מיר גרויסן זיך אַזוי האָט נישט נאָר נישט באַוויזן אויסצוברייטערן דעם אינטערעס פון דער גרויסער מאַסע לגבי די אינסטיטוציעס, נאָר האָט געשאַפן אַ קלימאַט פון אַפּאַטיע, פון גלייַכגילטיקייט. אונדזערע גרעסטע אינסטיטוציעס ווערן הייַנט אָנגעפירט פון צוויי מנינים מענטשן.

און דאָס, רבותי, קאָן מען נישט באַצייכענען אַלס קיין פּראָגרעס. וועגן קיין המשך קאָן דאָ אַוודאי און אַוודאי נישט זייַן קיין רייד.

ז. וואַסערצוג

פראָווינציעלע ייִדן...

אונדזערע זיידעס און באָבעס, אַ ליכטיקער גן־עדן אויף זיי, פלעגן אָנהאַלטן די אויסגעפרוווטע טאַקטיק בנוגע זייערע קינדער: נאָר נישט לויבן!

אַ פאַטש, אַפילו אַן אומפאַרדינטער פאַטש — פלעגן זיי זאָגן — טוט נישט אַזויפיל שלעכטס אַ קינד, ווי לויבן אים, אַפילו ווען ער האָט דאָס פאַרדינט...

נו, הײַנט ווייסן מיר שוין, אַז די טאַקטיק איז אַ פאַלשע און שעדלעכע דערצו. אַזאַ סיסטעם, נישט נאָר בנוגע קינדער, דערדריקט די פערזענלעכקייט און סטימולירט נישט צו שעפערישקייט.

מען מוז געדענקען, אַז אַ לויבוואָרט, אויסער דער געפאַר פון קענען זיך חס ושלום איבערנעמען, לייגט עס אויך אַרויף פליכטן. און די פאָדערונגען און פליכטן זיינען הײַנט אַזעלכע גרויסע, אַז ס'איז כמעט פאַרשוווּנדן די געפאַר פון קענען זיך איבערנעמען מיט אַ וואָרט.

באַזונדער איז דאָס וויכטיק און נויטיק בנוגע די פראָווינציעלע ייִדן. זיי פאַרדינען אַז מיר זאָלן זיי אַ לויב טון.

מ'דאַרף אנערקענען, אַז עס איז פיל־פיל שווערער צו זײַן אַ ייִד און אויפהאַלטן אַ ייִדיש קהילה־לעבן אין דער פראָווינץ — און אוודאי, אין דער ווײַטער פאַרוואָרפענער פראָווינץ — איידער אין דעם גרויסן צענטער פון דער הויפטשטאָט.

דאָס דאַרף מען גוט אונטערשטרײַכן און זאָגן הויך אויפן קול. זאָל דער פראָווינץ־ייִד עס הערן און וויסן.

אַ פראָווינציעלער ייִד . . .

מען פלעגט דאָס תמיד אַרויסזאָגן מיט אַזאַ



איראָנישן קנייטש, מיט אַזאַ באַזונדערע אינטאָנאַציע, וואָס האָט באַהאַלטן אין זיך אַ גאַנצע שיטה.

דאָס זיינען פאַרבליבענע שפורן פון דעם אַמאָליקן שטאָטישן ייִדן צו גרויסן זיך, צו וועלן זיך אַרויסשטעלן מיט זײַן וווילגעלערנטקייט, קעגן דעם פראָווינץ־ייִדן, קעגן דעם אַרענדאַר...

ווײַטע שפורן פון דער אַלט־אַלטער ירושה־באַציאונג פון תלמיד־חכם צו אַן עם־הארץ.

הײַנט ווייסט שוין יעדער איינער, אַז דאָס זיינען פאַרעלטערטע באַגריפן. די גרויסע שטאָט, באַזונדערס אין אונדזערע נײַע ישובים, באַשטייט ווײַט נישט פון לויטער תלמידי חכמים... גלײַך ווי דער פראָווינץ־ייִד איז מער נישט קיין סינאָנים פון פאַרגרעבטקייט.

בײַ דעם פראָווינץ־ייִדן איז אָבער נאָך פאַרבליבן דער געפיל פון מינדערווערטיקייט.

ער דערשאַצט זיך נישט דער פראָווינץ-ייד און ער דערשאַצט נישט זייַן אַרבעט, וועלכע ער טוט מיטן גאַנצן ערנסט און כוונה, אָן רעש, אָן בלאָזן זיך, אָן דעם אָנשטעל אַז ער ראַטעוועט דערמיט די כנסת ישראל.

„מ'שטייגס געזאָגט וואָס זיינען מיר דען און וואָס ווייסן מיר דען!" — זאָגט און טראַכט נאָך אַלין דער פראָווינץ-ייד.

און ס'איז נויטיק אויסצוהיילן דעם פראָווינץ-ייד פון זייַן מינדערווערטיקייט-קאָמפלעקס.

ס'איז נויטיק צו וועקן זייַן באַוווסטזייַן, אַז ער האָט נישט קיין שום מאָטיוו צו פילן זיך געפאַלן לגבי דעם שטאָטישן יידן.

איך האָב נישט געהאַט דאָס גליק צו באַקענען זיך מיט די ווייַטע יידישע ישובים אונדזערע אויף דער פראָווינץ, אָבער עס זיינען מיר באַקאַנט די יידישע ישובים, וואָס ליגן אויף דער גרענעץ אַרום אונדזער הויפטשטאָט.

סך הכל 25-30 מינוט רייַזע פון צענטערשטאָט, און מ'האָט דעם איינדרוק, אַז מ'איז אַרייַנגעפאַלן אויף אַ נייַעם פלאַנעט. אַנדערע יידן מיט אַנדערע השגות און געמיטער.

זייערע ווערטער זיינען קורצע און רויע, נישט פאָלירטע, אָבער אַזאַ אוממיטלבאַרע אויפריכטיקייט און האַרציקייט עס פלייצט פון זיי. אַזויפיל ערנסט און אויפריכטיקייט ער טראָגט אַרייַן אין זייַן געזעלשאַפטלעכער אַרבעט.

אויף פיל יום-טובים און אונטערנעמונגען פון פאַרשיידענעם כאַראַקטער איז מיר אויסגעקומען בייַצוזייַן ביי די „קאַמפעוואָיע" יידן, אין די שטעטלעך אַרום בוענאָס אייַרעס.

רוישיקע טומלדיקע יום-טובים זיינען דאָס געווען, מיט לייַכטנדיקע פנימער און פינקלענדיקע אויגן. אַפילו די נישט-יידישע שכנים האָבן זיך מיטגעפרייט מיט די טשיקאַווע „רוסאָס".

אין די ענגע, אימפראָוויזירטע סאַלאָנען — אַן ענגעניש, אַ שטופעניש, אַ געמיש פון דעקלאַמאַציעס מיט געוויין פון קינדער און פלירט.

אַ געמיש פון דזשאַז-מוזיק, מיט די „לא'ס", וואָס קוקן אַראָפ פון די אַלטע לוחות אונדזערע, וואָס שטאַרן אַרויס פונעם פאַרשטעלטן ארון-קודש...

אַ געמיש פון סאַנדוויטש-ריחות, מיט פאַרפום; קלאַנגען פון זאַפטיקן יידישן לשון פון די „וויעכאָס", מיט אַ קערנדיקן קריאָזשעשפאַניש פון דער יוגנט.

און דאָך האָב איך יעדעס מאָל מיטגענומען פון די יום-טובים אַ פונק פון יום-טובדיקייט, אַ פונק פון שיינקייט און דערהויבנקייט.

פאַראַן עפעס פון פיאָנערישקייט, פון חלוצישקייט אין די וואָכן-טעג און אין די יום-טובים און אין דער מי פון גרייטן זיי, ביי די פראָווינץ-יידן. אַליין געהאָרעוועט ביים מאַכן די בימה און ביים אַרייַנטראָגן און אַרויסטראָגן די בענק. אַפילו די סאַנדוויטשן זיינען געמאַכט אַליין, מיט די אייגענע הענט...

און אין פיל פאַלן איז דער סאַלאָן זעלבסט, דער „בית המקדש מעט" געמאַכט געוואָרן דורך די קאָמיסיאָנס-מיטגלידער. אַליין געשלעפט ברעטער און ציגל, אַליין געגראָבן, געקלאַפט און צעבלוטיקט זיך די הענט.

זאָגט אייַך וואָס איר ווילט, מען ווערט באַווירקט, מען ווערט סענטימענטאַל, אַז מען קומט אין באַרירונג מיט די „פאַרגרעבטע" פראָווינץ-יידן. עס אָטעמט מיט עכטקייט און מיט גאַנצקייט פון זיי, זייער פרייד איז אַן עכטע און זייערע קרעכצן און נתינות אויף אונדזערע צרות, זיינען אויך עכטע...

די פרימיטיווקייט פון די פראָווינציעלע יידן האָט אין זיך עפעס פון דער שיינקייט פון אָנהויב, פון מעשה בראשית.

ווער עס וויל באַקומען אַ באַגריף ווי אַזוי עס שאַפט זיך, ווי אַזוי עס קומט-אויף אַ נייַער יידישער קיבוץ, קען ער דאָס זען מיט די אייגענע אויגן — נאָר ביי די „אָפגעשטאַנענע" פראָווינץ-יידן.

ניין, ער דאַרף זיך נישט פילן מינדערוויכטיק, דער „קאַמפעוואָיער" ייד, מיט אַלע זייַנע שוואַכקייטן.

געסט אין יידישן ישוב פון לאָמאַס דע סאַמאָראַ,*)

---

*) לויטן א״ב

שרייַבער יצחק איזאַקזאָן
„אינאַרקוף" — טעאַטער אַנסאַמבל

שרייַבער יעקב באָטאָשאַנסקי
הרב עברם בלום
דיכטער נתן ביסטריצקי — ישראל
הרב נחמיה בערמאַן
הרב שלמה בן חמו
יעקב בן אורן — ישראל
חנן בלינדה — ישראל
עסקן יעקב בערקאָוויטש
חזן עקיבא באַרסקי
חזן פּנחס באָרנשטיין
חזן אליהו באָרוכאָוויטש
אַרטיסטן־פּאָרל בוזגאַן־שילער

עסקן נחמן גינזבורג
מיכל גרייוועך — ישראל
הרב שלמה גורן — ישראל
הרב שלמה גליקסבערג
ד"ר איסאַק גאָלדענבערג
עסקן ציוני נחמן געזאַנג
וויצאָ־עסקנית בערטאַ גערשונאָוו
וויצאָ־עסקנית דינה גאָראָדעצקי
וויצאָ־עסקנית יהודית גינזבורג — ישראל
שרייַבער שמואל גלאַזערמאַן
פּראָפ. אפרים גינזבורג
עסקן ציוני יצחק גאָרדאָן
חזן אַהרן גוטמאַן
חזן מנחם גילד
חזן שמואל גילמאַן
וואָרט־קינסטלער הערץ גראָסבאַרד
זינגער ברוך גראַבאָווסקי
אַרטיסטן־פּאָרל גערא־לאָנדנער

ד"ר ריקאַרדאָ דובראָווסקי
עסקן ציוני מרדכי דיין
עסקן ציוני אינזש. משה דיין

חזן שמואל דאַשעווסקי
אַרטיסטן־פּאָרל דענקער־ווינדלער

ישראל שרייַבער הלוי
יצחק הרכבי
שרייַבער יוסף האָרן
הרב מרדכי הערבסט
חזן אָסקאַר האַלפּערין
אַרטיסטן־פּאָרל הירשפעלד־ראַפּעל
אַרטיסטן־פּאָרל לעאָן און הדסה האַלפּערין

ד"ר גרעגאָריאָ ווערביצקי
ד"ר מאַרקאָס וואָדאָוואָז
דיכטער שניאור וואַסערמאַן
חזן קלמן ווייץ
חזן צבי ווילנער
קאָמפּאָזיטאָר לעאָן ווײַנער
אַרטיסטן־פּאָרל וואַרשאַווסקי־מאַרקאָ

שרייַבער אַברהם זאַק
קאָראָנעל זאב — ישראל

משה טוב — ישראל
משה טראָפּ — ישראל
